מענדעלע מוכר ספרים

(ש. י. אבראמאוויטש)

אלע ווערק

J-N-5

אלע ווערק פון

מענדעלע מוכר ספרים

(ש. י. אבראמאוויץ).

די טאקסע

ענטדעקונג פון וואהלין

א שטאדט אין מזרח־וואנד

BRANCH 592 of WINDSOR, CA[illegible]
Organized May 26th, 1915

V. באנד.

אידישע פאלקס ביבליאטעק
ווינדזאר, 814 אירי, איסט
[illegible] י. ל. פרץ-שול

קראקא תרעא.

פערלאג „מענדעלע“

ווארשא. נוי יארק. ווילנא

אידישע פאלקס ביבליאטעק
ווינדזאר, 814 אדי, איסט
ביי דער י. ל. פרץ-שול

/c

די טאקסע

אלע רעכטע אין אייראפא און אמעריקא פארבעהאלטען.

דרוק פֿאן יוסף פֿישער אין קראקא.

אמר מענדעלי מוכר ספרים—זאָגט מענדעלי מוכר ספרים: געלויבט איז דער בורא, וואָס האָט בעשאַפען גרויסע ימים, זעהר פיעל טייכען: דעם נילוס, דעם טעטערעוו און דעם בעריהמטען טייך גנילאָפיאַטקע, וואָס האָט בעשאַפען די הרי חושך, די מדבריות, פוסטינעס, אַ סך ווילדע מקומות און די גרויסע יודישע שטאָדט גלופסק, געלויבט אִיז זיין ליבער נאָמען, וואָס האָט אונז אידען אויסגעוועהלט פון אַלע אומות און האָט אונז געלייטזעליגט מיט אַ טאַקסע, מיט אַ קעסטעלע, מיט פאָפעמשיטעלעס, מיט גבאים, מיט קהלס-לייט, מיט פאוויערענעס, מיט בוררים, ישרנים, שתדלנים און מיט זעהר פיעל בטלנים. געלויבט אִיז דער בורא פאַר אַלצדינג, וואָס ער בעשאַפען: געלויבט אִיז ער פאַר די ווילדע חיות, לייבען, לעמפערטען, וועלף, בערען, און פאַר די בעלי-טאַקסעס, געלויבט אִיז ער פאַר די בהמות, פאַר די אָקסען, פאַר די פערד, פאַר די אייזלען, פאַר די גלופסקער פיינע בריות און פאַר דער גאַנצער חאָפטע בעלי טובות... נישט דאָס אָבער בין אִיך אויסען, אִיך דאַנק און לויב גאָט, וואָס ער האָט מיך בעהאַרצט און מיר געהאָלפען אָבצודרוקען די דאָזיגע שרעקליך-שיינע מעשה, אִיך האָב ניט געזשאַלעוועט קיין מיה, ניט קיין געלט און האָב ניט געקוקט

Digitized by the Internet Archive
in 2026

אידישע פאָלקס
ביבליאטעק.

https://archive.org/details/ditakse0000shab

מען גרויסע זשאַלאָוואַניעס פון אונזער בּלוט, פון אונזער געלט, און בּעגראָבּען אונז נאָך צעהן איילען אין דער ערד, הכלל דער מלאך המות שעכט און בּלייבּט גערעכט. מיר זעהען זעהר גוט אַרויס, אַז מיט שרייען, מיט פּראשעניעס וועלען מיר גאָרנישט מאַכען, די בּעלי טובות וועלען זיך אומעטום קענען פערענטפערען, און זייער פערענטפערען זיך וועט נאָך אונז קאָסטען געלט, עס וועט אַלצדינג אויסגעהן צו אונזער קאָפּ... מיר ווילען נאָך פּרובּען איין מיטעל: אָבּדרוקען די דאָזיגע מעשה, וואָס איינער פון אונזערע שטאָדט־לייט האָט זי אָנגעשריבּען, זיין נאמען וויל ער דערווייל ניט מגלה זיין, מחמת כמה טעמים, מיר פערזיכערען אַייך, אַז אַלצדינג, וואָס דאָ שטעהט, איז אמת, מיר קענען אפילו שווערען אין טלית און אין קיטעל, פערקעהרט, דאָ פעהלט נאָך זעהר פיעל זאַכען, מיר בּעטען אייך, ר׳ מענדעלע, טהוט אַ מצוה און דרוקט אָבּ די מעשה, אונזערע נעמען קענען מיר אַייך איצט ניט אויסשרייבּען, נאָר איהר זאָלט וויסען, אַז אין אונזער בּריעף שרייט צו אַייך אַ קול פון אַ סך צובּראכענע הערצער, פון אַ סך אומגליקליכע אידען, דאָס איז אַ קול פון אָרעמע לייט, פון נויט־בּעדערפטיגע, פון בּעלי מלאכות, און פון דערשלאָגענע מענטשען, וואָס מען דושעט זיי ווי קעץ און מען לאָזט זיי ניט קיין קאָפּ אויפהויבּען, דאָס איז אַ קול פון פערוויסטע ווייבּער און קינדער, וואָס מען האָט זייערע מאַנען, זייערע טאַטעס נעבּעך פערשיקט און אַיינגעזעצט אין די טורמעס, דאס איז אַ קול פון אַ סך דערשלאָגענע, פערוואָגעלטע, אידישע קינדער, הערט, ר׳ מענדעלע, דאָס קול, פאָלגט און דרוקט אָבּ די מעשה, תּאָמה וועט דורך דעם נצמח ווערען אַ טובה. אידען חלעבּען וועלען די דאָזיגע מעשה קויפען, וואָרום עס קען זיין, אַז זי פערלויפט זיך ניט נאָר אין גלופּסק אַליין, אפשר טאַקע אויך אין אַנדערע אידישע שטעדט״...

אָט דאָס איז אין קורצען דער בּריעף, וואָס איך האָבּ מקבל געוועזען. איך האָבּ איבּערגעלייענט די מעשה און האָבּ מיר פאָרגע־

דערויף, וואָס אַטייל וועלען אויף מיר שטאַרק ברוגז זיין. די מעשה איז חלעבען אמת. איך האָב יאָ אָסור ניט אויסגעטראַכט פון דעם קאָפּ, הערט נאָר, אידען, הערט נאָר, וואָס עס איז געשעהן:

מעשה שהיה כך היה. היינטיגען טאָג נאָך סכות האָב איך מקבל געוועזען אַ פּאַסילקעלע, וואָס איז אָנגעקומען דורך דער פּאָטשט גלייך צו מיר אויף מיין נאָמען. איך האָב תחלת געמיינט, אַז דאָס מוז זיין פּעקלעך ציצית אָדער קינדערשע וולוטשקענע יאַרמעלקעלעך וכדומה אַזעלכע זאַכען, נאָר אַז איך האָב עס אויפגעעפענט, האָב איך אַרויסגענימען אַ גאַנצען פּאַק פּאַפּירען, פערשריבען פון אַלע זייטען, און צווישען זיי איז געלעגען אַ בריוועל, וואָס אין איהם איז געשטאַנען געשריבען די דאָזיגע ווערטער.

„להרבני הנגיד המפורסם מוהר"ר מענדעל נ"י. הנה אַזוי ווי איהר האָט אַ שם אין דעם היגען ווינקעל פאַר אַיין עהרליכען מאַן, אַזוי ווי מיר ווייסען, אַז איהר פאָהרט תמיד אַרום אין אַלע אידישע מקומות מיט ספרים און איהר זייט אַמאָל אַ בעלן אָבצודריקען מעשיות אויף אייערע היצאות, בכן שיקען מיר אייך דאָ אַריין אַ שרעקליכע מעשה, וואָס איז פערלאָפען אין אונזער שטאָדט און בעטען אייך, אַז איהר זאָלט מוחל זיין אָבדרוקען, וועט איהר אייך פשוט קונה זיין עולם הבא. דאָ שטעהט בעשריבען די שטוטשקעס פון אונזערע גלופּסקער בעלי טובות, וואָס האָבען זיך אַליין אָנגעוואָרפען אויף דער אומגליקליכער שטאָדט נעבעך מיט זייערע טובות און פיהרען איטליכען ביי דער נאָז. זיי האָבען שוין ביי אונז אַרויסגעצויגען די קליי פון די ביינער, מיר ליידען, מיר ווערען פערשוואַרצט, מיר עסען ניט קיין פלייש, מיר האָבען שוין אַ פנים ווי די רוחות און קענען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען פון די טובות, מען האָט שוין אפילו געפרובט שרייען, שרייבען פּראָשעניעס, נאָר וואָס הערען זיי אַ וועלט? זיי זיינען רייך, זיי זיינען גבאים, פּאָפּעטשיטעלעס און די גאַנצע שטאָדט איז ביי זיי אין די הענד, זיי האָבען פּאָווערענעס, זיי האָבען שתדלנים, וואָס נעה-

ר׳ ראובן פיאווקין...	דער שטאָדט=פּאָוויערענע, היינט אויך גלאַסנע.
ר׳ אהרן קנעכטבארג...	גלאַט אַ שענער איד, אַ קאָכלעפעל, וויל אַלץ איינבריינגען דער שטאָדט, מאַכט אַ מאָל אין דער שטיל עפּעס אַ חרם׳על.
ר׳ נתן פרעכמאן...	האַלט זיך פאַר אַ בריה. האַלט היינט שטאַנדהאַפטען אויף דער אַרענדע און איז קהל׳ס שתדלן.
ר׳ מענדיל דער געלער.	אַ שטאָדט=שייגעץ, אַ בילער, סלוזשעט ביי די בעלי טובות און פאַלט אָן אויף וועמען מען הייסט.
ר׳ בעריל לאקשעוויץ ר׳ פרידיל דער קליינער	צוויי רעדעלפיהרער, מתנגדים פון די בעלי טובות.
ר׳ אברהמ׳יל גרינפאן...	אַ נייער טאָרגאָוואָי דעפּוטאַט.
ר׳ שלמה וועקער...	איינער פון דער הייגטיגער וועלט.
בתיה	זיין ווייב.
ר׳ גדליה פּיקהאלץ...	זיין פריינד.
ר׳ אייזיק זאאיקע...	אַ קרבן פאַר זיין עהרליכקייט.
טויבע לאה...	זיין ווייב.

איין אָרימער איד, אַ אָרעמע אידענע, גלאַסנעס, דיינים, שוחטים, ווייבער, גענז, היהנער, אינדיקעס, קאַטשקעס און אַ נאַראָד פון פופציג טויזענד צאן קדשים, וואָס מען שערט זיי ווי די שאָף.

נומען זי אָבצודרוקען. ניט אַזוי גיך טהוט זיך אָבער ווי עס רעדט זיך, איך האָב גענוג געהאַט צו זינגען און צו זאָגען ביז איך האָב דערלעבט צו זעהן אַ געדרוקטע בלעטעל. דער כתב יד איז ניט געוועזן ריין געשריבען, ערטערווייז פערפלעקט מיט טינט, פיעל סצענען זיינען געוועזען פערווענדט, ניט געשטאַנען כסדר, היינט אין אַ פּאָר ערטער האָט גאָר געפעלט עטליכע בלעטלעך, דער שרייבער האָט זיך אַפּנים געאַיילט. הכלל, עס איז מיר גענוג די אויגען אַרויסגעקראָכען ביז איך האָב אַלצדינג צונויפגעשטעלט. איך האָב מיר ניט געקענט איינהאַלטען און ערטערווייז אַריינגעמישט מיינע אַ פּאָר ווערטער פון דעם, וואָס איך האָב געזעהען—געהערט אויף מיינע נסיעות, אחוץ דעם האָב איך געמאַכט אַ בעזונדער צעטעל פון די אַלע פערזאָנען, וואָס קומען פאָר אין דער מעשה, כדי זיי זאָלען אַלע שטעהן פאַר די אויגען און מען זאָל זיי תמיד געדיינקען. אָט קוקט זיי, זייט מוחל, אָן, דאָס זיינען די פּאַרשוינען:

ר׳ איציק וואלף ספאדיק ר׳ שמעיה תם ר׳ משה בעל תכלית ר׳ יוסף מהיכא תיתי ר׳ יודעלע שטאנדהאפּט	דאָס זענען די טובי העיר, פּאָפּעטשיטעלעס פון דער טאַקסע. אַלע זענען בעלי צדקות, אָבער גאָר איבער א פרעמדע קעשענע. אַלע זענען גאָטס סטראַפּטצעס, פרומע כשר׳ע אידען, חוץ שטאַנדהאַפּט, וואָס מען מומעלט אויף איהם, אַז ער איז געכאפּט אין דער מעשה.
ר׳ יוסילע שינדער...	געוועזענער נאמן אין פּראָיעקט, היינט לפנים דער בעל טאַקסע.
ר׳ נתן שיפרה׳ס...	אויך כלומר׳שט אַ בעל טאַקסע, א ווילדער בעל עצה און א שטאדטבורר.

ערשטער אקט.

דאַכט זיך, אַז איך האָבֿ גענוג יוצא געווען און געטאָן מײַן זאַך בשלימות. דאָס ביכעל האָט מיר געקאָסט גענוג מיה און הוצאות, פֿאַר איך בין דאָס אָבֿער ניט אויסען. הלואי מײַן מיה זאָל ניט זײַן אומזיסט, גאָט זאָל נאָר וועלען רחמנות האָבֿען און ווײַזען באַלד טאַקע אין אונזערע טעג אַ נס בפועל, אַז אידען נעבֿעך זאָלען אין אַלע שטעדט ווײַערע בעלי־טובֿות פּטור ווערען עד ביאת הגואל.

* * *

ערשטער אקט.

דאָ ווערט פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי אין גלופּסק שפּרינגען אַרוים פּיהרער, מיט אַ יאָהר זעכצעהן צוריק, פּאָפּעטשיטעלעם פון דער טאַקסע.

ערשטע סצענע.

ספּאָדיק אַליין אין זיין חדר, זיצט שטאַרק פערטראַכט געבען דעם טיש, וויינער צעהן אין דער פריה, און שאָקעלט זיך איבער אַ משניות, קנייטשט דעם שטערן, קוקט אויף דער וואַנד, דערנאָך טהוט ער ווידער אַקוק אין משניות און לערענט מיט אַ ניגון.

אָמר ר׳ טרפון.... האָט רבי מאיר געזאָגט.... האַ? נאָך אַמאָל (ער פערטראַכט זיך אויף דער וואַנד און רעדט צו זיך אַליין) ער האָט געזאָגט, אַז נאָך שבת איז דער טערמין, האָט ער געזאָגט.... מען וועט דאַרפען סיליקע׳ן. דער קאָפּ חלעבען שפּאַלט זיך מיר. אַך שלעכט, שלעכט, נישטאָ קיין געלט! איך האָב מורא, מען זאָל חלילה באַלד ניט אָנשטויסען. די קאַסע איז פוסט, אויסגעטריקענט, די רעדער ווילען זיך אויפהערען צו דרעהען, באָם עס וועט חלילה ניט צו־קומען קיין וואַסער, געלט מיין איך. אַך זעהר אַ שלעכטע צייט (ער שטעהט אויף און געהט אַרום איבער דעם חדר) יאָ, זעהר אַ ביטערע צייט, עפּעס ווי אויף צוזעצעניס האָט מען נאָך היינט אופגעהערט חתונה צו האָבען. שוין אַ לאַנגע צייט

פּיאַווקין (צו זיך אַליין שטילערהייד) ער האַלט בּיי יחלוקו. דאָס איז אַ גוטער סמן, עס וועט איה״ש זיין גיט.... (ער געהט צו אַביסעל נעהענטער) גוט מאָרגען, ר׳ איצע וואָלף! אפשר בּין איך מבלבל, וועל איך מיר אַוועקגעהן.

ספּאָדיק (צו זיך אַליין מיט פערדראַס, אַז ער דערזעהט פּיאַווקינען) נאַט אייך דעם שיינעם מחותן! דער רוח האָט איהם געבּראַכט צוטראָגען. (צו פּיאַווקינען מיט אַ קרומ פּנים׳ל) וואָס איז עפּעס נייעס, ר׳ ראובן.

פּיאַווקין. בּע.... איך האָבּ אייך געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר איך וויל אייך איצט ניט שטערען פון דעם לערנען, אַחוץ דעם זייט איהר, דאַכט זיך, עפּעס ניט געזונד, איהר זעהט אויס גרין און געל, דאָס פּנים איז דער בּעסטער שפּיגעל.

ספּאָדיק (מיט אַ קרעכץ) איך האָבּ אַלץ לא עליכם צו טהאָן מיט מיינע מערידען. איך האָבּ געמוזט היינט דאַוונען בּיחידות און לערנען מיין שיעור משניות אין דער היים, נאָר פונדעסטוועגן זעצט אייך, ר׳ ראובן, אַז איהר זייט שוין דאָ. וואָס הערט זיך עפּעס בּיי אייך?

פּיאַווקין (זעצט זיך) מען האָרעוועט, מען ווערט פערשוואַרצט, אַ קאַטאָוועס עפּעס צו זיין אַ פּאָוויערענ׳ע בּיי אַזאַ עדה אידען, זאָלען זיך מעהרען.

ספּאָדיק. בּזכות זה וועט אייך גאָט העלפען. יהי חלקי עמך.

פּיאַווקין (שטילערהייד צו זיך אַליין) עס איז איהם קאַרג די וועלט. ער וואָלט געוואָלט בּיי מיר אויך נעהמען חלק. (צו ספּאָדיק׳ן) ווען גאָט זאָל מיר ניט העלפען, וואו וואָלט איך שוין בּיז איצט געוועזען מיט מיין ווייבּ און מיט מיינע קינדער....

ספּאָדיק. (מיט אַ שמייכעלע) זינדיגט ניט, ר׳ ראובן, און זייט טאַקע אַבּעל בּטחון, וועס אייך איה׳ש תמיד זיין גוט. נו, וואָס הערט זיך עפּעס אין דער שטאָדט?

פּיאַווקין. בּע. וואָס זאָל זיך הערען? דער בּעל טאַקסע וויל אַרויפציהען אַ קאָפּיקע אויף דער אָקע פלייש. אַזוי וויל ער, דער שענער בּעל־טאַקסע, זאָגט ער, עס איז היינט אַ שלעכטע צייט.

אִיז מיר ניט אַריינגעפאַלען קיין שלישית=געלט, ניט פון הי, ניט פון דער סביבה. אַ קאַטאָוועס עפּעס שלישית=געלד, דאָס פּלעגט אויס=מאַכֿען אַ יאָהר זעהר פיעל.... אַ נס, כלעבען, וואָס דרעהט זיך נאָך אַבֿיסעל חברה׳ש געלט, אַי וואָס?.... עט נאַרישקייט, ווער אִיז דאָס מחויב צו וויסען? ווענען געהט עס אָן? נאָר עס אִיז מיט דעם אַפילו אויך ניט גוט, בע, גאָר ניט גוט,!.... עס הערט זיך ווידער נייע גזרות, נייע פינסטערע פאַראַדקעס מיט כל אַ צרות. וואָס טויג עס? נאָך דאָס געהט אָב, מאַכֿען נייע פאַראַדקעס! מיר טויג עס כלל ניט, מען דאַרף האָבֿען געלט, גאָר פריש געלט.. (אַ ביסעל מיט גאַל) האָט חתונה, אִידען און לייגט אַיין געלט! שטאַרבֿט, אִידען, און זאָגט אָב עולמות=געלד! קויפט זיך אַיין אִין חברות און גיט געלט! הכלל מען דאַרף האָבֿען געלט, מען דאַרף האָבֿען געלט, געלט, געלט! טאַקע פון אַייער טובה וועגען, יודישע קינדער, מען דאַרף זיך פאַר אַייך סטאַרען, מען דאַרף פערזאָרגען אַייער תכלית, אִיהר זאָלט זיין גוט און פרום און טאַקע בלייבֿען דאָס וואָס אִיהר זייט.... (ער הערט זיך צו צו דער טיִר) האַ? דאַכֿט זיך אִימעצער געהט? אפשר אַ מחותן מיט געלט. ער לויפט=צו געשווינד צו דעם טיש, זעצט זיך אַנידער און שאָקעלט זיך ווידער אִיבער דעם משניות).

צווייטע סצענע.

ספּאָדיק און פיאַווקין.

ספּאדיק (לייענט מיט אַ ניגון) אָמר ר׳ טרפון. ניין ווייטער, ווייטער אַבֿיסעל.... יאַ, אָט=אָדאָ: סומכוס אומר יחלוקו, מען דאַרף זיך מיט דעם געלט צוטיילען, יאָ טאַקע צוטיילען, וואָס?....

פיאַווקין (קומט אריין מיט דרך ארץ) גוט מאָרגען, ר׳ אִיצע וואָלף!

ספּאדיק (מאַכֿט זיך שטאַרק ניט הערענדיג׳ אזוי ווי שטאַרק פערטיעפט אין לערנען) אַיי וואָס, אויב יחלוקו דאַרף מען דאָך מורא האָבֿען?.... נו, עט... בע....

וועט איהר זעהן, אַז איהר טאָרט זיך גאָר ניט דערפון אָבזאָגען, פערשטעהט איהר?...

ספאָדיק (מיט אַ יראת־שמים פּנים'על) וועניג איז פאַר מיר די חברות מיט נאָך אַנדערע שטאָדט־זאַכען? סטייטש וואָס האָט מען זיך אויף מיר אָנגעזעצט? וואָס וויל מען נעמען האָבען פון מיר, אַליין פון מיר? וויניג פאַר מיר די אַלע חברות...

פיאַווקין (מיט אַ שמייכעלע) וואָס מיינט איהר, ר' איצע וואָלף, טאַקע וועניג, פאַר אַזאַ יודען ווי איהר איז דאָס טאַקע וועניג... איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, ראַזבעריעט מיין פלאַן גאַנץ גוט, וועט איהר זעהן, אַז איהר קענט זיך בשום אופן ניט אָבזאָגען, און ווייטער ווי איהר פערשטעהט...

ספאָדיק (מיט אַ זיפץ) אַוודאי איז דאָס פאַר אַזאַ צובראָכענעם יודען ווי איך אַ גרויסע טירחה, טאַקע אַ טירחה גדולה, נאָר אַ טובה פון אָרעמע לייטס וועגען געבעך, פון אַ שטאָט יודען וועגען...

פיאַווקין (מיט אַ גבה־שמייכעלע) מיט אייך, ר' איצע וואָלף, ווי איך זעה, בין איך שוין אַ פּנים מסכים. איצט מוז איך געהן צו דעם איבעריגען עולם איבערשמועסען מכח דעם עסק, וואָס מען האָט דאָ צו טאָן. עס איז נאָך דאָ געניג אַרבייט. הכלל מיר איז שוין באַשערט תמיד אַרבייטען, פּראַצעווען און זאָרגען זיך פאַר דער שטאָדט, מסתמא וועט מיר גאָט העלפען... זייט געזונד, ר' איצע וואָלף, אייער געזונד איז איצט נייטיג. איהר דאַרפט מזכות מהאָן דער שטאָדט...

ספאָדיק (פערפרומט מיט איבערגעגאָסענע אויגען) בזכות זה זאָל מיר השי"ת טאַקע געבען כח, אַוודאַי איז דאָס געבעך פאַר מיר, פאַר אַזאַ צובראָכענעם יודען ווי איך, אַ גרויסע טירחה.

פיאַווקין. לאָזט זיך נאָר ניט בעטען, ר' איצע וואָלף, ניש'קשה איהר וועט איה"ש קומען צו די קרעפטען... אַ גוטען טאָג (ער געהט אַרויס).

ספאָדיק. (רייבט זיך די אויגען) אַ, עס איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען, געלויבט איז גאָט, עס איז מיר אַראָב אַ שטיין פון דעם האַרצען, עס וועט אם ירצה השם זיין גוט, מיין מחשבה איז חלעבען אַ גוטע. איך וויל: יודען זאָלען בלייבען טאַקע יודען, יודען

ספאָדיק (האַפּט זיך ביי דעם קאָפּ) וואָס הייסט ער וויל? מען וועט עס איהם שווייגען, עפּעס אַ קאַטאָוועס נאָך אַ קאָפּיקע אויף דער אָקע! ער נעהמט שוין בה"ש אָהן דעם אויך גענוג — פּופּצעהן קאָפּיקעס אָן אָקע! ס'טייטש, ס'טייטש נאָך אַ קאָפּיקע, אַ אידישע קאָפּיקע! וואָס וועלען נעבעך טאָן די אָרימע לייט, די אָרימע יודען נעבעך? (ער קרעכצעט און זיפצעט).

פּיאַווקין. עס וואָלט אַ מציה געווען אָנצילערנען אַזאַ בחור, ער זאָל וויסען, ווער עלטער איז.

ספאָדיק. איך זאָג אייך, מען קען שוין מעהר ניט אויסשטעהן פון די בעלי טאַקסעס, פון די גראַבּיטעלעס, מען איז צו זיי עפּעס ווי פערקויפט, כטייטש, נאָך אַ קאָפּיקע אויף דער אָקע! דאָס וועט דאָך גאָר אויסמאַכען גאָר אַ גרויסע סומע! אַ רחמנות חלעבען אויף די אָרעמע לייט, וואָס וועלען טאָן די אָרעמע יודען נעבעך? אדרבה ר׳ ראובן זאָגט, ווי אַזוי לערנט מען אָן דעם שיינעם בעל טאַקסע וואָס האָט ניט קיין גאָט אין האַרצען.

פּיאַווקין. איך וואָלט געזאָגט מיין עצה, מען זאָל אָפּנעהמען די טאַקסע פון דער שטאָדט, פערשטעהט איהר? איצט איז טאַקע די צייט, און איהר ר׳ איצע וואָלף מיט ר׳ משה מיט ר׳ שמעיה׳ן וכדומה זאָלט זיין פּאָפּעטשיטעלעס, דאָס הייסט איהר נעבעך זאָלט זיך חלאַפּאָטשען, אַכטונג געבען און דאָס פאַרדיענסט זאָל געהן אויף דער שטאָדט, דאַכט זיך דאָס איז אַ גרויסע טובה, אַ גרויסע מצוה און ווייטער... פאַרשטעהט איהר? חלעבען אַזוי וועט זיין גוט, טאַקע בכל האופנים גוט פאַרשטעהט איהר? ראַזבעראַיעט עס נאָך אַ ביסעל ר׳ איצע וואָלף מיט אייער גמרא קעפּעל.

ספאָדיק. אַוודאי איז דאָס אַ גרויסע מצוה, אַ גרויסע טובעה נאָר ווי קען איך... ווי קען אַזאַ צובראָכענער יוד ווי איך, אויף מיר׳ נעהמען אַזאַ טירחה.

פּיאַווקין. נישקשה, גאָט וועט אייך העלפען, ס'טייטש, ווער דען זשע וועט זיך זאָרגען פאַר דער שטאָדט ווען ניט איהר? ווער דען וועט אין זינען האָבען די אָרעמע לייט נעבעך, אַז ניט פריהער גאָט און דער נאָך איהר, בערעכענט זיך נאָר גוט ר׳ איצע וואָלף

געגאַנגען מכח דעם ענין, איךְ קען אִיהם, ער אִיז אַ זריז ווי באַלד ער שמעקט אָן אַ תכלית=זאַךְ. ע... עס אִיז דאָךְ עפּעס גאָר קיין תכלית ניט. ער קאָן דאָךְ דערוויל מיט די אִיבּריגע אָבּאַרבּייטען דעם עסק און איךְ וועל חלילה בלייבּען פון דרויסען. (ער קוקט זיךְ נאָךְ אַמאָל אַרום אין אַלע זייטען און ווערט פרעהליךְ) אַךְ געלויבּט אִיז גאָט, ער אִיז נאָךְ ניט אַוועקגעגאַנגען. זיין ספּאָדיק ליגט אויף דעם טיש, ער האָט געמוזט נאָר אויף אַ מינוט אַרויסגעהן, איךְ וועל וואַרטען בּיז ער וועט קומען. איךְ וועל אִיהם שוין היינט ניט אָבּלאָזען, דער עיקר אִיז דאָךְ ער, איךְ וועל מיךְ היינט אָן אִיהם האַלטען ווי אַ קינד אָן דער מאַמעס פאַרטוךְ (ער געהט=צו צום טיש. האַפּט פאַר שׂמחה דעם ספּאָדיק און בּעטראַכט אִיהם פון אַלע זייטען) אַךְ, זעהר אַ גוטער, זעהר אַ פיינער ספּאָדיק, טאַקע אִין תכלית אַריין אַ גוטער ספּאָדיק! (ער קלאַפּט אויף אִיהם מיט אַ פינגער) אַ ספּאָדיק, אַ חיטרע קעפּעלע ליגט אִין דיר, ספּאָדיק! אַ גמרא=קעפּעלע מיט אַלע דריידעלעךְ. איךְ וועל דיךְ היינט פון דעם אויג ניט אָבּלאָזען, מען זאָל חלילה ניט אָבּמאַכען אָהן מיר די גאַנצע חתונה. חלעבּען, מיר קומט עס בּאמת פאָר ווי אַ חתונה, פּיאַווקין אִיז דער שדכן, ער רעדט אונז אַ שידוךְ, מיר זאָלען נעהמען די מאַקסע. זעהר אַ רייכע כלה! מיר זיינען — די מיוחסים און זי די רייכע, זי גיט אִין נדן אַריין אַ גאַנצע שטאָדט מענשען אַנטקעגען, אַ 60 טויזענד פּאָדראַנעס, השי"ת זאָל נאָר געבּען כח—מען קען מיט אִיהר וויסען פון אַ לעבּען. (ער ווערט נאָךְ פרעהליכער) אַךְ, קעבּטעלע, קעבּטעלע, הרי את מקודשת לי, הרי את מקודשת לי, קעבּטעלע, בדת ר' אִיצע וואָלף ספּאָדיק ושטאַנדהאַפּט! זיי בּיידע פערשטעהען אַן'עסק, קוקען אִין תכלית אַריין, טויג אונז שטאַנדהאַפּט זעהר גוט אִין שותפות, שטאַנדהאַפּט אִיז אפילו אַ דייטש, געחאַפּט אִין דער מעשׂה, און קוקענדיג אויף אונז זיינען מיר אִין פלוג איינער פון דעם אַנדערען פערשיידען, נאָר וואָס מאַכט עס אויס? אַבּי אונזער כוונה אִיז גלייךְ, אַבּי מיר האָבּען איין מחשבה. וואָס מיינט דען אַ יוד היינטיגע צייטען, אַ שטיקעלע פרנסה, און וואָס טהוט מען נעבּעךְ ניט פאַר דער פרנסה? שטאַנדהאַפּט נעבּעךְ פרובּט זיךְ אִין דער טומאה, מאַכט זיךְ פאַר אַ דייטש, תּאָמר וועט דאָ אַרומגעהן, ספּאָדיק אַ שטייגער מוטשעט זיךְ נעבּעךְ אִין דער קדושה... ניש'קשה. מיר וועלען זיין חבר, מיר וועלען אַלע איה"ש קוקען אִין תכלית אַריין און טהאָן טובות, נאָר ווי דערלעבּ איךְ שוין דאָס אָבּער! (ספּאָדיק קומט אַריין אָנגעטהאָן אִין אַ טוליג מיט אַ שטעקען אִין דער האַנד, משה בעל

זאָלען טאַקע בלייבען דאָס, וואָס זיי זיינען, און בעהיט ווערען פון גזרות רעות, איך וועל מיך אַוודאַי סטאַרען מיט כל אַ מעגליכקייטען, נו און דערפאַר מעג איך ביי זיי עפּעס נעהמען אפילו על פי דין. גאָט אַליין וועט מיר אויך ניט הייסען, איך זאָל זיין ביי זיינע יודעלעך אַ שומר חנם, איך בין דאָך אַ בשר ודם, איך דאַרף האָבען ברויט און צום ברויט, פון וואַנען זשע וועל איך דאָס אַלסדינג נעהמען?.. ווי די מעשה וועט שוין זיין, צי וועל איך נעהמען עפּעס מעהר אָדער עפּעס וועניגער, דאָס איז קלייניגקייטען, אַ רענדעל אַרויף, אַ רענדעל אַראָב, יודען וועלען דורך דעם חלילה ניט בדלות ווערען, נאָר דערפאַר אָבער וועלען זיי פון אַ חשש טרפות שוין זיכער בעוואָרענט זיין, זיי מעגען גאַנץ רוהיג זיין, איך וועל זיי אָבהיטען און אַליין אַכטונג געבען, עס זאָלען זיין גוטע שוחטים. דער עיקר איז פאַר יודען גוטע שוחטים.... וואָס מאַכט עס אויס אַ שטיקעל פלייש מעהר אָדער אַ שטיקעל פלייש וועניגער, אַ יוד דאַרף ניט קוקען אויף אַזעלכע זאַכען, אַ שוחט אַ גוטען, אַ פרומען שוחט, אָט דאָס דאַרפען יודען האָבען, און מכח דעם מעגען זיי שוין זיך אויף מיר פאַרלאָזען, זיי וועלען שוין מיט גאָטס הילף האָבען גוטע שוחטים... (ער בלייבט שטעהן אַ ביסעל שטיל, גיט זיך דערנאָך אַ פּאַטש אין שטערען) אַך, איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז איך בין היינט מיט סנדקאות אויף צוויי ברית׳ען. גוט חלעבען, וואָס היינט נאָר צוויי, איך וועל היינט האָבען וואָס צו טהאָן. איך וועל מיך געהן אָנטהאָן, מען מוז שוין אויף מיר וואַרטען, עס איז צייט צו גיין (ער געהט אַריין אין אַנ׳אַנדער חדר און מאַכט צו די טיר):

דריטע סצענע.

ר׳ משה בעל תכלית, דערנאָך ספּאָדיק.

משה בעל תכלית (לויפט אַריין ווי א פערסמ׳טע מויז גאָר אָהן אַנ׳אָטעם) גוט מאָרגען, ר׳ איצע וואָלף! איך דאַרף מיט אייך איבערשמועסען מכח איין ענין, מכח אַ תכלית-זאַך... (ער קוקט זיך אַרום) אַ, ער איז שוין ניטא? ער איז שוין ניטא! ער איז שוין אַ פנים אַליין אַוועק=

אידישע פאלקס בי
ווינדזאר, 814 איר
ביי דער י. ל. פר

דרעהען, איך קען נאָך חלילה בלייבען פון דרויסען, מען דאַרף איהם ניט אָבלאָזען (צו ספּאָדיקען) איך וועל מיט אַייך אויך געהן, דער בעל ברית איז מיינער אַ שטיקעל מחותן.

ספּאָדיק. נו גיט=זשע מיר, זייט מוחל מיין ספּאָדיק. וואָס איז, ר׳ משה, וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיין ספּאָדיק? ער געפעלט אַייך אַזוי?

בעל=תכלית (שאָקעלט מיט דעם קאָפּ) אויב ער געפעלט מיר! ער איז טאַקע אין תכלית אַריין אַ גוטער ספּאָדיק, איך וועל מיר בלי נדר אויך מאַכען אַזאַ ספּאָדיק, (ר׳ איצע וואָלף נעהמט און טהוט אָן דעם ספּאָדיק און געהט אַוועק מיט ר׳ משה בעל=תכלית).

פיערטע סצענע.

(אַלײן בײַ ספּאָדיקען אין חדר)

שלמה וועקער, דערנאָך גדליה פיקהאָלץ.

וועקער (אַריינגעהענדיג) ער איז ווידער ניטאָ! נעכטען האָט ער מיך בעשטעלט, איך זאָל היינט אין דער צייט קומען איהם שרייבען די פּאָסט, און ער אַליין איז ניטאָ, ער איז אויף אַ ברית! אַלע טאָג איז ער אויף בּרית׳ען, אַלע טאָג אויף שמחות! אַ שיינער סוחר, כ׳לעבען! אָט וואָס הייסט אַ סוחר, ניט קענען איבערלייענען אַ בריעף! ניט קענען אָנשרייבען אַנ׳אַדרעס, און נישט אויסלאָזען ניט איין ברית, ניט איין בר מצוה, און נאָך אַזעלכע שמחות! איך פערשטעה אָסור ניט, ווי אַזאַ סוחר קען זיך האַלטען אפילו אַ טאָג! פונדעסט=

---

*) אמר ר׳ מענדעלי. אין דעם כתב־יד פעהלען די עטליכע בלעטלעך און די ווייטערדיגע סצענע הייסט דאָרטען די זעקסטע, מען זעהט אַרויס, אַז זי איז געשעהן מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, נאָך דער גזירה, אַז יודען זאָלען מאַכען געשטודירטע רבנים. פאַר די וואָס לייענען מאַכט דאָס אָבער גאָר ניט אויס, זיי קענען לייענען גלייך און זאָלען אפילו ניט ווּיסען, אויב עס געהט עפּעס אָב.

תּכלית לויפט אִיהם אַנטקעגען) וואָס אִיז, ר׳ אִיצע וואָלף, אִיהר גֶעהט שׁוין

ספּאָדיק. אַ, יאָ, שׁוין צייט, מען מוז שׁוין אויף מיר וואַרטען,

בעל=תּכלית. אִיךְ בּין געקומען גֶעהן טאַקע מיט אַייךְ אינאַיינעם.

ספּאָדיק. וואָס אִיז, אִיהר האָט אויךְ אַ כּבוד?

בעל=תּכלית (מיט פייער) אַ שאלה אַ בּיסעל, אויבּ אִיךְ האָבּ אַ כּבוד? אִיךְ האָבּ אִין דער זאַךְ אַ גרויסען חלק.

ספּאָדיק (פערוואונדערט) וואָס הייסט, אִיהר האָט דערינען אַ חלק?!

בעל=תּכלית (נאָךְ מיט מעהר פייער) ס׳טייטשׁ, אִיךְ האָבּ דערינען געאַרבּייט!

ספּאָדיק. וואָס זאָגט אִיהר! ר׳ משה, סטייטשׁ, וואָס זאָגט אִיהר?

בעל=תּכלית. ס׳טייטשׁ, וואָס זאָג אִיךְ? אִיהר ווייסט דען ניט, ר׳ אִיצע וואָלף, וואָס אִיךְ זאָג?!

ספּאָדיק. ניין! בּיי מיין יודישקייט, אִיךְ וויים ניט! זאָגט וואָס מיינט אִיהר?

בעל תּכלית. ס׳טייטשׁ, דאָס קעסטעלע מיין אִיךְ, פּיאַווקין האָט דאָךְ אַייךְ ערשט געזאָגט, ער זאָגט, אַז אִיהר זייט מסכּים.

ספּאָדיק (ווי פון שלאָף) אַ, די טאַקסע מיינט אִיהר! כּ׳לעבּען, דאָס אִיז פאַר מיר אַ טירחא, אִיךְ בּין לא עליכם אַ צובּראָכענער יוד, ווי קען אִיךְ אויף מיר נעהמען אַזאַ טירחא?

בעל=תּכלית. מען מוז דאָךְ אָבּער זאָרגען פאַר דעם תּכלית, מען מוז דאָךְ אַמאָל זאָרגען פאַר קהל׳ס תּכלית, סטייטשׁ, ווער דען זשע, ווער דען זשע, ר׳ אִיצע וואָלף?

ספּאָדיק. לאָם מיר דאָס אָפּלעגען אויף אַיין אַנדער צייט, מיר וועלען זיךְ נאָךְ מיישב זיין, אִיצט אִיז מיר שׁוין צייט צו געהן אויף דעם בּרית.

בעל=תּכלית (שטילערהייד צו זיךְ) ער וויל זיךְ פון מיר אוים=

וועקער. אַ רחמנות, כ׳לעבּען, וואָס טויג נעבּעך אַזאַ פּראָסט מענשעל ווי ער אָהן געלד? כ׳לעבּ׳, ארחמניות! ווער רען=ושע, זאָג מיר, האַלט היינט דאָרטען דעם גביר אויף דער אַרענדע?

פיקהאָלץ. דער גביר האָט זיך ניט לאַנג אָבּגעגעבּען אין דער אַרענדע מכמה טעמים צו ר׳ גרשין חייקעס, ער טראָגט איהם איין אֶפשר פיער טויזענד רובּעל אַ יאָהר, ער האָט צו זאָגען איבּער דעם קהל=שטיבּעל, איבּער אַלע טשלענעס אין איבּער איטליכען אין דער שטאָדט, מען זאָגט, ער האָט צו פּערדאַנקען די אַרענדע ר׳ נתן פויגעלס, דעם שטאָדט=בורר.

וועקער. ר׳ נתן איז, כ׳לעבּען, אַ קליגעטשקער, וואָס מאַכט ער? איז ער טאַקע נעבּעך נאָך אי היינט אַ קבצן? ער האָט שוין אין זיין לעבּען אַ סך מאָל אָנגעזועצט און פּאָרט נעבּעך אַ קבצן.

פיקהאָלץ. וואָס קבצן, ער איז זיך היינט מפרנס גאַנץ שען פון אוראָקען, וואָס ער גיט אויף דער עלטער שפּאָגעל נייע אָנזועצערס, ווי אַזוי זיי זאָלען ענטפערען קוממיות, אַ חוץ דעם קנעלט ער עפּעס מיט דעם גביר, ער מוטשעט זיך נעבּעך מיט איהם, ווי אזוי מע מאַכט פּאַטשערקעס? ווי אַזוי מען צאַפּט פון דער וואַנט געלט? ווי אַזוי מען ציהט אַרויס קליי פון די ביינער? ווי אַזוי מען מאַכט פון שניי גאָמעלקעס? ווי אַזוי מען מאַכט מיט דער רייף? ווי אַזוי מען פערבּלענדעט די אויגען? ווי אַזוי מען כאַפּט פיש פאַר דער נעץ וכדומה נאָך אַזעלכע קונצען.

וועקער (טוט אַ שפּיי) פּפו זאָל עס ווערען! עס איז דאָך אַ שרעק, וואָס ביי אייך אין טונעיאַדעווקע געהט פאָר.

פיקהאָלץ (קוקט שארף אָן וועקער׳ן) ביי אייך אין טונעיאַדעווקע! זאָגסטו, און ביי אייך אין גלופּסק איז דען בעסערע פּאַראַדקעס. איך מיין, כ׳לעבּען, ניט! קוק זיך נאָר גוט צו, וועסט דו זעהן, ווי ביי אייך טאַקע און נאָך אין אַנדערע יודישע שטעדט ליעגען די אָרעמע נעבּעך צעהן איילען אין דער ערד, עס זיינען שוין דאָ אַזעלכע גוטע און פרומע מענשעלעך, וואָס פאַר פרומקייט, פאַר גוטסקייט לעגען זיי אַוועק אַלע געשעפטען און גיבּען זיך אָב נאָר מיט שטעדטישע זאַכען און זאָרגען זיך נאָר לטובת הכלל, איינער איז אַ בעל טאַקסע, איינער

וועגען איז ער דאָך רייך... מערקווירדיג! ניט אַנדערש טאַקע, אַז רוהות אַרבייטען פאַר אַזעלכע סוחרים, אַז מלאָכים היטען זיי אָב, אַז אַ מלאַך וואַרפט זיי אַראָב אַ גראָשען... (ער זעצט זיך אַניעדער און נעהמט אַרויס פון דער קעשענע אַ אידיש ביכעל) וואָס זאָל איך טהאָן? איך מוז שוין אויף איהם וואַרטען, נאָך גוט וואָס איך האָב מיט זיך דאָס ביכעל, וועל איך מיר דערווייל אַריינקוקען, איך וועל טאַקע איבערלייענען דאָס ביסעל שירים, גאָר פון אַ נייעם מחבר (ער קוקט אַריין אין דעם ביכעל. די טיר עפענט זיך שטילערהייט אויף און פיקהאָלץ געהט אַריין)

פיקהאָלץ (צונעהענדיג צו וועקער'ן גאַנץ שטיל) וואָס האָסט-דו זיך אַזוי פערטיעפט אין לערנען, שלמה?

וועקער (גיט זיך אַ כאַפּ גאַנץ איבער זיך) וואָס זעה איך? דו ביזט עס גדליה, פון וואַנען האָסט דו זיך דאָ פלוצלים גענומען, מיין גוטער, מיין טייערער גדליה? ווען ביזט דו געקומען? (ער קושט איהם).

פיקהאָלץ (גאַנץ רוהיג) איך בין געקומען טאַקע היינט.

וועקער. אַך, גדליה! ווי פּאַלסט דו אויס צו קומען אַהער?

פיקהאָלץ. שאַ, וואונדער זיך ניט אַזוי, שלמה! עס איז גאַנץ פּראָסט, איך בין שוין געוועזען ביי דיר אין דער היים. האָט מיר דיין ווייב געזאָגט, אַז דו דאַרפסט זיין דאָ. (ער זעצט זיך אויף אַ ביינקעל)

וועקער (רוקט צו זיין ביינקעל צו פיקהאָלצען) נו, איצט דערצעהל מיר, וואָס מאַכסט דו? וואָס הערט זיך אין טונעיאַדעווקע?

פיקהאָלץ (מיט אַ מאַך מיט דער האַנד) אין דיין טונעיאַדעווקע?!

וועקער: נו זאָל זיין אין מיין טונעיאַדעווקע, וואָס מאַכט דאָרט אונזער גביר? איז ער נאָך, אומשטעהנס געזאָגט, אַלץ מבולבל, אָהן אַ פּיצעל חאַראַקטער? מאַכט ער נאָך טאַקע אַלץ פון זיין מויל אַ חאַלעווע און בייט צעהן פריינד אַ טאָג? יאָ, סטייטש, דער אַרענדאַר. ווי הייסט ער צום טייפעל.... איך האָב שוין פערגעסען, ווי ער הייסט, אָט דער הויכער אַרענדאַר מיט אַ געגאָלטען האַלז ווי ביי אַ סטאַרעסטע. וואָס מאַכט ער?

פיקהאָלץ. איך ווייס, וועמען דו מיינסט, ער איז היינט אַ קבצן און האַלט שוין מעהר ניט דעם גביר אויף דער אַרענדע.

אונז זאָרגען זיךְ ניט בּעסער פאַר זיךְ, זיךְ אויסלערנען עטוואָס אָדער זיךְ צו בּעשעפטיגען מיט עפּעס אַ מלאָכה און ווילען אַלײן זאָרגען פאַר אַנדערע! נישט גיט, כּ'לעבּען, וואָס איטליכער ליאדע לעדיגגעהער, וואָס איטליכער דראַבּ, איטליכער עזות פּנים, איטליכער צבוע'ק ווערט לוצים פון דער העלער הויט אַ שטאַט=מענש, אַ פיינע=בריה און אַ בּעל טובה, נישט גוט, כּ'לעבּען, טאַקע זעהר נישט גיט!...

וועקער. עפּעס בּיזט דו היינט זעהר אין כּעס, מיין ליעבּער גדליה, עפּעס רעדסט דו מיר זעהר שטאַרק מיט האַרין! האַ?!

פיקהאָלץ. יאַ, איךְ קען מיךְ שוין ניט איינהאַלטען, איךְ מוז שוין אויסרעדען דאָס האַרין, צווישען אונז זאָל עס בּלייבּען, ניט מיט מיין מויל גערעדט, אָט דאָס זענען אינזערע שטאָדט=מענשען, אָט נעהם טאַקע, אַ שטייגער, בּיי אונז אין טונעיאַדעווקע די גאַנצע חאָפּטע פּאַרשיינען, וואָס דו האָסט זיךְ ערשט אויף זיי נאָכגעפרעגט. דו מעגסט צו זיי צירעכענען משה לאַפּ, טרייטעל חאַפּ, יוסעל צאַפּ, ניט זיי מיין איךְ, די וואַנד מיין איךְ – ווער זיינען זיי? וואָס קענען זיי? דער האָט זיךְ אויסגעלערנט איין אַדרעס אויפשרייבּען, איז ער שוין קהל'ס פּאָווערענע, יענער האָט זיךְ ערגעץ אין איין איינפאָהר=הויז אויסגעלערנט עטליכע ווערטער רוסיש מיט גרייזען, איז ער אַ שתדלן, אַ גאַנצער חאדאַטאַי. דער האָט מירידען, אַ בּלייךְ אויסגעווייקט פּנימעל – איז ער אַיין ארץ=ישראל=גבּאַי, אַ כּשר'ער יוד, אַ שענער יוד. יענער איז איין עזות פּנים, נעהמט ער אַ חלק אין דער טאַקסע. דער אַזוי, יענער אַזוי. — מען שרייט אַלײן אויף דעם נאַראָד יידען נעבּעךְ, זיי זיינען פויל, זיי זיינען ניט געזונד, זיי זיינען עקשנים, זיי ווילען זיךְ ניט בּילדען וכדומה נאָךְ אַזעלכע פערבּרעכען. געוואַלד! וועל איךְ שרייען, וואָס זיינען זיי נעבּעךְ שיידיג, וואָס זאָלען זיי נעבּעךְ טאָן, אַז זיי זיינען אונטער אַזאַ פינסטערע אָפּיעקע? אַז מען ציהט בּיי זיי אַרויס די קליי פון די בּיינער, אַז איין יודעל נעבּעךְ האָט איבּער זיךְ אויף זיין חלק דריי בּעלי טובות, וואָס נאָגען איהם איים דעם מאַרךְ, פערשלאָגען איהם דעם קאָפּ, האַלטען איהם אין דער מורא, דערטאַפּען בּיי איהם אַרויס דעם לעצטען גראָשען, פערבּלענדען איהם די אויגען און פערמיטשען איהם מיט זייערע טובות?! יודען זיינען, כּ'לעבּען, ניט שולדיג, זיי האָבּען גוטע הערצער, זיי האָבּען בּטבע שכל און געפיהל, זיי פער=

איז אַ פּאָווערענע, איינער איז אַן אַרענדאַר, איינער איז אַ גבאי, איינער אַ בעל=עצה, איינער אַ תקיף, איינער דעם רב׳ס קרוב, איינער דעם גביר׳ס בן=בית. איינער מאַכט באָס, איינער איז אַ מיוחס, איינער אַן אייניקעל, איינער האָט אַ באָבע אין ארץ ישראל, איינער טאַנצט אויף אַלע חתונות, איינער איז אַ שטאָדט=פּעטער, איינער קהל׳ס יודיש און איינער גלאַט אַ שיינער יוד.—נו, געפינט זיך נאָך ערגעץ אין דער וועלט, אונטער אַלע אומות, אַזוי פיעל גוטע מענשען, וואָס זאָרגען זיך פאַר דעם כלל ווי ביי אונז יודען, רחמנים בני רחמנים? ביי די אומות, אַ שטייגער, איז אַ גביר אָדער אַ פּאָמיעשטשיק, אָדער אַ סוחר, אַ פאַבריקאַנט וכדומה, ביי אונז אַקעגען איז אַמינדעסטער גביר׳על אין אַ שטעדטעל דאָס ריב אַ בעל טאַקסע, אַ גבאי, אַן עסקן במצות, ער איז נאָר אַ סוחר לפנים, באמת טראָגט ער אויף דעם קאָפּ די גאַנצע שטאָדט יודען נעבעך, ובזכות זה האָט ער מיט אַלע בעלי טובית די ברכה, וואוהין זיי קעהרען זיך אין ווענדען זיך... זיי זאָרגען נעבעך. זיי זאָרגען ביז זיי נעהמען אויף זיך לייב און ווערען אָהן עין הרע דיק, פעט, לויטער, מיט שענע בייכלעך, און זיי זיינען זייערע שונאים אויף צושפּרינגעניש אומעטום נושא חן... די אָרעמע געהט עס אָבער ניט אין נוצען, פין די פיעל טובית, וואָס מען טוט זיי, הערען זיי אויף וואָס אַ טאָג ווייטער צו עסען, זיי קרענקען, זיי ווערען אויסגעדאַרט, אַקוראַט ווי אַ בן יחיד ביי אַ טאַטען אַ נגיד, וואָס מען דישעט אים, מען היט אים אָב פאַר גרויס ליעבע און געטריישאַפּט פון עסען, און מען גיט אים איבער אין די הענד פון אַ סך ניאַנקעס, זיי זאָלען אים למען השם אָבהיטען, ער זאָל ניט חאַפּען קיין איבעריגען ביסען. האָט זשע דען ניט באמת טאַקע איטליכער אָרעמער יוד אין אַ שטעדטעל אויף זיין חלק צוויי=דריי בעלי טובות, וואָס דורך זייער השגחה קען ער שוין קיין איבעריגען ביסען ניט האַפּען? וואָס עסט דען אַ יוד, אַן אָרעמאַן? קרענק, מכות מיט יסורים, אַ שטיקעל טרוקען ברויט מיט פיסנעם קאַליש, פון פלייש ווייס ער ניט, וואָס צו זאָגען, חוץ אַ שבת אפשר מאַכט ער זיך אַ ביסעל פליישיג מיט אַ ביין, מיט אַ שטיקעל לונגען לעבער, דערפאַר פאַלט אים אָב אַ שטיק פלייש. און ווי מתים עסען, אַזאַ פּנים האָבען זיי.—נישט גוט, שלמה! נישט גוט, כ׳לעבען=וואָס מיר יודען זיינען אַזעלכע רחמנים, נישט גוט, כ׳לעבען, וואָס ביי אונז אין די שטעדטלעך זענען זעהר פיעל בעלי טובות! נישט גוט, נישט גוט, כ׳לעבען, וואָס אַ סך מענשען ביי

וועקער (פערוואונדערט) וואָס הייסט? דו ביזט שוין ניט מעהר דאָרטען קיין רב. ס'טייטש, ווי קומט עס? פאַר וואָס?

פיקהאָלץ. דו פרעגסט, פאַר וואָס? פאַר דעם! פאַר דעם, וואָס ביי אונז זיינען דאָ בעלי טובות, וואָס קיינער פון דער אָבשטשעסטווע האָט ניט קיין דעה, וואָס מען הערט זיי ווי דאָס מילכיגע קליינגעל, וואָס איטליכער ציטערט צו זאָגען אַ וואָרט, פאַר דעם, וואָס ר' טרייטעל, זאָל לעבען, היטט די שטאָדט, וואָס ער מיט זיין כנופיא האַלטען אין זייערע הענד אַלצדינג: די טאַקסע, די אַרענדע, דאָס קהל־שטיבעל, אַלע צדקות און עולמות־געלד, וואָס זיי מאַכען משלענעס, וועלכע זיי טויג, און נעהמען בלאַנקע וועקסלען ביי דעם גאַלאַווא, ביי דעם רב ובדומה, כדי אין פאַל, אַז זיי וועלען ניט וועלען טאָן דאָס, וואָס ר' טרייטעל מיט זיין כנופיא ווילען, וועט מען אויף זיי אויספילען די וועקסלען *). היינט פערשטעהסט דו, פאַר וואָס איך בין שוין ניט מעהר דאָרטען קיין רב? איך קען מיך ניט פערקויפען, איך קען ניט האַלטען בלאַט מיט פאַלשע מענשען און בערייבען אַ שטאָדט אָרעמע לייט נעבעך. איך קען ניט זיין געבונדען און טאָן נאָר דאָס, וואָס יענער וויל, וואָס יענער הייסט און וואָס יענעם טויג... איך בין נאָך פאַר די וויבאָרעס אַוועקגעפאָהרען, זאָל זיך דאָרט איין אַנדערער זיין רב.

וועקער (מיט אַ ביטער האַרץ) וואָס הייסט, און מען שווייגט זיי, אָט־אָ־דער גאַנצער כנופיא?! עפּעס הפקר אַ וועלט!

פיקהאָלץ (מיט אַ זיפץ) יודען זיינען נעבעך דערשלאָגען, זיי מיינען, אַז אַזוי דאַרף טאַקע זיין. ווער אונטער אַלע אומות קען נאָך אַזוי פיעל ליידען און שווייגען ווי יודען?... און, איבעריגענס, אַז מען שרייט אַמאָל יאָ אויף ר' טרייטעלס שטוטשקעס, אויף זיינע גנבות, הייסט עס נאָך, מען איז דאַנאָסטשיקעס, אַ גאַנצע שטאָדט מענשען, טויזענדער בעלי־בתים און בעלי מלאָכות זיינען דאַנאָסטשי־

---

*) אמר ר' מענדעלע, אויף מיין נסיעה אין בעסעראַביע האָב איך בעגעגענט אַזאַ מין טרייטעל אין אַ שטעדטעל אויף דעם דניעסטער, עטליכע ווערסט פון יאַמפּעלע. איך האָב זיך דאָרטען איבער איהם אָנגעהערט זעהר שרעקליכע זאַכען, ער איז אַ מזיק אין אַ לאַנגען טלית־קטן, מען האָט פון איהם גענוג צרות אויסצושטעהן, השי"ת זאָל שומר ומציל זיין אַלע יודעלעך פון אַזעלכע ר' טרייטעלעך.

שטעהען איין עסק, זיי זיינען נכנעים און קענען זעהר פיעל אַראָבשלינגען, נאָר וואָס העלפט עס, אַז זיי האָבען נעבעך ניט קיין מזל, אַז זיי זענען נעבעך אומגליקליך, אַז פון כמה שנים שטיקט מע' זיי צונויף אַלע אינאיינעם אין איין אָרט ווי די שאָף, אַז זיי זעהען פאַר זיך ניט קיין וועלט און קענען ניט אַטהעמען קיין פרייע לופט. אַ מענש מוז דאָך אָבער עסען, מוז דאָך זיך דערנעהרען און אונטערהאַלטען זיין לעבען כל זמן ער זשיפעט, כל זמן עס שלאָגט זיך אין איהם איין אָדער, דעריבער זוכען זיי שפע איינער פון דעם אַנדערען, דער שטאַרקערער וויל דערקוועטשען דעם שלאַפערען, מען טראַכט אויס כל אַ מיני תחבולות, ווי אַזוי צו דערטאַפּען אַ שטיקעל ברויט, ווי אַזוי צו דערהאַלטען די נשמה, די נאַטור איז שטאַרק, זי פאָדערט איהרס, זי סטאַרעט זיך, זי זוכט כל אַ מיטעל זיך צו דערהאַלטען. אָט דעריבער זענען דאָ ביי אונז אין טונעיאַדעווקע די גאַנצע חאָפטע פאַרשוינען, וואָס מיר האָבען פון זיי גערעדט, אָט דעריבער זיינען דאָ ביי אונז אַזעלכע מיני מענשלעך, דערצו נאָך זעהר אַ סך זיידענע יודען, גאַנצע פאָלקען שדכנים, מלמדים, גאָטס סטראַפּצעב וכדומה נאָך אַזעלכע טשינאָווניקעס, זיי אַלע ווילען עסען, זיי אַלע האָבען אַ נשמה און סטאַרען זיך זי צו דערהאַלטען, זיי האָבען אַלע חושים, אַ טבע פון מענשען, זיי ווילען לעבען! אַקעגען דער טבע העלפט זיך ניט צו באָרען, אַקעגען איהר העלפט ניט קיין עצות, קיין חכמות, זי איז אַלצדינג גובר! אַך נישט גוט, שלמה! אַ רחמנות, כ'לעבען, אויף אונזערע יודעלעך. עס וואָלט שוין צייט געווען, מען זאָל זיי לאָזען אַביסעל אָטהעמען, אַביסעל דיכען!....

וועקער, ניין, גדליה, עס איז עפּעס ניט גלאַט, עס מוז עפּעס זיין, וואָס דו רעדסט אַזוי פיעל מיט פייער. ס'טייטש, דו קאַלטער גדליה, דו שטילער, דו גוטער, דו ליעבער גדליה זאָלסט רעדען אַזוי פיעל מיט האַרץ! ניין, ניין! זאָג דיר וואָס דו ווילסט, עס איז עפּעס ניט גלאַט. (ער לעגט ארויף זיין האַנט אויף פיקהאַלץ'ס אַקסעל) איך בעט דיך, גדליה, דו בלייבסט היע אויף לאַנג?

פיקהאָלץ. ניין, איך וויל נאָך היינט אַוועקפאָהרען.

וועקער, וואָס אײַלסט דו זיך אַזוי קיין דיין טונעיאַדעווקע?

פיקהאָלץ. זאָג ניט מעהר, איך בעט דיך, „דיין טונעיאַדעווקע", איך בין שוין ניט מעהר קיין טונעיאַדעווקער.

טייכען בבל'ס. אויף די ווערבעס דאָרטען האָבען די משוררים אויפגעהאַנגען זייערע פידלען, זיי האָבען מעהר ניט געוואָלט זינגען, שפּיעלען, נאָר קלאָגען, יאָמערען און טרויערען. גענוג זינגען, גדליה! גענוג שרייבען שירים, מליצות בשעת אונזער פאָלק, אונזער אָרעם פּאָלק ליידט אויף דער טייך גנילאַפּיאַטקע. צעררייס אויך די סטרונעס פון דער יודישער פּיעדעל (ער רייסט מיט אימפּעט). יודען זיינען ניט געבאָרען געוואָרען צו זינגען, צו שפּיעלען.... מען מיז האָבען אין זינען ערענסטערע זאַכען. בלייב היע, גדליה: מיר וועלען פּרובען ביידע היע עפּעס טאָן עפּעס ווירקען, פאַר אונזערע אָרעמע יודען. דאָ גדליה, דאָ איז דעראָרט צו ווירקען.

פּיקהאָלץ (מיט אַ ביטערען לאַכען) אַי, שלמה, ביי יודען ווילסט דו ווירקען! פאַר די וואָס דו וועסט זיך אָננעמען, טאַקע די אליין וועלען דיר זיין שונאים, דער וואָס טרינקט זיך וויל תמיד אַריינשלעפּען אין וואַסער דעם דאָזיגען, וואָס ראַטעוועט איהם, קראַנקע האָבען במעט אַלע פּיינט דעם דאָקטאָר, דאָס ליעגט שוין אַזוי אין דער נאַטור. — דו וועסט זיך סטאַרען עפּעס צו טאָן, עפּעס צו פערבעסערען, פלוצלים וועט קימען איינער און וועט אָבזאָגען אַ סליחה, אַז דו ביסט איין אַפּיקורוס, אַז עס פעהלט ביי דיר אַ האָר אין באָרד, נו דאָ הערט שוין אויף אַלצדינג, מען מאַכט דיך מיט דער בלאָטע גלייך און מען לאָזט זיך נאָך בעסער צו צו די בעלי טובות, אַקוראַט ווי דאָס אומגליקליכע חיה'לע נעבעך לויפּט צו אַליין צו דעם שרעקליכען שלאַנג, וואָס בעצויבערט און שלעפּט דאָס מיט די אויגען... ניין, שלמה, דו ביסט צו הייס, ניין, זאָג איך דיר, שלמה, ניין, איך וויל ניט ווירקען.

וועקער (גאַראַטשעט זיך) דו בלייבסט גדליה! דו וועסט היע זיין רב, איך בין גוט בעקאַנט מיט שטאַנדהאַפּטען, ער איז דאָ דער גביר, דער גאַנצער פיהרער, איך וועל איהם בעטען, ער זאָל דיך מאַכען היע פאַר רב, ער לעבט מיט מיר זעהר גוט.

פּיקהאָלץ. אַי, שלמה, דו ביסט נאָך ניט ערפאַהרען, דו קענסט ניט קיין גביר, קיין היגען יודישען גביר, דו קענסט ניט שטאַנדהאַפּטען, ביי איהם איז ניטאָ קיין פריינדשאַפט, קיין געוויסען, ער ליעבט נאָר זיך, ער זוכט נאָר זיין נוצען, אַי היט זיך, שלמה, היט זיך פאַר איהם.

קעס, די שטאָדט, דאָס הייסט ר׳ טרייטעל מיט דער בנופיא, איז ברוגז, פאַר וואָס מען בעזופּאָקאָיעט זיי. מען קען טאַקע נאָך חאַפּען אַ פּסק, ר׳ טרייטעל שרייבט וואוהין מען דאַרף אין דעם נאָמען פון דער שטאָדט... מיט חתימות האָט ער קיינמאָל ניט וואָס צו זאָרגען. זיי ליגען ביי איהם תמיד פאַרטיג אָנגעגרייט, הײַנט האָט ער דאָך עפּעס נאָך וועקסלען אויך!... *)

וועקער (קנייטשט דאס ביבעל אין דער האַנד זעהר שטאַרק אויפגעבראַכט), גדליה! בלייב היִע, גדליה!

פיקהאָלץ. דאָ איז ניט מיין אָרט.

וועקער. (נאָך שטאַרקער אויפגעבראַכט) פאַרקעהרט, דאָ איז דיין אָרט (ער שטעהט אויף און רייסט דאָס ביבעל פאַר גרויס עגמת נפש).

פיקהאָלץ (קוקט אין וועקער׳ן פערוואונדערט) וואָס טוסט דו, שלמה?

וועקער (מיט אַ ריהרענדע שטימע) איך טו דאָס, וואָס אונזערע עלטערען האָבען געטאָן אַמאָל בשעת חורבן דאָרטען אויף די

---

*) אמר ר׳ מענדעלי: איך האָב נאָך אַ תירוץ אויף וועקער׳ס שאלה, ער פרעגט, פאַר וואָס מען שווייגט ר׳ טרייטלען וכדומה, ווי איך זע קען ער אַפּנים ניט, זאָל ער מיר מוחל זיין, די פּוילישע יודען, אַ פּוילישער איז אַליין אַ בריה ביי זיך אין שטוב, אין בית מדרש אונטער דעם אוווען, דאָרט סמאַליעט ער די וועלט, ער קען ניט צוזעהן די עולות, דעם גראַבעוש, וואָס עס געהט פאָר אין דער שטאָדט, ער ליאַרעמט, ער פילדערט, ער גיט עצות, מען זאָל שרייבען פּראָשענעס, מען זאָל שרייבען אויף די נייע צייטונג, מען זאָל אַלע טומטומקעלאַך אַרויספיהרען ווי בוימעל אויף דעם וואַסער, מען זאָל טאַקע איינמאָל אָנלערנען די פאַלשע מענשען, מען זאָל אויסמאַכען דעם, מען זאָל אויסמאַכען יענעם, נאָכדעם זאָלט איהר זעהן, אַז עס קומט צו עפּעס, איז ניטאָ קיינער אין דער היים, ער בעהאַלט זיך אין אַ מויזענלאָך פאַר אַ רויטען קאָלנער, ער ווערט אַ קעצעלע, אַ תם. ער גיט נאָך אָב אַ שיינעם גוט מאָרגען דעם דאָזיגען, וואָס ער האָט אויסגעמאַכט מיט דער צונג, פאַרקעהרט ער דינגט איהם אַז אומעדום, אין אַלע שולען שרייט ער און העט שרייען, אַז קיין ערליכער חזן איהם איז טאַקע ניטאָ, מאַלע וואָס שונאים זאָגען. נאָר פון דעסטוועגען בין איך מודה, אַז פּיקהאָלץ׳ס תירוץ איז זעהר אַיין אמת׳ער, אונזערע יודען נעבעך זיינען זעהר דערשלאָגען. אַ חוץ דעם האָבען זיי מורא זיך צוקלאָגען אויף שלעכטע מענשען און אַרויסשרייבען זייער פאַלשקייט נאָר מחמת דעם טעם אויך, ווייל זיי ווייסען, אַז די אומות העולם בעשולדיגען דעם כלל ישראל פאַר אַ פּרט און לייגען אַרויף דעם חטא פון איינעם אויף אַלע יודען. דעריבער איז זיי בעסער ניחא צו ליידען שטילערהייד, איידער שרייען און עס זאָל חס ושלום אַרויסקומען אַ חילול השם.

צווייטער אקט.

וועקער. ניש׳קשה, דאָס איז מיין זאַך, שטאַנדהאַפט, זאָג איך, וועט דיר מאַכען פאַר אַ רב.

פיקהאָלץ. איך דאַנק דיר, שלמה, פאַר דער טובה! פע אַזאַ רבנות, וואָס שטאַנדהאַפט גיט זי, פע אַזאַ רבנות, וואָס פאַר איהר דאַרף מען זיך פערקויפען דעם טייפעל, וואָס פאַר איהר דאַרף מען זיין אַ נבנע, אַנ׳עבד כנעני, וואָס פאַר איהר מוז מען הערען, זעהען און שווייגען! פע, פע, פע אַזאַ רבנות! דענסטמאָל וועל איך זיין אַ רב, ווען דאָס פאָלק וועט מיך וועלען, ווען אַלע אָרעם און רייך גלייך, וועלען מיך מאַכען און מיר שיינקען זייער צוטרויען, ווען איטליכער, אַפילו דער אָרעמער נעבעך, וועט מיך געפינען פאַר ווערטה צו פערטרעטען די שטעלע, נאָר עס איז נאָך אָבער דערצו זעהר ווייט צו וואַרטען! זיי מיר געזונד, שלמה! איך מוז פאָהרען, לאָמיר איינער דעם אַנדערען ניט מעהר שטערען! (ער וויל געהן).

וועקער. אַך, גדליה! וואַרט נאָך אַביסעל, גדליה!

פיקהאָלץ. ניין איך מוז פאָהרען, זיי געזונד, געניט און ערפאַהרען, היט זיך פאַר שטאַנדהאַפטען און רעד זיך נישט איין צו ווירקען ביי יודען. אַדיע! (ער צוקוסט זיך מיט וועקער׳ן און געהט אַוועק).

וועקער (נאָך דעם, אַז ער איז אַביסעל געשטאַנען פערטראַכט) אַך, גדליה, דו האָסט מיר געעפענט די אויגען. איצט הויב איך אָן צו זעהען, ווי אַזאַ סוחר, ווי מיין ספאָדיק, קען זיך האַלטען און זיין רייך, אַ מלאך, ווי איך זעה, וואַרפט ניט קיין גראָשען אין אַפנים, אַז מען נעהמט ניט אַליין אויף דער וועלט, האָט מען טאַקע ניט... נאָר נישט גוט אָבער צו האָבען אָפענע אויגען, נישט גוט צו זעהען אַ סך אויף דער וועלט, עס קאָכט אין מיר דאָס בלוט, עס קלאַפט מיר דאָס האַרץ; איך פיעל, אַז דאָס גאַנצע פנים פלאַמט מיר. עס איז מיר דאָ דושנע, איך קען דאָ ניט אַטעמען די לופט, איך מוז פון דאַנען אַרויסגעהן און שוין טאַקע אַהער מעהר נישט קומען. אַך, גדליה, דו האָסט מיר געעפענט די אויגען! (ער געהט געשווינד ארויס און גיט א קלאַפ מיט דער טיר).

צווייטער אקט.

דאָ ווערט פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי די פאפעטשיטעלעס פון דער טאַקסע אַרבייטען מעשים און פיהרען אַ וועלט.

ערשטע סצענע.

אַ מלוה־מלכה ביי ר׳ משה בעל תכלית, די כנופיא פאפעטשיטעלעס זיצען אַרום טיש. אויף איהם שטעהען פלעשלעך בראַנפען און וויין, אַ גרויסער פאָלומעשיק מיט אַ געבראָטענע גאַנז און אַ טעלער מיט אַייטערלעך.

ספאָדיק (האַלט אַ כוס אין דער האַנד) לחיים, יודישע קינדער, גאָט זאָל געבען עפעס ישועות ונחמות אויף יודען, און טאַקע דערביי אַ שנת פרנסה (ער פערגלאָצט די אויגען צו דער סטעליע) ישראל עמך צריכים פרנסה! עס איז היינט זעהר אַ שלעכטע צייט! (ער קרעכצעט און טרינקט אויס דעם כוס).

די כנופיא (קרעכצעט אויך מיט די כוסות אין די הענד) עס איז היינט זעהר אַ שלעכטע צייט, השי״ת זאָל רחמנות האָבען! לחיים, ר׳ איצע וואָלף, לחיים! זאָל טאַקע זיין זרענו וכספנו ירבה כחול, (אַלע טרינקען און פערבייסען).

שטאַנדהאַפט. חאַפּט זיך ניט אַזוי צו, מיין ליבער ר׳ משה! אמת טאַקע, איהר האָט רעכט, איהר האָט אויך אַ דעה, מען קען אָבער ניט אַלץ אויף אֵיין מאָל, לעת עתה דאַרפט איהר האָבען אַזאַ רעכנונג, אין גלופּסק געֶהט אַוועק לערך פון 17 ביז 18 טויזענד אָקעס פלייש אַ וואָך, חוץ עופות, היינט אַז מען ציהט אַרויף נאָך 5 קאָפּיקעס אויף דער אָקע, מאַכט שוין דאָס ביסעל אַליין אויס לערך 900 רובעל אַ וואָך, אין אַיאָהר איז 52 וואָכען, קענט איהר אַייך שוין אַליין צוגויפרעכענען די סומע, דערווייל מוזען מיר זיך בענוגענען מיט דער קליינער סומע און ווייטער וועלען מיר זעהן, מען קען ניט אַלץ אויף אֵיין מאָל.

ספּאָדיק. לאָמיר זיך, ר׳ משה, נוהג זיין ווי אונזערע הייליגע חכמים האָבען געזאָגט „תפסת מועט תפסת” לאָמיר זיך לעת עתה בענוגענען מיט דער קליינער סומע, אַ רחמנות כ׳לעבען, אויף די אָרעמע לייט, זאָלען זיי לכל הפחות נעבעך ביסלעכווייז געוועֶהנט ווערען.

ת ם. פאַר וואָס זאָלען מיר נעבעך ליידען?

ספּאָדיק (טרייסט תמ׳ען) שאַ, כ׳לעבען, ר׳ שמעיה, נו וואָס קען מען מאַכען, כ׳לעבען, ניש׳קשה, השי״ת וועט אונז דערפאַר העלפען, בזכות זה טאַקע, וואָס מיר טוען פאַר די אָרעמע לייט, וועט אונז השי״ת העלפען, לעת עתה זאָל אונזערע איבערגעֶהן, דערנאָך, ווי זאָגט שטאַנדהאַפט, וועלען מיר זעהן, מען קען ניט אויף אֵיין מאָל איבערציהען דעם בויגען, געדיינקט איהר, ווי מען האָט זיך נוהג געוועזען תחילת ביז מען האָט געשטעלט אויף 25 קאָפּיקעס, אַ רחמנות, כ׳לעבען, אויף די אָרעמע לייט, מען קען ניט אַלץ אויף אֵיין מאָל.

שטאַנדהאַפט. דער עולם זאָגט, אַ גוי׳איש שפּריכוואָרט איז להבדיל ווי אַ גמרא, טישע יעדעש—דאַילשע בודעש, דאָס הייסט, ר׳ איצע וואָלף, אויף יודיש, אַז מען פאָהרט פּאַמעליך, פאָהרט מען ווייטער אַיין.

ספּאָדיק. ווי קומט צו זיי אַזאַ גלייך ווערטעל? זיי האָבען דאָס אַוודאי גענאַשט ביי יודען... דער אמת איז טאַקע, מען טאָר

משה בעל תכלית (האַלט אַ פּאַלקע אין דער האַנד) עס איז, כ׳לעבען, גאָר קיין תכלית ניט צו לייזען 25 קאָפּיקעס פאַר איין אָקע פליייש אין אַזאַ שלעכטער צייט, געװנג, װאָס מיר הלאַפּאָטשען זיך נעבעך מיט דער טאַקסע לטובת חכלל, פאַר װאָס נעבעך זאָלען מיר דערלעגען פון אונזער קעשענע?

תם. פאַר װאָס נעבעך זאָלען מיר דערלעגען?

שטאַנדהאַפּט. דערלעגען זיינען מיר אַוודאי ניט מחויב, יענער זאָל זיך עסען פלייש און מיר זאָלען פאַר איהם דערלעגען! פּשוט איז פּשוט, מען דאַרף פערגרעסערן דעם מקח פון פלייש.

ר׳ יוסף. מהיכא תיתי! האַ, מען מעג טאַקע פערגרעסערן.

ספאָדיק (זיפצט) אַוודאַי איז אַ רחמנות, כ׳לעבען, אויף די אָרעמע לייט, אויף די אָרעמע יודען נעבעך, נאָר װאָס אָבער זאָל מען טאָן? גאָט קען אַוודאַי העלפען. דערווייל, מיין איך, װעט ניט קיין כח זיין אַרויפציהען אַ פּאָר קאָפּיקעס אויף דער אָקע.

ר׳ יוסף. מהיכא תיתי, װאָב קען עס שאַדען, האַ?

תם, פאַר װאָס ניט דריי?

שטאַנדהאַפּט. פאַר װאָס מאַקי ניט פיער, פיער איז דען אַ סך? װאָס איז, די שטאָדט דאַרף דען װעניג האָבען? פון װאַנען װעט מען עס נעהמען אויף אַלע הצטרכות?

ספאָדיק. (פערגלאָצט די אויגען און קרעכצעט) אַוודאַי איז צרכי עמנו מרובים, יודען נעבעך דאַרפען זעהר פיעל האָבען, נו, זאָל שוין זיין, אויב יאָ אַזוי, טאַקע פינף, איין מאָל איז ניט רעכט קיין זוגות און צװייטענס צו אַ גלייכען מספר דרייסיג.

ר׳ יוסף. מהיכא תיתי: דרייסיג, זאָל זיין דרייסיג.

משה בעל תכלית. און איך זאָג אייך, אַז דאָס איז כ׳לעבען, אויך קיין תכלית ניט, בערעכענט זיך נאָר גוט, װאָס איז דרייסיג קאָפּיקעס אין אַזאַ צייט? פאָלגט מיך, כ׳לעבען, לאָזט מיך אויך עפּעס פּריבאַװען.

ר׳ יוסף. מהיכא־תיתי, כ׳לעבען, זאָל ער עפּעס אויך פּריבאַװען, ער איז דאָך אויך אַ פּאָפּעטשיטעל...

איך אַלײן געשריען, וואָס װעט זײן דער תכלית פון אַזוי פיעל געלד. פון אַזאַ סומע געלד? לאָמיר אַרויסנעהמען דאָס געלד!

ספּאָדיק. זעהט איהר, איך האָב טאַקע גוט געראַטען, מען זאָל שרייבען, אַז מען דאַרף דאָס געלד אויף אַ ביקור חולים, דאָס האָט אַ סך געהאָלפען.

פּיאַװוקין. (מיט חניפה) יאָ, זיי טאַקע האָבען געזאָגט, אַ בקור חילים האָט ר׳ איצע װאָלף געזאָגט.

בעל־תכלית. אַ גרױסע חכמה, ער האָט געזאָגט! וואָס איז דאָס פאַר אַ תכלית? מען האָט געדאַרפט, פּשוט איז פּשוט, אַרויס־נעהמען דאָס געלד סתם, אַזוי װאָלט געװעזען אַ סך בעסער, בכל האופנים בעסער!

ר׳ יוסף. מהיכא תיתי, אַזוי װאָלט טאַקע געװעזען בעסער, סתם איז אַװדאַי בעסער!....

תם. װער האָט עס געדאַרפט װיסען, װאָס מיר װעלען מיט דעם געלד טאָן? װער האָט זיך צו מישען אין אונזערע עסקים? מיר זײנען דאָך פּאָפּעטשיטעלעס!

שטאַנדהאַפט. מען האָט דאָך געמוזט װײזען דער קאַזנאַ, אויף װאָס מען פערברױכט דאָס געלד. דעם חשבון מאַכען, דאָס איז שוין אונזער זאַך.

ספּאָדיק. (טרײסט תם׳ען) כ׳לעבען, זאָרגט ניט, ר׳ שמעיה, השי״ת װעט העלפען. ניש׳קשה, כ׳לעבען, אַזוי איז בעסער. פאַרשטעהט איהר?

די כנופיא. מיר פערשטעהען, מיר פערשטעהען, פאַר װאָס זאָלען מיר עס ניט פערשטעהן.

פּיאַװוקין (מיט אננבה־שמײכעלע צו ר׳ משה בעל תכלית) גלױבט מיר, ר׳ משה, איך פערשטעהע אויך אַ תכלית־זאַך, װאָס עס נוצט פאַר דער שטאָדט. עס װעט אויסקומען, אם ירצה השם, װי מען זאָגט, אגיל ואשמח, קײלעכדיג און שפּיציג!....

שטאַנדהאַפט. איצט, רבותים! דאַרף מען זיך בעטראַכטען, װאָס מיר האָבען מיט די איבעריגע געלד צו טאָן. פערשטעהט איהר?

בעל־תכלית (מיט אַ זיס שמײכעלע). איך האָב געװאָלט בעטען דערפון אַ גמילות חסד.

זיך ניט אײַלען, מען דאַרף ניט אויף איין מאָל איבערציהען דעם בויגען, פערשטעהט איהר?

די כנופיא. מיר פערשטעהען, מיר פערשטעהען, פאַר וואָס זאָלען מיר עס ניט פערשטעהן?!

צווייטע סצענע.

(די זעלבינע בנופיא. פיאַווקין קומט אַריין שטאַרק פרעהליך.)

פיאַווקין. אַ גוטע וואָך! פאָזדראַוולאַיו אויף אַ פולער וואָך! גאָט האָט געהאָלפען, עס איז אָנגעקומען!..,. איצט, זעהט איהר, קומט אַ גלעזעל וויין. (ער גיסט זיך אן א גלעזעל וויין, טרינקט אוים און פערבייסט מיט אייטערלעך.

די כנופיא (שטאַרק פערוואונדערט) וואָס אָנגעקומען? האַ, וואָס אָנגעקומען, וואָס?

פיאַווקין. דאָס געלד! די אָבשטשעסטווענע הונדערט טויזענד קערבלעך אָנגעקומען.

די כנופיא (אין איין קול) וואָס זאָגט איהר?!

פיאַווקין. דאָס וואָס איהר הערט.

ספּאָדיק (פערגלאָצט די אויגען) איך דאַנק דיר און לויב דיר גאָט (צו תס'ען) נו, ר' שמעיה, היינט זעהט איהר, ווי השי"ת העלפט פאַר עהרליכקייט, האַ, וואָס האָב איך אײַך געזאָגט, ערשט ניט לאַנג געזאָגט? אָט האָט איהר אַ מופת!

בעל־תכלית. היינט זעהט איהר, אַז איך גאַנצען איך! איך טאַקע האָב אַלץ געזאָגט: וואָס וועט זיין דער תכלית פון אַזוי פיעל געלד, וואָס האָט זיך פון דער טאַקסע אָנגעזאַמעלט ביי דער קאַזנאַ נאָך פון גאַנץ לאַנג? טאַקע סאַמע פון דער הייסער מינוט, וואָס מיר זיינען געוואָרען פּאָפּעטשיטעלעס, כמעט פון דער ערשטער רגע האָב

בראַנפען, גאַנז, אַייטערלעך? מען דאַרף עס אויסטרינקען, אויפעסען, איך בעט אַייך, טוט עפּעס, לאָזט זיך ניט בעטען.

ר׳ יוסף. מהיכא־תיתי, עס הלש״ט מיר טאַקע דאָס האַרץ (ער נעהמט אַ כוס אין דער האַנד) לחיים מיט אַלע פרושים! לחיים! מהיכא תיתי, אידען זאָלען נעבעך אויפגעריכט ווערען. מהיכא תיתי, ר׳ איצע וואָלף, זאָל זיין אַזוי ווי איהר זאָגט, אידען זאָלען בלייבען דאָס וואָס זיי זיינען, מהיכא תיתי, אַזוי איז אַוודאַי בעסער.

די כנופיא, לחיים, לחיים! אידען זאָלען טאַקע בלייבען דאָס וואָס זיי זיינען, השי״ת זאָל אויף אונז רחמנות האָבען (מען טרינקט און מען עסט).

דריטע סצענע.

די כנופיא איז אַביסעל פערלעקט, זינגען אליהו״ס גאַנץ פרעהליך, שטאַנדהאַפט זיצט אין ווינקעלע, רויכערט אַ ציגאַר און סודיעט זיך מיט פּיאַווקינען. די גלאַסנעם קומען אריין אין פאָר־חדר.

די גלאַסנעס. (פערוואונדערט איינער פון איין זייט, דער אַנדערער פון דער אַנדערער זייט טיר) מען טרינקט, מען עסט, מען איז פרעהליך! איז דאָס גלאַט אַ מלוה מלכה אָדער אפשר עפּעס טאַקי אַ שמחה!

איין גלאַסנע. אָן איז פּיאַווקין! מען דאַרף איהם אַ וואונק טאָן און איהם פרעגען.

צווייטער גלאַסנע. אַ! איך ווייס שוין, עס איז אַ חתונה! עס איז אַ גוטע חתונה! איך קען די כלה, ועהר אַ שענע!

ערשטער גלאַסנע. (נאָך מעהר פערוואונדערט) ווער חתונה? ווער כלה?!

צווייטער גלאַסנע. (מיט אַ שמייכעלע) די קאַץ! מען מאַכט חתונה די קאַץ.

ערשטער גלאַסנע. דו בינסט משוגע!

ר׳ יוסף. מהיכא תיתי, מיר אויך אַ גמילות חסד.

פּיאַווקין (צו ר׳ משה בעל תכלית) נו, אַ גמילות חסד. דאָס איז דאָך אַ מצוה, אַ יודישע זאַך. דאָס איז דאָך איינס פון די דברים שאין להם שיעור. (צו זיך אליין אן דער זייט מיט אשמייכעלע) דערפאַר וועט די שטאָדט האָבען עולם הבא!....

ספּאָדיק. איך וואָלט געוואָלט בעטען אַ זעקס—זיבען טויזענד קערבלעך אויף קאַבצינסקעס אַטראַטע.

שטאַנדהאַפּט. מיין דעה וואָלט געווען, אַז מען זאָל דערווייל די געלד איינלעגען.

ר׳ יוסף. מהיכא תיתי, לעגט עס איין ביי מיר.

בעל תכלית. ביי אייך, ר׳ יוסף, איז קיין תכלית ניט. איך קען בעסער פאַרטאָן געלד, איך האָב גראַד איצט אַ פּלאַן.

שטאַנדהאַפּט. אַ פּלאַן האָב איך אַ בעסערען, איך נעהם די געלד אויף מיר.

די כנופיה. (אין איין קול) ניין, ניין, אַזוי איז ניט גוט, זאָל בעסער זיין ווי פריהער.

תם. מיר קומט פון דער שטאָדט געלד, וואָס האָט מען נעבעך צו מיר?

ספּאָדיק. און מיר קומט אויך פון דער שטאָדט געלד, פערשטעהט איהר?

די כנופיא. מיר פערשטעהען, פאַר וואָס זאָלען מיר עס ניט פערשטעהן? אונז קומט אייך געלד פון דער שטאָדט....

פּיאַווקין (דערווייל צו זיך אליין אן דער זייט) איך פערשטעה, איך פערשטעה, עס קומט זיי ניט פון אַ יחיד, אַ שטייגער פון דעם, יענעם, נאָר גלאַט סתם פון דער שטאָדט. דאָס איז אַ גרויסער הילוק (צו דער כנופיה מיט חניפה) עס פערשטעהט זיך, עס קומט אייך פון דער שטאָדט, איך בין אַנ׳ערות, עס קומט אייך.

בעל תכלית. נו, וואָס וועט זיין דער תכלית פון דעם וויין,

ר׳ יוסף. מהיכאָ־תיתי, אוודאַי וואָלט בעסער געווען, מיר זאָלען ניט זיין אין גלות.

תם. נאַט אייך אַ רעוויזאָר אויף אונזער קאָפּ! פאַר וואָס זאָלען מיר נעבעך מעהר פון אַלעמען ליידען גלות!

בעל תכלית. אַ שענער תכלית, ב׳לעבען! נו מייל׳א, אַז ער איז געקומען, וועמען געהט עס אָן?

די גלאַסנעס. ס׳טייטש, ער וועט מאָרגען רעווידירען די ביכער אין דומע! דאָרטען וועט ער געפינען די פּראָביעלען, מחמת איהר האָט שוין אַזאַ לאַנגע צייט ניט אַריינגעטראָגען, ווי עס געהער צו זיין, די ראַטע פון דער טאַקסע, און אין דער קאַסע פעהלט געלד. האָט אויף אונז ניט קיין פאַריבעל, וואָס מיר זאָגען אייך. דער גאָלאָוואַ געהט אַרום אָהן אַ קאָפּ, מיר ווערען אויך שיער ניט משוגע פאַר פחד. איהר ווייסט, מיט וואָס דאָס שמעקט? דאָס שמעקט מיט סיביר, שמעקט עס!

פיאַווקין. אַז איהר האָט מורא, לייענט קריאת שמע. געהט, זאָג איך אייך, זאָגט דעם גאָלאָוואַ, ער זאָל, דער נאַר, קיין מורא ניט האָבען.

ספּאָדיק. עס וועט מכתמא מיט גאָטס הילף זיין רעכט, פעשטעהט איהר?

די כנופיא. מיר פערשטעהען, מיר פערשטעהען. פאַר וואָס זאָלען מיר עס ניט פערשטעהן? מען דאַרף זיך נאָר מכח דעם אַביסעל מישב זיין (זיי אַלע, חוץ די גלאַסנעס, געהען אַריין אין אַן אַנדער חדר).

פיערטע סצענע.

(די גלאַסנעס אַליין, דערנאָך די גאַנצע כנופיא).

ערשטער גלאַסנע (קוקט אויף דעם טיש) זיי האָבען זיך דאָ, אַפנים, גוט משמח געווען! זעה נאָר, זעה, וואָס איז אָנגעשטעלט אויף דעם טיש.

צווייטער גלאַסנע. דו בינסט חסר דעה! דו קענסט זיך ניט אָנשטויסען, דו האָסט נישט קיין שכל פאַר אַ קאַץ. איך זאָג דיר טאַקע נאָך אַ מאָל; מען מאַכט חתונה די קאַץ, די קאַץ, וואָס איז היינט אָנגעקומען די פּאָפּעטשיטעלעס, די שענע אָבשצעסטוויענע קאַץ, היינט פערשטעהסט דו שוין? יאַ, אַ שענע כלה. זיי מעגען זיך פרעהען.

ערשטער גלאַסנע. אַ-אַ!! אָט איצט פערשטעה איך. די קאָפּ איז מיר היינט אַזוי פערשלאָגען, אַז איך וויים אָסור ניט, אויף וועלכער וועלט איך בין. אַ קאַטאָוועס עפּעס? מיר קענען חלילה פערפוילט ווערען אין אַסטראָג!

צווייטער גלאַסנע. אין דאָ טאָר מען נאָך ניט זאָגען די פּאָפּעטשיטעלעס אַ גראָב וואָרט! ווער האָט דען אונז געמאַכט און ווער קען אונז ווידער אויסמאַכען, ווען ניט טאַקע זיי!... בפרט נאָך איצט אַז עס איז די צייט פון די וויבאָרעס. גוט איז טאַקע נאָר פּיאַווקינען, ער ווייסט ניט דעם טעם פון וויבאָרעס, ער פערלעבט קהל׳ס געלד, וויפיעל ער וויל, און טאַנצט אויף אַלע חתונות. ער וועט, ניש׳קשה, פון דער חתונה אויך אַראָבנעהמען אַ גוט רח״ש!

ערשטער גלאַסנע. וואָס וועלען מיר דאָ שטעהן, דער גאָלאָוואַ וואַרט אויף אונז אין איינע צרות. עס ציטערט נעבעך אויף איהם די הויט. (זיי געהען אַריין אין חדר צו די פּאָפּעטשיטעלעס).

די כנופיאָ (צו די גלאַסנעס) אַ! ברוכים הבאים! זיצט, מאַכט ברכה, חאַפּט עפּעס!

די גלאַסנעס. אַ שענעם דאַנק. עס איז איצט אונז ניט אין קאָפּ. דער רעווויזאָר איז געקומען!

שטאַנדהאַפּט (אביסעל דערשראקען) וואָס, אַרעוויזאָר? אַרעוויזאָר איז געקומען!

פּיאַווקין (ניט א מאך מיט דער האנד) אַ וואַזשנע זאַך! וואָס איז דאָס אַזוינס, אַז ער איז געקומען?

ספּאָדיק (קרעכצעט) אַך, זעהר אַ שווערער גלות! אָט האָט איהר אַ רעוויזאָר! מיר זיינען בעוונותינו הרבים אין גלות, השי״ת זאָל רחמנות האָבען.

וואָרום מיר ווילען ניט בלייבען אָהן ברויט, אונזערע ווייבער און קינדער זאָלען חלילה ליידען. פאַרלעצעס וועלען מיר זיין סײַ ווי סײַ. האַלטען מיר מיט זיי, האָט מען דאָך נישט צו רעדען, אַז מיר זיינען פאַרלעצעס, און ווען מיר זאָלען אַרויסטרעטען אַקעגען זיי, וועלען זיי אַזוי לאַנג דרעהען וואו מען דאַרף און אונז מאַכען פאַר פאַרלעצעס, זיי זיינען תקיפים, זיי האָבען אַלע מיטעל, זיי וועלען בלייבען גערעכט און אונז וועט מען אָבגעבען פּאָרסוה, איז דאָך גלייכער טאַקע דער ערשטער פאַל, וועניגסטענס האָבען מיר ברויט און הייסען פאַר דער וועלט עהרליכע לייט. אין צווייטען פאַל וועלען מיר שטאַרבען פאַר הונגער, מיר וועלען נאָך הייסען פאַר דער וועלט פּאָדלע מענשען און זיי, פּאָדסוד. די אָבסטאָיאַטעלסטוועס זיינען אין דער וועלט אַזוי פערדרעהט, אַזוי, פערפּלוטעט, אַז מען קען ניט זיין קיין עהרליכע לייט, ווי שטאַרק אפילו מען זאָל וועלען. אויב מען וויל העלפען די מענשען און אַרויספיהרען זיי אויף דעם רעכטען וועג, איז קיין אַנדער מיטעל ניטא, נאָר אויפפלאָנטערן דאָס קניפּעל און עיקר זיין דאָס שלעכטס מן השרש. דאָס קניפּעל אָבער איפּפלאָנטערן קען נאָר דער, וואָס האָט אין זיין האַנד אַ גרויסען כח, דערצו נאָך אַ גיטע ראיה, אַיין ריכטיגען און אַיין אֱמת׳ען בליק...

צווייטער גלאַסנע. אַי, עפּעס רעדסט דו איצט ווי אַ גאַנצער פּילוסוף! איך האָב דיך אסור קיין מאָל ניט געהאַלטען פאַר אַזאַ פילוסוף.

ערשטער גלאַסנע. נאַרעלע, די אומשטענדען מאַכען דעם מענשען פאַר אַלצדינג! איך רעד דאָס, וואָס איך פיהל ביי מיר, אַז איך וויל מיט דעם גאַנצען האַרצען זיין אַנ׳עהרליכער מאַן, נאָר איך קען נישט, מען ציהט מיך מיט גוואַלד אַריין אין דער נעץ, דאָס קניפּעל—דו ווייסט דאָך, ווען איך מיין—פערפּוטעט מיך מיט גוואַלד, איך וויל לעבען אויף דער וועלט, איך האָב ליעב מיין ווייב און קינדער, און וויל ניט, זיי זאָלען ליידען דחקות, איך וויל זיי ניט פערשוואַרצען דאָס פנים און וויל הייסען פאַר דער וועלט אַ שטילער מענש, אַנ׳עהרליכער מאַן, דעריבער מוז איך מיר האַלטען אין דעם שטאַרקען קניפּעל און זיין אַפּאַדלעץ... לאַך ניט פון מיר, משה, איך בין אָסור ניט קיין פילוסוף, נאָר אַ פּראָסט מענשעל, איך זאָג דאָ ניט קיין גרויסע חכמות, נאָר דאָס וואָס איך זעה און פיהל. אַדרבה, זיי זיך מודה, דו זאָגסט ניט דאָס זעלביגע וואָס איך?

צווייטער גלאַסנע. זיי מעגען זיך פרעהען, זיי האָבֿען נוטע יאָהרען, אַ קליינינקייט, זיי האָבֿען אַנ׳אַרענדע אָהן ראַטע! וואָס אַ טאָג פערגרעסערט מען דעם מקה פון פלייש, אָרעמע לייט ווערען פערשוואַרצט, עסען ביינער, קרחת רביעית, זיי האָבֿען ניש׳קשה אין די עטליכע יאָהרען, וואָס זיי זיינען פאָפּעטשיטעלעס, אָנגעשאָטען פעסער מיט גאָלד!

ערשטער גלאַסנע (מיט אַ ביטער שמייכעלע) זיי האָבֿען דאָך גענומען די טאַקסע פאַר דער שטאָדט, זיי האָבֿען דאָך אַ טובה געטאָן דער שטאָדט.

צווייטער גלאַסנע. אַ שענע טובה, כ׳לעבֿען! זיי ווערען נתעשר און אויף דער שטאָדט נעבעך וואַקסט ביסלעכווייז אַ נעדאָיעם. מען קען שטאַרבֿען פון אַזעלכע טובות!

ערשטער גלאַסנע. איך מיין, די בעלי טובות וועלען זיך מאָרגען אָבשאָקלען מיט אַ היבשען גראָשען!

צווייטער גלאַסנע. זיי וועלען ניש׳קשה ניט דערלעגען פון זייער קעשענע. איך מיין, מאָרגען וועט טייערער ווערען דער מקח פון פלייש, אַוודאַי מעהר מיט עטליכע קאָפּיקעס אויף דער אָקע! פון זייער היינטיגער אַסיפה, מיין איך, וועט דער שטאָדט קיין גוטס ניט אַרויסקומען.

ערשטער גלאַסנע. וואָס זאָגסט דו! עס איז שוין אָהן דעם אויך זעהר טייער דער מקח פון פלייש, איך האָב מורא, מען וועט שרייען.

צווייטער גלאַסנע. ווער וועט שרייען?! אום שטיינס געזאָגט, ווער וועט זיך אָנרופען אַ וואָרט? דו קענסט ניט די היגע מענשען, זיי זיינען טרוסען, האָבען מורא פאַר אַ פליג, מען מעג זיי אפילו דעם קאָפּ אַראָבדרעהען, וועלען זיי ניט רעדען קיין וואָרט.

ערשטער גלאַסנע. כ׳לעבֿען, אַ רחמנות, וואָס זאָלען זיי נעבעך טאָן? מיר אַליין האָבֿען דען ניט מורא? צווישען אונז גערעדט, פאַר וואָס זעהען מיר צו די עוולות און שווייגען? פאַר וואָס קוקען מיר אַוועק אין דער זייט און זאָגען אמן אויף אַלצדינג, וואָס זיי טוען? ווארום מיר האָבֿען טאַקע פאַר זיי מורא, זיי קענען אונז אויס מאַכֿען,

די האַליאַסטרע. וואָס זאָלען מיר וועלען! עט, דערלעבט משיח׳ן. מה נאמר ומה נדבר, מיר זיַינען, כ׳לעבען, פּראָסטע מענטשעלעך, זייט אונז מוחל, רבותים. אָט האָט אִיהר! וואָס אויף דער לונג — דאָס אויף דער צונג...

די כנופיא. מיר ווייסען ניט, וואָס אִיהר ווילט, זאָל אֵיינער רעֶדען!

אַשניידערל. טאַקע וואו תורה, דאָרטען אִיז חכמה, לאָזט מיךָ. אִיךְ וועל רעֶדען. לב יודע מרת גיטעל. ר׳ אִיצע וואָלף, נישקשה, קעֶן מיךְ, אִיךְ האָב זיי אַמאָל פערלאַטעט דעם הינטער=חלק... פּראָסטע אִיז מאָסטע, רבותים! מען זעהט ניט די וועלט...

אַשוסטערל. שאַ, אִיךְ וועל רעֶדען! קיינער ווייסט נימ, וועמען דער שיךְ קוועטשט, רבותים! נאַט זעהט, ווי אִיךְ האָב מיר צושטאָכען די הענד מיט דעם נאָל. זייט אַייךְ משער, אֵיין ליכטעל אויף דער גאַנצער שטוב. אִין אֵיין ווינקעל אִיךְ מיט די פּועלים. אִין דעם אַנדערען פליקט מיין ווייב פעֶדערען, מיר מוטשען זיךְ, רבותים, אויף דעם שטיקעל ברויט, טאַקע פּשוט בנפשו יביא לחמו, מיר עסען ווערים. מען זיצט אִין נעץ און קעלט, די ליכטעל ברענט פינסטער, שפּריצט, שמעלצט זיךְ...

אַקירזנערל. (אַיין אויג פערהאַנגען מיט אַ שטיקעל בלאָען צוקערפּאַפּיער) זעהט, זעהט, רבותים, מיר האָבען שוין די ליכטלעךְ אַיין אויג אַרויסאַרויסגענומען! עפּעס ברענען זיי מיט אַרויטען פלאַם, אַז עס שטעכט פּשוט די אויגען, ווי מיט אַמעסער, און דערפאַר צאָהלען מיר דאָךְ אַזוי טייער!

די כנופיא. נו, מילא, וואָס זשע ווילט אִיהר? וואָס ווילט אִיהר פון אונז האָבען?

די האַליאַסטרע. (אִין אֵיין קול, כמעט מיט אַ געוויין) האָט רחמנות אויף אונז, אָרעמע לייט, טאַקע פריהער גאָט, דערנאָךְ אִיהר! מיר האָבען שוין מעהר קיין כח ניט אויסצוהאַלטען. דער אַרענדאַר פון די ליכט טוט אונז אָן צרות, געבראָטענע לייד.

ספּאָדיק. שאַ, מען קען טויב ווערען פון אַייער געשריי! זאָל חאָטשע אֵיינער רעֶדען.

צווייטער גלאַסנע. הערסט דו בעסער, וואָס איך וועל דיר זאָגען, אַז ווייטער דאַרפען מיר שוין קיין נאַרען ניט זיין, מיר ווייסען דאָך יאָ אַלע זייערע שטוטשקעס, נו דאַרף מען זיי האַלטען פאַר דעם קאָפּ, אַז וועניגסטענס פאַר גלאַסנעס מוזען זיי אונז וועלען.

ערשטער גלאַסנע. עפּעס מאַכען זיי צו פיעל שיהות. עפּעס זיינען זיי זיך דאָרטען צו פיעל מישב. דער גאָלאָוואַ נעבעך זיצט דערוויל אין געהאַקטע וואונדען.

צווייטער גלאַסנע. שאַ, מען הערט שוין אַ קול. אָט, דאַכט זיך, געהען זיי! — (די כנופיא קומט אַריין).

ספּאָדיק (צו די גלאַסנעס) נו, געהט רוהיג אַהיים! פּיאַווקין פאָהרט היינט אַריבער צו דעם רעוויזאָר...

די גלאַסנעס. אויב אַזוי, געהען מיר און האָט אייך אַ גו גאַכט.

פּיאַווקין. וואַרט, וואַרט, אָט געה איך אויך, איך וועל מיך אויך זעצען פאָהרען טאַקע פאַר אייערע אויגען (ער זעגענט זיך מיט דער כנופיא און געהט אוועק מיט די גלאַסנעס).

פינפטע סצענע.

(די כנופיא קלייבט זיך אַוועקצוגעהן, פּלוצלינג קומט אַריין אַ חאַליאַסטרע בעלי מלאכות אָרעמע לייט.

די חאַליאַסטרע (אין איין קול) מיר בעטען אייך מחילה, רבותים! וואָס מיר זיינען אייך מטריח, מיר זיינען דאָך נישט מעהר ווי פּראָסטע מענטשעלעך.

די כנופיא (קוקט אָן די האַליאַסטרע פערוואונדערט) זאָגט געשווינד, וואָס איהר ווילט, וואָס ווילט איהר?

זיךּ גאָר ניט אָן מיט דעם אַרענדאַר. פון אונז נעבעך לופעט ער די הויט....

דיחאַליאַסטרע (אין איין קול) געוואַלד, האָט רחמנות, פערקויפט אונז ניט צו דעם אַרענדאַר.

דיכגופיא. ס׳טייטש מיר נעמען דאָך בײַ איהם דאָס געלד פון אײַער טובה וועגען.

דיחאַליאַסטרע. די טובה קאָסט אונז זעהר טייער!...... מיר בעטען אײַך, נעהמט ניט בײַ דעם אַרענדאַר דאָס געלד, זאָל ער ניט האָבען קיין תירוץ. האָט רחמנות, טוט אונז ניט די טובה און נעהמט בײַ איהם ניט דאָס געלד!....

ספאָדיק. אהעזה א ביסעל פון עמי־הארצים. זיי קומען אונז זאָגען אַדעה!!— תם אָט האָט איהר אידען, געה טו זיי טובות!....

בעלתכלית. אַשענער תכלית, כ׳לעבען. ניט נעהמען בײַ דעם אַרענדאַר קיין געלד!......

ר׳יוסף מהיכא תיתי. וואָס אַרט עס זיי?

שטאַנדהאַפט. וואָס האָט איהר זיך דאָ געשטעלט זיי טענה׳ן, מיט אידען װילט איהר אויסקומען!

דערשימטערל (נעהמט אַרויס פון אונטער דער פאָלע אַ ליכט) נאַט׳ זעהט מיט אײַערע אויגען, אָט האָב איך אײַך געבראַכט אויף אַ צוקאַוועשין אַ ליכט.

ספאָדיק. הולטיי. וואָס האַלסטו אַ חלב׳נע ליכט אין די הענד! אַוועק טריפ׳ניאַק! אַוועק פון מײַנע אויגען!

דיכנופיא. (אויף אַ קול צו דער האַליאַסטרע) געהט אײַך, זייט מוחל, געהט אײַך, מען דאַרף ניט אײַער דעה, לערענט אונז ניט קיין שכל. מסתמא ווייסען מיר וואָס מיר טוען!

דיחאַליאַסטרע. אַז אָך און וועה איז אונז (איינער ברעכט די הענט, דער אַנדערער שלאָגט מיט אַ קולאַק זיך אין האַרצען און דער דריטער אין קאָפּ, אַלע גיבען אַ קרעכץ אין איין קול פון געהן ארויס).

דער שניידערל. שאַ שטילער עולם! ר׳ איצע וואָלף זאָגט דאָך טאַקע ווי אַ איד אַ למדן, שאַ, לאָזט מיך, איך וועל רעדען (צו ספּאָדיק׳ען) מען דערלעבט קוים דעם שבת, אַ ביסעל אָבדיבען און זיצען נאַ ראַספּאַשקו ביי׳ם טיש מיט די ווייב און די קינדערלעך. קוים אָבער האָב איך מיך נעכטען געזעצט צום טיש און האָב אָנגעהויבען „כל מקדש” האָבען די ליכט אָנגעהויבען זיך צו שמעלצען און צו שפּריצען. מיינער חאַפּט אַ קוילעטש, לעגט אַנטקעגען די ליכט, פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט, עס העלפט ניט. די ליכט קאַפּ, קאַפּ, קאַפּ...

דער שוסטערל, שאַ! איין אָקס האָט אַ לאַנגען צונג און קען שופר ניט בלאָזען. שאַ, לאָז מיך ריידען, (צו ספּאַדיקען) מה אני, מה חיי, איך בין אַ גרויסער עני. אַ גאַנצע וואָך ווי מען לעבט, לעבט מען, שבת פערזעצט מען אַ משכן, חאָטשע זיך פליישיג מאַכען, חאָטשע פערזוכען אַ ביסעל געקעכץ. מיט וואָס פאַר אַ שמחה קוקען די קינדערלאַך נעבעך אַרויס אויף דעם פרייטיג צו נאַכט, עפּעס אַ לעק טאָן, עפּעס אַ חאַפּ טאָן... נו זאָלט איהר געוועזען זעהן, ווי מיין ווייב האָט נאָר אויפגעהויבען נעכטען די שיסעל צום טיש, האָט זיך צופלאָכטען דער קנויט פון די ליכט און אויסגעפלאַקערט אין איין מינוט, אַז מיר האָבען געמוזט דאָס ביסעל לאָקשען אין דער פינסטער אויסזופּען...

די כגופיא. וואָס־זשע זיינען מיר שולדיג? וואָס ווילט איהר פון אונז האבען?

די האַליאַסטרע. מיר בעטען אייך מחילה, רבותים. דער אַרענדאַר פון די ליכט פאַרענטפערט זיך אַליין, וואָס איז, איהר נעהמט ביי איהם **1200** קערבלעך אַ יאָהר!

די כגופיא (אויפגעבראַכט) מיר נעהמען דאָך דאָס געלט טאַקע פאַר אייך, טאַקע לטובה פאַר די אָרעמע לייט!

איינער פון דער **האַליאַסטרע.** אויף דעם סמך מישט ער חזיר אין די ליכט. און לייזט מיט עטליכע גראָשען טייערער פאר איין אָקע. דאָס טראָגט איהם אַ יאָהר איין נאָך אַ סך געלט!

נאָך איינער. און אינגאַנצען ווער ליידט? מיר. טאַקע מיר אָרעמע לייט. ביי די נגידים ברענען לאָמפּען, אָדער שטערין־ליכט, זיי קעהרען

דריטער אקט.

אידישע פאלקס ביבליאטעק
ווינדזאר, 814 אווי, איסט
ביי דער י. ל. פרץ-שול

די כנופיא. געלויבט איז גאָט, מען איז זייערער פּטור געוואָרען!

ספּאָדיק. מיר איז שוין צייט צו גײַהן. מאָרגען דאַרף איך פריה אויפשטעהן, איך האָב אַ פּאָר ברית׳לעך, פון דאָרטען דאַרף איך געהן אויף אַ בר־מצוה, און פאַרנאַכט בין איך מיט מסדר קדושין.

די כנופיא. אונז איז שוין אויך צייט צו געהן. אַ גוטע נאַכט, ר׳ משה! פאַרגעסט נים, און זאָגט איהר טאַקע, זייט מוחל, אָן מאָרגען גאַנץ פריה שינדער׳ן מכח דעם מקח, מכח אַחת וחמש.

בעל תכלית. פאָלגט מיך, איך בעט אײַך, זאָל זיין חאָטשע אחת ושש,

די כנופיא, (צו ספּאָדיק׳ן) טוט איהם שוין, ר׳ איצע וואָלף, צו ליעב. מאָרגען דאַרף ער אָבלייז פאַר יענעם האָבען געלד...

ספּאָדיק (קווײַנקעלט זיך) ב׳לעבען, עס טוט מיר וועה דאָס האַרץ. אַ רחמנות ב׳לעבען, אויף די אָרעמע לייט, אויף די אָרעמע יודען נעבעך! וחוץ לזה איז טאַקע ניט רעכט קיין זונות, איהר ווייסט דאָך, איך האָב פיינט זוגות.

בעל תכלית. נו, זאָל זשע זיין אַחת ושבע.

ספּאָדיק (קנייטשט דעם שטערען, גיט אַ מאַך מיט די אַקסלען). טאַ!

די כנופיא. נו, זאָל שוין בלייבען אחת ושבע, אחת ושבע, אַ גוטע נאַכט! (אַלע געהען אַרויס).

דריטער אקט.

דאָ ווערט פאָרגעשטעלט, ווי מען האָט עטליכע יאָהר נאָך דעם געפּרובט אַריינשטעלען זיך אַנטקעגען די פּאַפּעטשימעלעס פון דער טאַקסע.

ערשטע סצענע.

(רעֶר און קנעֶכטבאַרג אִין דעֶם פראָיעֶקט).

קנעכטבאַרג. אִיך זאָג אַייך, מיין ליבער ר׳ יוסעל, אַז עס אִיז ניטאָ קיין מזל, העלפט גאָר ניט קיין חכמות, אַז דאָס פּיצעלע מזל אִיז ניטאָ, העלפט ניט אַלע הסברות, אונזערער הייליגע חכמים האָבען טאַקע רעכט, וואָס זיי האָבען געזאָגט: מזל מחכים—מזל מעשיר, דאָס הייסט, דאָס מזל מאַכט קלוג, דאָס מזל מאַכט רייך. מען זעהט עס אַרוים טאַקע בחוש.

שינדער. גאַנץ ריכטיג, ר׳ אַהרן! נאָר אַנטקעגען וואָס זאָגט אִיהר עס?

קנעכטבאַרג. אִיטליכער וואָרים האָט אַ דאָרים. אִיך זאָג אַייך אַנטקעגען אונז ביידען. מיר קענען זיך ברוך השם פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט, אַז אִיהר זייט נאָך געזעסען אִין אַייער שטעדטעל.

אָברעכבענען מיט דעם היגען עולם און האַלטען זיי אונטער דעם פראַלניק, מען קען אַייערם הלילה אַייך ניט אַוועק נעהמען, אִיהר האָט זיך כלל דערמיט ניט וואָס צו שעמען, פאַרקערט, אַדרבה.... מיר אַנטקעגען געהט עס ניט, חאָטשע צורייס זיך! אִיך האָב שוין געפרובט אויפגעבען דער שטאָדט, די פּאָפּעטשיטעלעס מיין אִיך, גאַנץ שענע פראָיעקטען, ווי עס קען ווערען אַ קערבעל, אִיך האָב מיך געוואָרפען אהין און אַהער, אומזיסט! עס געהט ניט. חאָטשע טו זיך דאָ, שינאַי ציון, אַ מעשה אָן, אִיך זאָג אַייך טאַקע נאָך אַמאָל בפירוש, אַז עס פעהלט דאָס פּיצעלע מזל, דאָס פּיצעלע גליק, העלפט גאָר ניט קיין חכמות!

שינדער (ניט אַקוק אין פענסטער און ווערט בלייך) זעהט נאָר, זעהט! עפעס געהט אַ הער אַ גאַנצער נאַראָד מענטשען, זיי זיינען עפעס שטאַרק אִין כעס און שרייען.

קנעכטבאַרג (גיט אויך אַקוק אין פענסטער) און בראש געהט דאָרטען לאָקשעווין און פרידעל דער קליינער. זיי זיינען שוין נאָהענט, אָט, אָט זיינען זיי!

צווייטע סצענע.

(די פריהערדיגע, די מיר פון דעם פראָיעקט עפענט זיך אויף מיט אימפעט, און דער עולם שטויסט זיך אריין).

לאָקשעווין. (אויף אַ קול צום עולם) שרייט, צאַן קדשים! דאָ אִיז דאָס אָרט, וואָס מען שערט אַייך, וואָס מען לופּעט אַייך!... דאָ אִיז דאָס אָרט, וואָס די בעלי טובות געוועלטיגען און גיבען אַרויס גזרות רעות, ווי אַזוי מען זאָל בייַ אַייך דאָס לעצטע אַרויסדראַפּען!

פרידעל (צום עולם) שרייט, וויינט, פילדערט, יודען! פאַר וואָס זייט אִיהר פלוצלים געבליבען שטיל? פאַר וועמען האָט אִיהר מורא?

אַקול אִין דעם עולם. טאַקע באמת פאַר וואָס זאָלען מיר זיין ווי שאָף, וואָס מען שערט זיי, און זיי שווייגען? טאַקע, באמת טאַקע, וואָס האָבען מיר מורא פאַר די בעלי טובות?

אִיהר וועט מודה זיין, אַז אִיךְ פערשטעה אִין עסק ניט ערגער פון אַייךְ. אִיךְ קען אויפטאָן אַ מאל אַיין אויבער־הסברא , פאַלען אויף אַ עֲצה׳לע, מאַכען אַ פלאַן, אַיין אָבשניצעלע און געפינען אַ קנייטשעלע. פון דעסטוועגען געהט עס מיר, שלי׳מזל, תמיד מיט דער פוטער אַראָב, און אַייךְ, ר׳ יוסעל, געהט עס אָהן עין הרע גאַנץ גוט.

שינדער. כ׳לעבען, ר׳ אַהרן, עס אִיז ניט אַזוי די מעשה. וואָס אִיז מיר דאָ אַזוי גוט? כ׳לעבען, עס האָט מיר געמעגט בעסער זיין.

קנעכטבאַרג. אִי פע, זינדיגט ניט, כ׳לעבען, ר׳ יוסעל! אִיךְ האָב דאָךְ ליעב דעם אמת. אַהער זייט אִיהר אָנגעקומען אַ קליינ־שטעדטעלדיג יודעל, אָהן אַ העלער. עס האָט אַייךְ תמיד געפעהלט אויף שבת, די ערד אִיז פשוט אויף אַייךְ געלעגען, גליקליךְ וואָלט אִיהר אַייךְ געשעצט צו נעהמען ערגעץ אַכט גילדען אַ וואָךְ שכירות, אַזוי אָרעם זייט אִיהר נעבעךְ געוועזען — וואָס אִיז, דאָס אִיז דען אַ חרפה? אָרעם אִיז ניט קיין שאַנד—און היינט, ברוךְ השם, אויסער אַייער שאָדען, אויף מיר, אויף אַלע אִידישע קינדער געזאָגט געוואָרען! אִיהר האָט זיךְ ניש׳קשה גוט אַריינגעחאַפּט אִין דער טאַקסע, אִיהר זייט בענעהט און בעקליידט, לעבט אִין גרויס וואוילטאָג. עסט פלייש, דאַרע קישקעס, לעדוועצעס, אַיטערלעךְ און טרינקט זעהר אָפט אַ גוט גלעזעלע וויין. וואָס פעהלט אַייךְ? אִיהר זייט אָהן עין־הרע געזונד, פעט, לויטער מיט אַ הדרת פנים און האָט זעהר אַ גוטע עלטער. אִיהר האָט, צווישען אונז גערעדט, קיינמאָל אַייךְ אַזוי ניט געוואונטשען.

שינדער. מ־מע! אִיךְ האָב חלילה צו גאָט קיין פרעטענזיעס ניט, נאָר, פון דעסטוועגען, גלייבט מיר, ר׳אהרן, אִיז פאַרט ניט אַזוי די מעשה, ווי שונאִים זאָגען.

קנעכטבאַרג. אִיךְ בין אַייךְ אָסור ניט קיין שונא. פאַרקעהרט, וואָס אִיךְ ווינטש אַייךְ, זאָל עס טאַקע אַייךְ זיין.... אָט האָט אִיהר דעם בעסטען סימן: נאָר אַז עס אִיז געקומען צו רעד, זאָג אִיךְ אַייךְ דעם אֶמת, אָז זינט אִיהר האָט זיךְ אַריינגעחאַפּט אִין פראָיעקט, לעבט אִיהר ווי אַשרהה און האָט נאָךְ דערצו שענע עטליכע טויזענד אייגענס, וואָס האָט אִיהר זיךְ דערמיט צו שעמען? פאַרקערט, אַדרבה.... די גאַנצע וועלט ווייסט, ווי טריי אִיהר דינט די פאָפּעטשיטעלעס, אִיהר ברענגט זיי אַיין אַ יאָהר גרובעס געלד, אֶיהר טויגט, אֶיהר קענט זיךְ

פרידעל, קומט, עולם! צו זייער טריף גליק זיינען דאָ ניטא די בעלי טובות.

אַקול פון דעם עולם. הלואי זאָלען זיי שוין טאַקע מעהר ניט זיין! (דער עולם געהט ארויס).

דריטע סצענע.

(שינדער און קנעכטבערג).

קנעכטבאַרג. וואָס זאָגט איהר, ר׳ יוסעל, צו דעם שייגעץ, צו לאָקשעוויטשען? עס איז אַ העזה מען זאָל אַזוי בעלעדיגען, אַזוי מבזה זיין! ער איז דאָך ווערט, מען זאָל איהם אַריינלעגען אין דער חית!

שינדער (מיט אַ רחמנות־פנים) אַדרבה, אדרבה, וואָס זאָגט איהר? האַ, וואָס זאָגט איהר? מען זאָל אַזוי בעליידיגען!

קנעכטבאַרג. פון דעסטוועגען פאַלט ביי אַייך ניט אַראָב, ר׳ יוסעל, ווי זאָגט עפּעס שטאַנדהאַפט! נעפּאַיי לידי מאוו אַ יאַ זדראָוו. דאָס איז זעהר אַ גלייך ווערטעל. (נאָכדעם אז ער טראַכט אביסעל) אָט איצט, ר׳ יוסעל, קענט איהר מיר טאָן אַטובה, טאַקע אַ גרויסע טובה, ווי איך בין אַ יוד!

שינדער, אָ, פון אַייערטוועגען, ר׳ אהרן, וואָס נאָר מעגליך.

קנעכטבאַרג. טאַקע פון אַייערטוועגען אויך אַ ביסעל. עס וועט אַייך אויך אַרויסקומען אַ טובה, בהן שלי!

שינדער. נו זאָגט=זשע שוין, ר׳ אהרן, וואָס איז דאָרטען אַזוינס?

קנעכטבאַרג. איך האָב ברוך השם אַ גוטען פלאַן, איך בין מיט גאָטס הילף, דאָ זיצענדיג, געפאַלען אויף אַ גוטער המצאה, ווי אַזוי מען זאָל דעם שייגעץ קנס׳ענען, ווי אַזוי מען זאָל האָבען אַ קערבעל און ווי אַזוי דאָס זאָל נאָך הייסען אַ מצוה! איהר ווייסט דאָך, אַז אָהן אַ מצוה הייבט זיך ביי מיר קיין שום פלאַן ניט אָן. נאָר אַ ביסעל איז דאָ געווענדט אין אַייך, ר׳ יוסעל!

אַ שניידער. מיר זיינען שוין קראַנק פון די טובות! מיר וועלען חלילה שטאַרבען פון זייערע טובות!

אַ שוסטער'ל. וואו איז אַהינגעקומען אַזוי פיל געלד? אַזוי פיעל יודיש בלוט?

אַ קול פון דעם עולם. אַ גוזמא, מעהר פון זעקס הונדערט טויזענד קערבלעך!...

אַ באָנדער. זאָלען זיי אָבגעבען חשבון! פאַר וואָס זאָלען זיי ניט אָבגעבען קיין חשבון?

אַ סטאָליער. אַ מלוכה אַפילו גיט דאָך אויך אָב אַ חשבון! ס'טייטש, וואו זיינען די פאָרמענע ביכער? זאָלען זיי וויזען די ביכער!

אַ מולער. ספאָדיק, טוט אויס די קאַפאָטע! דאָסאיז מיין קאַפאָטע!

אַ קירזשנער (וויזט מיט דער האַנד אויף שינדערין) אָט איז דער שינדער, דער בלוטזויגער! קוקט איהם נאָר אָן, דעם גרויסען יאָלר מיט די וואָנצעס, ער האָט אַ פנים ווי אַ וואָלף!

איינער פון דעם עולם. ניין, ער האָט אַפנים ווי אַ קאַץ!

אַ צווייטער. ווי אַ צאַפ!

אַ דריטער. גיט איהם אַ טאַפ!

אַ פערטער. אַנו גיט איהם אַ חאַפ!

אַ פינפטער. אַ דו אַלטער סקראַב!

אַ זעקסטער. וואו איז דער דראַב! (שינדער בעהאַלט זיך הינטער קנעכטבאַרגס פלייצע).

לאָקשעווין. וואָס טויג ער אַייך? שינדער איז דאָך נישט מעהר ווי אַ הונד, ווי אַ געטרייער הונד! זאָג, שינדער, האָב איך רעכט? זאָג, זאָג, וואָרום, ווען ניט...

קנעכטבאַרג (צו שינדערין) וואָס קען מען מאַכען? זאָגט איהם שיין ר' יוסעל, מען קען אַייך נאָך חלילה ברעכען די ביינער. זאָגט יא, און ווערט פטור.

שינדער (מיט אַ ציטערדיג קול) יא... איך טו וואָס מען הייסט מיר...

קנעכבטאַרג. יישר כח, ר׳ יוסעל, פאַר דער הבטחה! האָט אייך אַ גוטען טאָג (ער עפענט די טיר און קערט זיך ווידער צוריק) די פּאָפּעטשיטעלעס געהען אַהער! איך בעט אייך. ר׳ יוסעל! ר׳ יוסעל, איך בעט אייך, טוט אַ טובה אַ גוטען ברידער! (ער גייט געשווינד ארויס).

פיערטע סצענע *).

(איין אסיפה פון דער כניסה פאָפּעטשיטעליעס אין פּראָיעקט).

שינדער זיצט אין אַ ווינקעל און שרייבט סטשאַטעס.

בעל תכלית. עס איז אַ טאַראַראַם, אַ גערודער צווישען דעם עולם. מען שרייט איין קול: חשבון! אַ שענער תכלית, ביילעבען!

ר׳ יוסף. מהיכא תיתי, וואָס אַרט עס זיי?

תם. איך ווייס ניט, וואָס חשבון? מיר מוטשען זיך, מיר האָרעפּאַשען זיך געבאַך היבשע עטליכע יאָהר אַלין לטובת הכלל, לטובת הכלל און היינט נאָט אייך דעם דאַנק, דעם יישר כח. גיעב קיין חשבון!

שטאַנדהאַפט. ווער זיי? ווער זיינען זיי? לאָקשעוויץ, פידעל דער קליינער מיט עטליכע פערבלעך קבצנים. בעלי מלאָכות! אייך מיר מענשען!

ספאָדיק. אָט ווער הערט זיי, די הולטאַיעס, די לעדיגגעהער. די עמי-הארצים? איך פרעג אייך, ווער איז די שטאָדט? מיר אָדער די קבצנים, די בעלי מלאכות? האַ, ווער איז די שטאָדט, ווער איז די שטאָדט. פרעג איך.

---

*) אמר ר׳ מענדעלי. אין דעם כתב יד איז בעשריבען די סצענע נאָך צוויי. אבער אַזוי ווי זיי זיינען ערטערווייז פערפלעקט מיט טינט, און אחוץ דעם קען מען זיך אָהן זיי אויך בעגעהן, האָב איך זיי איבערגעפיהרט און אָנגעהייבען גלייך פון דער דריטער סצענע. וואָס זי איז געשעהן אין עטליכע טעג אַרום. גלויבט מיר יודען, אַזוי איז אַ סך גלייבער.

שינדער. נו זאָגט זשע, ר׳ אַהרן, אײַער פּלאַן, אִיךְ בִּין ציקאַווע צו וויסען.

קנעכטבּאַרג. מײַן פּלאַן אִיז, מען זאָל אָנהויבּען מאַכען, דאָס הייסט שטאָדט זאָל מאַכען, פּונקט אַזעלכע לאָקשען (מאַקעראָנעס) ווי בּײַ לאָקשעוויצען אִין דער פאַבּריקע. דאָס פאַרדיענסט, פערשטעהט אִיהר, זאָל הייסען, געהט אויף דער תלמוד תורה, אויף די אָרעמע קינדער נעבּעךְ, אִיךְ זאָל זײַן דער מתעסק אִין דער מצוה, דער שײַגעץ וועט שוין אַראָבּלאָזען די נאָז און וועט ניט מעהר בּעזופאָקאָיען די שטאָדט, פערשטעהט אִיהר די המציאה?

שינדער. וואָס זאָל אִיךְ זאָגען, עס אִיז אַוודאַי אַ גוטע המציאה. אִיךְ פערשטעה דעם שפּיץ פון דער המציאה. נאָר די שאלה אִיז אָבּער, וואו נעהמט מען די קלינגערס אויף דער המציאה?

קנעכטבּארג. אָט דאָס, מײַן אִיךְ, ווענדט זיךְ אַבּיסעל אִין אײַךְ. אִיהר זאָלט פערוואַרפען פאַר מיר אַ גוט וואָרט פאַר די פּאָפּעטשיטעלעס, זיי זאָלען נאָר מרוצה ווערען, זיי זאָלען מיר נאָר מאַכען פאַר דעם מתעסק. מיט געלד וואָלט אִיךְ שוין ניט געהאַט וואָס צו זאָרגען. די שטאָדט אִיז בּרוךְ השם גרויס, מען קען מאַכען אַ קערבּעל, בּפרט אויף אַזאַ מצוה, אויף אַזאַ שטאָדט=זאַךְ! די שטאָדט, וועט עס דאָךְ הייסען, געהט צונויפנעהמען געלד, טאַקע פון דער שטאָדטס טובה וועגען נו, פרעג אִיךְ אײַךְ, ווער וועט נישט געבּען קיין געלד? אִיךְ וואָלט נאָךְ אִי היינט אָנגעהויבּען אַרומצוגעהן מאַכען געלד, אַנ׳עברה, כ׳לעבּען, די צייט! אָט איצט, ר׳ יוסעל, קענט אִיהר מיר אַ טובה טאָן. אִיהר זײַט בּרוךְ השם מזל׳דיגער, אַ מוצלח, שטאַרק אָנגעזעהן בּײַ דער שטאָדט, בּײַ די פּאָפּעטשיטעלעס מײַן אִיךְ. אִיהר פיהרט בּרוךְ השם אויס אַלסדינג, וואָס אִיהר ווילט! אִיךְ בּעט אײַךְ, טוט עס פון מײַנטוועגען, פון אַ גוטען בּרודערס וועגען, טוט עס נעבּעךְ פון מײַן ווײַבּ און קינדערס וועגען און טאַקע אויךְ פון אײַערט וועגען, עס וועט אײַךְ מסתמא אויךְ דערפון אַרויסקומען, ווי אִיךְ בּין אַ יוד!

שינדער. מיר וועלען זעהען, מיר וועלען זעהען! אִיךְ האָף צו גאָט, אִיךְ וועל אײַךְ פּועל׳ן אײַער בּקשה, לאָזט מיר נאָר צו רוה אַ פּאָר שעה.

אַיאַ זרראָוו! (אביסעל מיט מורא) זיי אַרבייטען מעשים, מען זאָל די טאַקסע איבערגעבען אין אַנדערע הענד!

שינדער (צוגעהערדיג בהכנעה פון דעם ווינקעל) דאָס, ר׳ יידעל, האָב איך שוין פריהער בעוואָרענט. אַ חידוש, ב׳לעבען, וואָס איהר זאָלט ניט וויסען?

שטאַנדהאַפּט (פערהאונדערט צו דער כנופיא) האַ! עס איז פאַר מיר אַ סוד?

ספּאָדיק. חלילה! ר׳ יוסעל איז געפאַלען זעהר אויף אַ גוטער עֵצה, היינו, מען זאָל זיי שיקען זאָגען: באשר אַזוי ווי מיר האָבען שוין אָנגעגרייט פאַר דער שטאָדט אַ ים אָקסען, פאַר אַ גוזמא אָקסען און האָבען זעהר מרבה בהוצאה געוועזען, בכן זאָל מען אונז טאַקע באַלד אומקעהרען גאָר אַ גרויסע סומע געלד מיט אַלע אונזערע אוביטקעס נעבעך, אֶלָא ניט זאָלען מיר בלייבען אויף ווייטער, ביז מיר וועלען אויסשעכטען די מהנה אָקסען. פערשטעהט, איהר?

שטאַנדהאַפּט. (מיט א שמייכעלע) איך פערשטעה איך פערשטעה זעהר גוט! נו האָט מען געשיקט זאָגען?

ספּאָדיק. אַ שאלה אַביסעל! פּיאַזיקין איז נאָך אין דער פריה געגאַנגען זיי זאָגען, די הולטאַיעס, די בעלי מלאכות, די עמי הארצים האָבען אויך געמאַכט אַיין אַסיפה!! חאַ, חאַ, חאַ! די גראָבע יונגען, די פּראָסטע מענטשעלעך מאַכען אויך אַסיפות!... אַז אָך און וועה טאַקע היינטיגע צייטען, צו היינטיגער וועלט, עס איז בעונותינו הרבים געוואָרען אַ שֶׁנע וועלט... (ער זיפצעט און קרעכצט).

די כנופיא (קרעכצט אויך) ניטאָ די אַמאָלעדיגע צייטען! עס איז היינט גאָר ניט די וועלט, וואָס פאַרצייטען!...

בעל תכלית. פריהער איז טאַקע אין תכלית אַריין געוועזען גוטע צייטען, יודען זיינען געוועזען פיין, שטיל, בהכנעה׳דיג און די ברכה האָט עפּעס בעסער שורה געוועזען...

שינדער. פון דעסטוועגען קען נאָך גאָט העלפען, עס זאָלען זיך נאָך אומקעהרען פריהערדיגע יאָהרען, אַ מאָליגע צייטען...

בעל תכלית. נאָך שענער. זיי שרייען ביכער! וואו זיינען די פאָרמענע ביכער? אַ שענער תכלית, כ'לעבען, גיעב זיי ביכער!

ר' יוסף, מהיכא תיתי, וואָס אַרט עס זיי?ר.

ת ס. איך ווייס ניט, וואָס הייסט ביכער?! אָט האָט איהר דעם דאַנק, גנה מוטשע זיך פאַר יודען, טו יודען טובות!

ספּאָדיק. וואָס מיר ביכער! ווער מיר ביכער! — נישטאָ קיין ביכער, פערברענט געוואָרען ביכער! פערשטעהט איהר?

די כנופיא. מיר פערשטעהען, מיר פערשטעהען, פאַר וואָס זאָלען מיר עס ניט פערשטעהן?

שטאַנדהאַפּט. (אַ ביסעל מיט מורא) פון דעסטוועגען וואָלט מיין עצה געווען, מען זאָל לאָקשעוויצען פערשטאָפּען דאָס מויל, זאָל ער נישט בילען.

בעל תכלית. אַ שענער תכלית, כ'לעבען, איטליכען פערשטאָפּען! וועניג מיילער דאַרפען מיר נעבעך אָהן דעם פערשטאָפּען?! נישקשה, אפשר אַ זיבען, אַכט, ניין, צעהן אַלטשטעדטיגע לייטישע יידען מוזען מיר נעבעך פערשטאָפּען די מיילער!.... ס'טייטש, פון וואַנען לעבען זיי, אַז ניט פון אונז?!.

ת ס. פאַר וואָס נעבעך זאָלען מיר ליידען? פאַר וואָס זאָלען מיר איטליכען פערשטאָפּען? פאַר וואָס זאָלען מיר נעבעך איהם דאָס מויל פערשטאָפּען?

ספּאָדיק. מכות איהם! די שטאָדט האָט פאַר איהם קיין מורא ניט! וואָס הערט אַ זעלבען אַ שטאָדט! די שטאָדט האָט ברוך השם וואו אַהינצוטאָן געלד! אַוודאי איז איהם אַ רחמנות, כ'לעבען, אויף די אָרעמע לייט, דערהייל בעזאָפּאַקאָיעט ער זיי נעבעך, דער גזלן, דער רוצח!....

ת ס. וואָס האָט ער זיך צו מישען אין אונזערע געשעפטען? מיר מישען זיך אין זיינע עסקים? מיר זאָגען איהם דען אַ דעה? אונז געהען אָן זיינע עסקים?

שטאַנדהאַפּט (כלומרשט מיט שטאַרקייט) ניהאַיי לײדי מאָת,

פיאַווקין. דאָס אי זנאָך ניט, ב׳לעבען, אַזאַ גרויס אומגליק. די צוויי נייע זיינען פון די דאָזיגע פיינע־בריה׳ס, וואָס מען פערשטאָפּט זיי אַ בלייז שטילערהייט די מיילער... עס איז דאָ נאָך אַ תנאַי, נאָך אַ יעזושעלע. נאַט אײַך דעם פריגאָוואָר, און לייענט! (ער גיט דעם גרויסען פריגאַוואָר, אויף עטליכע בויגען הערבאַווע פּאַפּיער מיט אַ סך חתימות, בּפּאָדריק׳ן אין דער האַנד).

ספּאָדיק (קוקט אין פּאַפּיער ווי אַ האָהן אין בני אדם און מאַכט מיט די אַקסלען) מאָ—מע... בע, בע... נאַט לייענט איהר, זייט מוחל, ר׳ משה!

בעל תכלית (פּרובט זיך לייענען) בע... האַ? וואַרט, וואַרט אַביסעל.... עס איז, דאַכט זיך, אַבוקי.

ר׳ יוסף (קוקט אַריין פון דער זייט) יאָ, טאַקע, ב׳לעבען, דאַכט זיך, אַבוקי!

בעל תכלית (שטופּט אַריין געשווינד דעם פריגאָוואָר ר׳ יוסף׳ן) אַדרבה, ב׳לעבען, לייענט איהר, ר׳ יוסף! למאַי זאָלט איהר זיך געבען מוטשען אַריינקוקען פון דער זייט? איהר וועט נאָך חלילה קאַליע מאַכען די ראיה.

ר׳ יוסף (שטופּט אויך געשווינד אַריין דעם פריגאָוואָר תם׳ען) מהיכא תיתי, ר׳ שמעיה, לייענט איהר מהיכא--תיתי, איהר זייט דאָך עפּעס פאָרט עלטער, איהר האָט מיט אַ צעהן יאָהר פריהער פאַר מיר חתונה געהאַט.

תם (וועהר תמיעוואַטע) איך בין אויך, שטאַנדהאַפט, מכבד מיט קריאת הפריגאָוואָר! איהר זייט דאָך אַ געלעהרנטער.

שטאַנדהאַפט (קוועטשט זיך אַביסעל) בערד... בערדיט... בערדיטש... אַך ניחאַי יעהאָ מאַמע מאָרדוויע! וואָס פאַר אַ מין האַנד דאָס איז. וואָס איז דאָס פאַר אַ צוויי אותיות צום סוף פון דעם דאָזיגען וואָרט? דאַכט זיך ע, ווע, און דערנאָך אַטוויאָרדע זנאַק מאַכט עס צום סוף עוו.... אַך ניחאַי יעהע... ווער וועט זיך שטעלען לייענען אַזאַ כתב, זאָגט פּשוט, ר׳ ראובן, זאָגט וואָס איז דאָ נאָך פאַר אַ תנאַי (ער גיט אָב פיאַווקינען דעם פריגאָוואָר).

(ער גיט אַ קוק אין פענסטער) אָט וועלען מיר שוין וויסען. פּיאַווקין געהט.

פינפטע סצענע.

די פריהערדיגע. פּיאַווקין קומט אַריין מיט אַ פּאַפּיער אין דער האַנד.

די כנופיאָ (אונגעדולדיג) נו וואָס איז? ר׳ ראובן! ויאָס האָט איהר דאָרטען אַזוי לאַנג שיהות געמאַכט?

פּיאַווקין (ווישט אָב מיט דער האַנד דאָס פּנים) אַ ניחאַי איך...: איך האָב דאָרטען געהאַט אַ גוט שטיקעל אַרבייט, נישקשה! עס איז מיר אַרוים די נשמה ביז וואַנען איך האָב אַרויסדערטאַפּט אָט אָ דאָס! (ער ווייזט אויף דעם פּאַפּיר אין זיין האַנד).

שינדער (צו פּיאַווקינען) נו וואָס, איהר האָט געזאָגט? איהר האָט זיי דאָס געזאָגט?

פּיאַווקין. אַ חידוש אַפּילו, אויב איך האָב געזאָגט! וואָס דען. איך בין גלאַט געגאַנגען בעסעדעווען מיט די ממזרים! עס איז מיר אַוודאַי ניחאָ געוועזען דאָס לעבען צו־צו־הערען זייערע שטעכווערטער אויף מיר, אויף אייך און אויף איטליכען פון אונז.

שטאַנדהאַפּט (מיט שטאַרקייט בלומר׳שט) ניחאַי ליודי מאָוו, אַ יאָ זדראָוו.

די כנופיא. נו מילא, מילא, האָבען זיי געזאָגט... וואָס איז בעסער געבליבען, וואָס איז דער סוף?

פּיאַווקין. דער סוף איז געבליבען, איין ברירה, איהר זאָלט ווייטער ווייטער בלייבען בזה האופן, אַז מען זאָל צו אייך צו־זעצען אַ פּאָר נייע.

בעל תכלית. אַ שענער תכלית, כ׳לעבען, אַ פּאָר נייע פּאַרשוינען נאַט אייך אויף אונזער קאָפּ, אַ נייע פּאָר!

תם. פּאַר וואָס נעבעך אַלץ אויף אונזער קאָפּ? פּאַר וואָס זאָלען מיר אַלץ ליידען?

מיט זייערע תחבולות, מיט זייער גוטסקייט, מיט זייער פרומקייט און עהרליכקייט .

שטאַנדהאַפט (שלאגט איבער די רעד) פריבאַוועט טאַקע אייך, מיט זייער בילדונג, מיט זייער אויפקלערונג: דאָס וועט אַסך העלפען: איך וויס, מיט וואָס צונעהמען...

פיאַווקין. (הייבט אָן נאָך אַמאָל) מיט זייער גוטסקייט, מיט זייער בילדונג, מיט זייער אויפקלערונג, מיט זייער פרומקייט און עהרליכקייט, לכן אַ פאָטאָמו , וועהלט מען זיי ייעדער פאַר פיהרער און מען בעפרייעט זיי פון חשבון, מען פערלאָזט זיך פריהער אויף גאָט, דערנאָך טאַקע אויף זיי, אי פראָטשע, אי פראָטשע...

די כנופיא (פרעהליך) אַך, זעהר גוט, ר׳ ראובן! אָט וואָס הייסט לערנען אין אַ חדר!

ספאָדיק. גאַנץ גלייך, וואָס איהר האָט אַריינגעשטעלט „מען בעפרייעט זיי פון חשבון״, פערשטעהט איהר?

די כנופיאָ. מיר פערשטעהען, פאַר וואָס זאָלען מיר עס ניט פערשטעהן, פאַר וואָס זאָלען מיר עס ניט פערשטעהן?

פיאַווקין. הערט אָבער דעם שפּיץ, אם—בן קען שוין דאָך דער פריגאָוואָר אייך דיענען פאַר אַקוויט, אַז איהר האָט חלילה ניט נהנה געווען פון אָרים געלד, און איהר האָט שוין ניט פאַר דער האַנד לעת עתה וואָס מעהר מורא צו האָבען, איצט פערשטעהט איהר, למאַי איך האָב ביי זיי גענומען אַ פריגאָוואָר? ניש׳קשה, איך האָב זיי מיט גאָטס הילף אָבגעטאָן אויף טערקעש!

די כנופיא. אַוודאַי, ר׳ ראובן, האָט איהר זיי געפיהרט אין באָד אַריין! אַוודאַי האָט איהר זיי געשטעלט אַ חופה! איצט, זעהט איהר, וואָלט מען זיך געדאַרפט נעהמען צו לאָקשעוויצ׳ן, צו דעם פראָצענטניק, מען זאָל איהם אַפּיק טאָן שטילערהייד, וואו מען דאַרף, זאָל ער האָבען זיך צו קראַצען, זאָל ער ווייטער וויסען ווי זיך צו טשעפען מיט אַ שטאָרט!...

שטאַנדהאַפט (מיט איין וואונק צו פיאַווקינען) נו, וואָס הערט זיך מכח דעם, וואָס איך האָב אייך געזאָגט? האָט איהר איהם שוין פערזאָרגט?

פיאַווקין. מען האָט דאָ אַרויסגעוואָרפען צוויי פון די אַלטע פּאָפּעטשיטעלעס.

די כנופיאָ. וואָס הייסט אַרויסגעוואָרפען? למאַי האָט איהר גענומען אַזאַ פריגאָהאָר?

פיאַווקין (געלאַסען). ניש׳קשה. פערלאָזט זיך אויף מיר, איך פערשטעה אַנ׳עסק.

די כנופיא. האַ, וועמען אַרימגעוואָרפען, וועמען?

פיאַווקין. ר׳ משה׳ן און ר׳ שמעיה׳ן.

בעל תכלית. מיך? פאַר מיין מיה, פאַר מיין פראַצע.

תם, (מיט אַ רחמנות־פּנים) פאַר וואָס גראָד מיך, נעבעך מיך?

פיאַחקין. שאַ, כ׳לעבען, ניש׳קשה! ווער הערט זיי, די שקצים? מיט גאָטס הילף, איך וועל זיי פיהרען אין באָד אַריין, איך האָב אַ גלייכע עצה ווי אַריינצונאַרען זיי אין זאַק.

די כנופיא. גיכער, ר׳ ראובן! זאָגט וואָס האָט איהר פאַר אַיין עצה?

פיאַווקין. גאָר אַ פּראָסטע עצה, היינו, מען זאָל זיך איצט גאָר פּאַמעליך אַראָבנעהמען דעם ערשטען בויגען פּאַפּיער פון דעם אָבגע׳חתמ׳עטען פריגאָוואָר, צולעגען אַנשטאָט דעם אַנ׳אַנדער בויגען און דאָרט אַריינשטעלען אַלע אַלטע געוועזענע פּאָפּעטשיטעלעס ווי פריהער, דערצו נאָך זאָל מען בפירוש פריבאַווען, אַז די אָבשטשעסטווע וועהלט זיי אויס בזה הלשון: אַזוי און אַזוי ווי מען ווייסט זיכער, אַז זיי, די פּאָפּעטשיטעלעס, אַזעלכע און אַזעלכע, זיינען עהרליכע לייט, בעזקאָריסטנע, זאָרגען תמיד למיבת הכלל, חלאַפּאָטשען זיך...

ספּאָדיק (פאַלט אַריין אין די רעד) פריבאַוועט טאַקע נאָך אויך „מוטשען זיך” אַזוי וועט זיין שטאַרקער.

בעל תכלית. פריבאַוועט אויך, זיי קוקען אין תכלית אַריין, דאָס וועט בעסער נעהמען.

פיאַווקין (זעצט פאָרט) חלאָפּאָטשען זיך, מוטשען זיך נעבעך, קוקען אין תכלית אַריין און ברענגען אַיין זעהר פיעל דער שטאָדט

זעקסטע־סצענע.

די פריהערדיגע אָהן פּיאַווקינען.

שטאַנדהאַפט. נו, לאָקשעוויצען נעהם אִיךְ אויף מיר, אִיךְ וועל אִיהם אָנטאָן כבוד און אײַנלאַדען צו מיר—עס וועט בײַ אִיהם זיין אַ כבוד—און וועל אִיהם פאַרשטאָפּען דאָס מויל אָט מיט דעם (ער ווייזט אויף אַ טײַסטערעל אִין זיין האַנד).

בעל תכלית. חאַפּט אִיהם דער רוח, זאָל ער זיךְ דערוועַרגען מיט דעם!

ר׳ יוסף. מהיכא תיתי, זאָל ער זיךְ טאַקע דערווערגען, אַזוי אִיז גאָר גלײַכער!

ספּאָדיק. נו, און מכּה די לאָקשען חאַפּט אִיהם דער וואַטע־מאַכער! זאָל ער זיךְ מאַכען לאָקשען ווי פריהער.

תּם. אָט אַזוי בּעדאַרף צו זיין, ער זאָל זיךְ ניט מישען אִין אונזערע עסקים און מיר וועלען זיךְ ניט מישען אִין זיינע עסקים.

בעל תכלית. ר׳ אַהרן האָט דאָךְ דערווייל צונויפגעקליעבּען עפּיס גאָר אַ סךְ געלד, ווי דערטאַפּט מען זיי בּיי אִיהם, ער זאָל ניט מאַכען קיין לאָקשען?

ספּאָדיק. מען דאַרף בּעטען בּיי ר׳ אַהרן אַ גמילות חסד פאַרשטעהט אִיהר?

די כּנופיא. מיר פאַרשטעהען, מיר פאַרשטעהען, פאַר וואָס זאָלען מיר עס ניט פאַרשטעהן?

ספּאָדיק. און פרידלען נעהם אִיךְ אויף מיר, ער אִיז דאָךְ אַ חסיד, וועט אויף אִיהם טאַקע אויסקומען דאָס ווערטעל: „דער רבּי האָט געהייסען שווײַגען” פאַרשטעהט אִיהר?

די כּנופיא. מיר פאַרשטעהען. מען דאַרף אונז, בּרוךְ השם, קיין פינגער אִין מויל ניט אַרײַנלעגען.

בעל תכלית. נו איין עק, אַ סוף. מען דאַרף בּעסער רעדען פון תכלית־זאַכען. לאָמיר זיךְ נעהמען צו דער סמעטע, לאָמיר מאַכען די טאַבעלע.

פּיאַווקין. וואָס קלערט איהר דאָ? מסתמא האָב איך איהם שוין גיט פערטראַכט. מען האָט שוין אַוועקגעשריבען... ער וועט אויף זיך האָבען אַ גוט פעקעל! טרוקען וועט שוין דער פּראָצענטניק ניט אַרויס, ער וועט זיך, ניש'קשה, מוזען אָבשאָקלען מיט אַ שעֶנעם גראָשען!

שטאַנדהאַפט. אַשעגע ריינע כפּרה! ער וועט שוין פערזאָגען דעם צעהנטען.

די כנופיא. מיר שטויסען זיך אָן, וואָס איהר רעדט. מיר פאַרשטעהען, מיר פאַרשטעהען, וואָס איהר מיינט. קיין פינגער אין מויל דאַרף מען אונז, ברוך השם, ניט אַריינלעגען.

ספּאָדיק (מיט אַ יראת־שמים־פּנימ'ל) און איך, זעהט איהר, שטיים מיך ניט אָן; אַז צוויי מענשען רעדען אַ סוד, וויל איך גאָר ניט הערען. איך פערשטעה אסור ניט, ביי מיין יודישקייט! וואָס ר' יודעל און ר' ראובן שמועסען דאָ עפּעס צווישען זיך...

פּיאַווקין (צו דער כנופיא) פונדעסטוועגען מיין עצה איז, נאָך אַלע זאַכען זאָל מען פאָרט שלום ווערען מיט לאָקשעוויצען און מיט ביידלען. ווי זאָגט מען עפּים: בעסער צעהן גוטע פריינד איידער איין שונא. אַוודאי אָנלעהרנען לאָקשעוויצען שטילערהייט, ער זאָל ניט וויסען, ביי וואַנען די קויל האָט איהם געטראָפען, דאָס איז נייטיג, נאָר ווידער שלום ווערען מיט איהם, דאָס איז אויך נייטיג, איך דאַרף עס האָבען ביים עסק. איך האַלט זיך טאַקע אַלץ ביי מיינעם: אַפּאַטש און שלום! אַ ביס אַזש צייכענס זאָלען שטעהן און טאַקע וויטער חבר!

ר' יוסף. מהיבאָ תיתי, אַ פּאַטש און שלום.

שטאַנדהאַפט. מיינע ווערטער! איך האָב נאָך פריהער געזאָגט, מען זאָל איהם פערשטאָפּען דאָס מויל, זאָל ער ניט בילען! איך קען די וועלט...

פּיאַווקין. אַזוי, אַזוי בלייבט עס. דערווייל אַ גוטען טאָג! איך מוז געהן בעוואָרענען נאָך עטליכע זאַכען (ער געהט אַוועק).

בעל תכלית (הורט איבער) שוחטים, משגיחים, מנקרים, היינט דיינים, חזנים, רבנים, שמשים, בטלנים, קברנים, פּאַדיערענעס, שתדלנים און נאמנים....

ר׳ יוסף. מהיכאָ תיתי, זשאַלעוועט ניט, מהיכאָ תיתי!

ספּאָדיק. איך עס ניט פון קיין סירחאָ, מען דאַרף נאָך אַחוץ דעם האָבען גאָר אַטייערן שוחט!

שטאַנדהאַפט. מען דאַרף אַריינשטעלען אַפּאָר טייזענד קערבּלעך אַ יאָהר אויף אַ רעמעסלענע שול. דערמיט וועט זיך די שטאָדט אויספּיינען און עס וועט אַ סך העלפען, אַז מען זאָל אויסציעהדען די טאַבעלע. איך וויים, מיט וואָס צו נעהמען....

ר׳ יוסף. מהיכאָ תיתי, אַריינשטעלען, דאָס איז נאָר דאָך למשל .... מהיכאָ תיתי!

ספּאָדיק. אויב אַזוי.... שטעלט-זשע אַריין הונדערט קערבּלעך אַיאָהר אויף דער חברה אַלמנות ויתומים. דאָס וועט איך העלפען.

בעל תכלית. מען האָט אַלץ גערעפּט צוזיפּרעבענען און אַריינשטעלען די אַלע איבריגע הצטרכות.

תם. אַ שאָד, כ׳לעבען, וואָס פּיאַחקין איז ניטאָ, ער איז געניט און טויג צו אַזעלכע זאַכען.

ספּאָדיק. ווייסט איהר, זשע, וואָס? לאָמיר דאָס אָבלעגען אויף מאָרגען. די מעשה קען זיך נאָך פערלענגערן און מיר זאָלען נאָך חלילה עובר זיין זמן מנחה!... (די כנופיאָ צוגעהט זיך)

זיבעטע סצענע.

(שינדער זיצט אַליין נעבען זיין טישעל אין ווינקעלע. קנעכטבאַרג קומט אַריין גאַנץ פרעהליך. דערנאָך פּיאַחקין).

קנעכטבאַרג (זעצט זיך נעבען שינדערין) אַז דאָס פּיצעלע מזל געהט, ווערט עפּיס ליכטיג אין אַלע רמ״ח אברים! דאָס רעדעל,

שטאַנדהאַפט. מיר דאַרפען שוין היינט קליגער זיין, מען דאַרף וויסען, ווי אויסצורעכענען אין דער טאַבעלע די הוצאות, וואָס די שטאָדט דאַרף אַ יאָהר האָבען, אַזוי, אַז פון די הכנסות, פאַרשטעהט איהר, זאָל ניט איבערבלייבען קיין גראָשען. די קאַזנאַ פערלאַנגט גישט מעהר אַבי אַ חשבון, אַבי וויז איהר אַ חשבון...

ר׳ יוסף. מהיכא תיתי, וויזט איהר אַ חשבין, עס זאָל נאָך אונז אָפּשר אַרויסקומען?

די כנופיא. וואָס מיינט איהר, עס וואָלט אפשר טאַקע ניט געשאַדט, אונז זאָל קומען, מען קען ניט וויזען דער קאַזנאַ אַלע זאַכען, די שטאָדט אָהן עין הרע דאַרף זעהר פיעל האָבען, אַמאָל דאַרף זי אויף אַזעלכע זאַכען, וואָס מען קען זיי ניט אַרויסזאָגען.

שטאַנדהאַפט. וועניג, אַ שטייגער, וועט קאָסטען די שטאָדט לאָקשעווין?! דעם מקח פון פלייש האָט מען געמוזט אין דער מהומה אַ ביסעל אַראָבלאָזען, איהם גיעב, יענעם גיעב וייטער, היינט דאַרף פיאַווקין פאָהרען בעוואָהרענען עטליכע שטעדטישע זאַכען, דאָס וועט מסתמא אויך גענוג קאָסטען... פון וואַגען־זשע וועט עס די שטאָדט אויף אַלצדינג נעהמען? — מען וואָלט איצט שוין געמעגט אַרויפציהען אַ דריי קאָפּיקעס אויף דער אָקע פלייש.

תם. פאַר וואָס ניט פיער?

בעל תכלית. פאַר וואָס טאַקע ניט זעקס? עס איז איצט זעהר אַ שלעכטע צייט.

ספּאָדיק. אַוודאַי זענען די הצטרכית־העיר זעהר גרויס, נאָר אַ רחמנות, כ׳לעבען, אויף די אָרעמע לייט, גענוג דערווייל פינף, וואָס זאָלען מיר טאָן? זאָל אונזערם איבערגעהן. (ער קרעכצט און זיפצט).

בעל תכלית. קוקט־זשע אין תכלית אַריין און מאַכט אַ גרויסען צעטעל פון די הוצאות.

ספּאָדיק. דער עיקר איז שוחטים, פאַרשטעהט איהר? מען דאַרף האָבען אַ סך שוחטים....

שטאַנדהאַפט. הייגט משגיחים, טאַקע אַ סך משגיחים.

תם. היינט מנקרים!

פאָפּעטשיטעלעס האָבען מיךְ געשיקט, מען דאַרף גראָד איצט האָבען געלד!

קנעכטבאַרג (מיט א שמחה) נו, עס איז אַ גוטער סימן! זעהר גוט, ר׳ ראובן, וואָס איהר זייט מיר איצט גראָד אַנטקעגען געקומען! איךְ האָב אַייךְ בסוד אויפצוגעבען עפּיס אַ פּלאַן (ער פיהרט אוועק פיאַווקינען אין אַ ווינקעל און שושקעט זיךְ מיט איהם).

פיאַווקין (אויף אַ קיל) גאַנץ גוט, ר׳ אַהרן, עס וועט געהן! וואָס מיינט איהר, עס איז טאַקע אַ גוטער סימן, וואָס איךְ האָב אַייךְ גראָד איצט דאָ געטראָפען (ער גיט א וואונק מיט א גנבה־שמייכעלע צו שינדער׳ן) עס וועט, אם ירצה השם, זיין רעכט, ר׳ אַהרן! נאָר לאָזט מיךְ צורוה מיט אַייער פלאַן ביז מאָרגען. איהר זעהט דאָךְ, איצט בין איךְ טרוד, איךְ דאַרף האָבען געלד.

שינדער (אויךְ מיט א וואונק צו פיאַווקינען) אָט האָט איהר, ר׳ ראובן, איינגאַנצען דאָס געלד, וואָס איךְ האָב, עס וועט אַייךְ אַוודאַי קאַרג זיין, וועט איהר שוין מוזען בעקומען ערגעץ אַ גמילות חסד...

פיאַווקין (צעהלט בלומרישט איבער דאָס געלד) אַךְ, וועניג, עס דערגעהט ניט אַ פופצעהן הונדערט קערבלעךְ (ער ווענדעט זיךְ געשווינ־ צו קנעכטבאַרג׳ן) תאמר, ר׳ אַהרן, תאמר זייט איהר רייךְ אין עטליכע קערבלעךְ? איהר זאָלט געבען די פאָפּעטשיטעלעס אַ גמילות חסד, נאָר אויף עטליכע שעה, ביז וואַנען עס וועט דאָ אין דער קאַסע אַריינפאַלען (מיט א גנבה־שמייכעלע) זיי וועלען אייךְ דערפאַר בעלוינען און מכה אַייער פלאַן, מסתמא וועט זיין רעכט, עס איז, כ׳לעבען, אַ גוטער סימן, וואָס מיר האָבען זיךְ גראָד בעגעגענט!

קנעכטבאַרג. איךְ האָב ביי מיר דרייצעהן הונדערט קערבלעךְ, מיט אַ ר׳ קערבלעךְ וועניגער, ווי פיעל איהר דאַרפט, ווילט איהר, קען איךְ אַייךְ לייהען בשמחה, אָבער נאָר אויף עטליכע שעה, וואָרום איךְ דאַרף זיי האָבען צו די לאָקשען (ער בעקומט ארויס פון דעם בוזעם־קעשענע, און זיין פלאנעלען לייבעל, א יערכין־בייטעל, נעהמט פון דארטען ארויס דאָס געלד, וואָס איז געווען איינגעוויקעלט אין צעהן פאפירלעךְ און גיט עס פיאווקינען) זעהט איהר, איךְ האָב אַייךְ אַוועקגעגעבען ביז איין גראָשען.

פיאַווקין. (מיט אשמייכעלע) שלאָפט רוהיג ר׳ אַהרן, די

ברוך השם, האָט זיך שוין בײַ מיר אָנגעהויבען צו דרעהען, הלוואַי ווייטער. איך דאַנק אײַך, ר׳ יוסעל, פאַר דער טובה, פאַר דער מצוה, וואָס איהר האָט געטאָן.

שינדער (מיט אַ שמייכעלע) ווען, ר׳ אַהרן, הייבט איהר שוין אָן מיט מזל צו מאַכען די לאָקשען?

קנעכטבאַרג. אַבי געזונד, אַבי געלד, אַבי איך האָב שוין לעת עתה צונויפגעמאַכט אַ ביסעל געלד, מיט לאָקשען איז שוין קיין דאַגה ניט. עס וועט נאָך צייט זיין צו מאַכען, מען דאַרף בעקומען נאָך אַ ביסעל געלד.

שינדער (אַליין מיט אַ שמייכעלע, אַזוי ווי אייגער מאַכט חוזק) איך מיין, ר׳ אַהרן, אַז איהר וועט מאַכען גאָר אַ גוט געשעפט, אַ קאַטאָוועס, איהר וועט גאָר נישט אַריינלעגען! אדרבה, איהר וועט נאָך אַלץ צומאַכען פריש געלד, די שטאָדט, אָהן עין הרע, איז גרויס! לאָקשען, מיין איך, וועט אויך אַ סך פערקויפט ווערען, עס וועט דאָך הייסען אַ מצוה געבען צו לײַזען דער תלמוד תורה, בפרט, ווי זאָגט איהר, זיי וועלען נאָך זיין כשר׳ע לאָקשען אויך, היינו מען וועט פון זיי נעהמען חלה, כ׳לעבען, איהר וועט האָבען אַ גוט געשעפט.

קנעכטבאַרג. מיט גאָטס הילף, הלוואַי דאָס מזל, דאָס פיצעלע מזל, זאָל נאָר ניט געשטערט ווערען. וואָס זאָגט איהר, ר׳ יוסעל, ווי לאָקשעוויץ האָט אַ ביסעל אַראָבגעלאָזט די נאָז, מײַנע לאָקשען שמעקען איהר גאָר ניט, די פּאָפּעטשיטעלעס מוז עס שטאַרק הנאה טאָן, וואָס איך לעהרען אָן אַזאַ שייגעץ! האַ, וואָס זאָגען זיי? וואָס האָבען זיי געזאָגט?

שינדער. וואָס פרעגט איהר דאָ, ר׳ אַהרן? זיי קוועלען גאָר אָן פון אײַך.

קנעכטבאַרג. עס טוט מיר, כ׳לעבען, הנאה. אַ שאָד, וואָס איך האָב זיי דאָ ניט געטראָפען. איך האָב זיי טאַקע נאָך אַ פּלאַן אויפצוגעבען, זעהר אַ גוטען פּלאַן, איך מוז טאַקע באַלד געהן (ער געהט און באַגעגנט זיך אין דער טיר מיט פּיאַווקינען.)

פּיאַווקין (נאָר אין איין אָטעם) אַך, געשווינד, ר׳ יוסעל, ניט גיכער אַהער, וואָס עס איז אײַך היינט עפּעס אַריינגעפאַלען. די

זיך) וואָס איז, ר' אַהרן, ר' אַהרנ'צוצנאָ? איהר האָט שוין אַ פּנים אָנגעשמעקט פון דעם שלום, וואָס עס קלאַפּט אַייך אַזוי דער פּופּיק? (ער גיט נאָך אמאל אקוק אין פענסטער) האַ! דאַכט זיך, ספּאָדיק און תם געהען דאָרטען! יאָ טאַקע, זיי געהען אויך אַהער, זיי זענען נאָך חייט, ר' אַהרן האָט זיי נאָך זיכער ניט דערזעהן, אַך, דאָ וועט זיין זעהר אַ שענע סצענע, איך וועל מיך בעהאַלטען אין מיין חדר'ל און קוקען דורך אַ שפּאַרינע, ווי ר' אַהרן וועט שמועסען מיט די פּאָפּעטשיטעלעם (ער לויפט אריין צו זיך אין חדר).

ניינטע סצענע.

(קנעכטבאַרג, דערנאָך ספּאָדיק און תם.

קנעכטבאַרג (לויפט אַריין פערפּאַפּעט) אַך, וואו איז ער? וואו ר' יוסעל? אוי וועה, ווי עס טיאָכעט מיר דאָס האַרץ, אַנגסטען האָבען מיך בעשלאָגען! אַ קאַטאָוועס עפּיס פּרנסה! איך האָב מורא, אַז עס האָט זיך אָבגעריסען דער אַרטשיק און מיין גאַנצער פּלאַן זאָל חלילה נישט קאַליע ווערען! אַך, אַ מענש אָהן אַ מזל זאָל נישט געבאָרען ווערען! (די טיר עפענט זיך אויף און די צוויי פּאָפּעטשיטעלעס געהען אריין).

ספּאָדיק און תם. וואו איז ר' יוסעל?

קנעכטבאַרג (לויפט זיי אַנטקעגען ווי צומישט) ר' יוסעל? ניטאָ ר' יוסעל! איך דאַרף אויך ר' יוסעל. עס טוט מיר טאַקע הנאה, וואָס איהר זייט דאָ. איך האָב מיך ערשט אין גאַס פאַר אַייך געקריגט, שונאים זאָגען, וואָס איז, איהר האָט זיך איבערגעבעטען מיט דעם שייגעץ, מיט לאָקשעוויצ'ען, זאָגען שונאים!

תם (גאַנץ תמ'עוואַטע) בע...

ספּאָדיק (רוקט אָן דאָס היטעל און מאַכט אַ זויערע מינע) אוי, לא עליכם, ווייטער מיינע מערידען!

פּאָפּעטשיטעלעס וועלען ניט פאַרגעסען די טובה (ער געזעגענט זיךְ און געהט אוועק).

קנעכטבאַרג. איךְ זאָג אײַךְ, ר׳ יוסעל, אַז דאָס פּיצעלע מזל האָט מיר אָנגעהויבען, אָהן עין־הרע, טאַקע צו געהן, איךְ טראַכט אַז דורךְ דעם גמילות חסד וועט מיר זיין גרינגער אָבצואַרבייטען מיין נייעם פּלאַן. זאָרגט ניט׳ ר׳ יוסעל, זאָרגט, כ׳לעבען, ניט, עס וועט, אם ירצה השם, זיין רעכט, איךְ מוז נאָךְ געהן אַ שמעק טאָן אין מאַרק, וואָס הערט זיךְ עפּיס. (ער געהט ארויס שטארק פרעהליךְ).

אכטע סצענע *).

שינדער (קריכט זיךְ נאָךְ קנעכטבאַרג׳ן און שטעקט איהם אַרויס אַ צונג) אַוודאַי, ר׳ אַהרן, מעגט איהר זיךְ פרייען, פּיאַווקין, ניש׳קשה, האָט אײַךְ געשטעלט אַ חופּה, נו, פּיאַווקין, דאָס איז אַ חיטרע בעסטיע, ער אַרבייט אָב אַנ׳עסק קורץ און שאַרף. ווי געשווינד, ווי חיטרע האָט ער גענומען ר׳ אַהרן׳ען אויף דער העטשקע! דער לעקיש האָט איהם נעבעךְ דעם לעצטען גראָשען אַוועקגעגעבען און איז פרעהליךְ. אַוודאַי, ר׳ אַהרן, מעגט איהר זיךְ פרעהען, (ער לאַכט) שען איז נאָר געוועזען, ווי דער זאָגט צו מיר: זאָרגט ניט, ר׳ יוסעל, עס וועט, אם ירצה השם, זיין רעכט, דער שלי׳מזל טרייסט מיךְ! אַ מצוה, כ׳לעבען, ער האַלט זיךְ זעהר פאַר אַ ווילדען חכם און מיינט אַלץ יענעם אָנפייפען. איךְ האָב ערשט אַרויסגעזעהן פון זיינע רייד, אַז פון דעם עסק האָט ער געהאַט בדעה מיר ניט צו געבען אַפילו אַ פּרוטה, ער האָט מיךְ געוואָלט פּטר׳ן מיט שהי־פהי און געבען מיר אַיין אָנווייזונג אויף עולם הבא פאַר דער מצוה. אַ, קען איךְ אָט אָ די שענע יודען, בשעת עס געהט זיי שלעכט און זיי דאַרפען אײַער טובה, וועלען זיי אײַךְ קושען די פיס און צוזאָגען הרים וגבהות; קוים איז זיי גוט געוואָרען, שטעלען זיי אײַךְ אַרויס אַ פייג... רעכט אויף אײַךְ, מיין ליעבער ר׳ אַהרן, זייט ווייטער ניט קיין וואוילער, (ער גיט אַ קוק אין פענסטער) אוי, אוי, אָן געהט מיין ר׳ אַהרן, ניין, ניין, ער געהט ניט, ער לויפט אָהן אַ נשמה, דאָס פנים האָט זיךְ איהם פערענדערט (ער לאַכט און פאַרקעהרט

ספאָדיק (רוקט אַרויף דאָס היטעל) וויאָס לאָקשענט איהר מיר? וואָס גמילות חסד איהר מיר? אוים לאָקשען, ר׳ אַהרן! אוים לאָקשען!

תם (בעט זיך מיט אַ רחמנות־פּנים) וואָס ווילט איהר פון אונז האָבען? מיר קענען זיך ניט קריעגען, מיר האָבען ווייבער און קינדער, מיר ווילען ניט טראָגען קיין לעקעך אויף די פּלייצעס, מיר ווילען ניט מגולגל ווערען צוליעב אַייך קיין קליין ארץ ישׂראל. מיר ווילען זיך ניט קריעגען, וואָס ווילט איהר פון אונז האָבען?

קנעכטבאַרג (ווערט נעבעך שיער ניט צולאָפּינעט) געוואַלד, איך האָב אויך ווייב און קינדער! איך בין אויך, ב׳לעבען, אַ שענער יוד! פאַר וואָס קומט אַלץ נאָר אַייך, נאָר אַייך?

ספאָדיק (מיט אַ געשריי) תרבות! דרך ארץ!

קנעכטבאַרג (נעהמט אַרויס פון די כלים פאַר גרויסע צרות) לאָזט מיך אויך ביי דער שאָף אויסרייסען עטליכע זשמעניעס וואָל! לאָזט מיך אייך אַ טשאָקע טאָן, אָבלעקען אַ ביינדעל! געוואַלד, פאַר וואָס אַלץ אַייך? אַלץ נאָר אַייך און אייך!

ספאָדיק, קומט, ר׳ שמעיה, וואָס וועלען מיר דאָ מיט איהם טענה׳ן. (זיי געהען ביידע אַרויס. קנעכטבאַרג בלייבט שטעהן ווי אָבגעבריהט און שינדער שטעלט איהם אַרויס פון הינטען אַ צונג).

קנעכטבאַרג (שפּרינגט פֿון דער הויט פֿאַר צרות) וואָס הייסט? איהר וועט שלום ווערען מיט דעם עזות פּנים, וואָס האָט אײַך אויסגעמישט מיט דער בלאָטע, וואָס האָט אײַך גערופֿען, איך בעט אײַך מחילה, גנבים, גראַבּיטעלעס, בלוטזויגער, רוצחים, גזלנים, און אויף אײַך אויסגערעדט אָסור לדבר... וואָס האָט אָנגעשטעלט, מען זאָל בײַ אײַך פֿאָדערן חשבון און ביכער! מיט דעם שייגעץ, מיט דעם הולטאַי וועט איהר, אַזעלכע גרויסע בכבוד׳ע מענשען ווי איהר, וועט מיט איהם שלום ווערען? עס איז כדאַי אָנצולערנען אַזאַ הולטאַי, אַרײַנלעגען איהם אין דער חית, פֿערשיקען איהם צו אַלדי שוואַרץ יאָהר, אָבטאָן איהם אַ שפּיצעל, ער זאָל ווייטער וויסען, ווי זיך צו טשעפּען מיט אַ שטאָדט!

תם (אָהן ווערטער) בע; מילאָ וואָס. עט... בע...

ספּאָדיק (חאַפּט זיך פֿאַר די קריזעס מיט אַ קרעכצן) איך מוז גערן אַ היים אָבדאַווענען מנחה און זיך אַביסעל צולעגען.

קנעכטבאַרג (אַלײן שטאַרק צוקאָכט) קודם, אין מחשבית׳ען, גיט מיר דאָס גמילות חסד, איך דאַרף זעהר געניטיג האָבען דאָס געלד צו די לאָקשען.

ספּאָדיק (מיט אײן אָנגערוקטע היטעל) וואָס לאָקשען?

תם (תמ׳עהאַטע) האַ, וואָס זאָגט איהר?

קנעכטבאַרג (מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ) סטייטש, ווי הייסט, וואָס לאָקשען? וואָס זאָג איך? ס׳טייטש, לאָקשען זאָג איך. מײַן גמילות חסד, זאָג איך, בעט איך! איך דאַרף האָבען דאָס געלד צו די תלמוד תורה־לאָקשען. איך בין דאָך דער לאָקש... דער לאָקשענמאַכער! — (שינדער עפֿענט אַ ביסעל די טיר פֿון זײן חדר און שטעלט אַהיים הינטער קנעכטבאַרג׳ן די צונג).

ספּאָדיק (מיט אַ קאַלטער לעבער) דאָס געלד איז דאָך ניט אײַערס, וואָס זשע מאָנט איהר דאָ אַזוי?

קנעכטבאַרג (לאַכט כלומר׳שט מיט גרינגע ווערים) זאָלט איהר לעבען און געזונד זײַן, וואָס זאָגט איהר? גאָט איז מיט אײַך, איך דאַרף דאָך דאָס געלד צו די לאָקשען!

פיערטער אקט.

אַריינצוזעהן איך צו פרעגען, אֶפשר האָט איהר מקבל געוועזען אַ בריעף פון פיאַווקינען.

שטאַנדהאַפט, (מיט אַ ווידער־מינע) יאָ, אָט דאָס איז טאַקע דער בריעף, וואָס איך האָב היינט פון איהם מקבל געוועזען.

ספאָדיק. נו,וואָס שרייבט ער? ווי געהען דאָרטען די עסקים? האָט ער זיך שוין דאָרטען אָבגעפאַרטיגט?

שטאַנדהאַפט. מיט די עסקים, שרייבט ער, איז ער שוין כמעט פאַרטיג. די אַלע פּראָטעניעס און דאַנאָסען אויף דער שטאָדט פון דעם גאַנצען צעך וכרומה נאָך פון אַזעלכענע קבצנים וועלען קיין שום ממשות ניט האָבען, מען האָט איהם דאָרטען צוגעזאָגט זיי אַלע צו פערשטאָפּען ערגעץ אין אַ לאָך, אַז דער אָדון הגדול זאָל זיי אַפילו נישט אָנקוקען. קורץ און גוט, עס וועט אַלצדינג זיין רעכט, די דאַנאָסטשיקעס וועלען נאָך האַפּען אַ פסק, ער שרייבט און בעט רחמים, מען זאָל איהם אַריינשיקען נאָך געלד.

ספאָדיק (מיט אַ קרעכץ) גאָט זאָל רחמנות האָבען אויף דער שטאָדט, זי דאַרף נעבעך האָבען אסך געלד. וואוהין מען קעהרט זיך, אַלץ געלד, געלד און געלד, וואָס שרייבט ער עפּיס נאָך?

שטאַנדהאַפט.(מיט אַ פערחמורעט פּנים) ער שרייבט, אַז מען האָט בדעה צו מאַכען טאָרגעס אויף דער טאַקסע.

ספאָדיק (לאָזט אראב די נאָז) טאָרגעס, אוודאַי איז דאָס נישט גוט פאַר דער שטאָדט נעבעך, השם יתברך זאָל שומר ומציל זיין, זי זאָל חלילה אַריינפאַלען אין די הענד פון די בעלי־טאַקסעס, זיי זענען דאָך פשוט רוצחים, נאָר מסתמא וועלען מיר עפּיס טאָן מכח דעם. מהיכא תיתי טאָרגעס, אַלץ בעסער ווי מען שמועסט ביי אונז אין קלויז.

שטאַנדהאַפט. וואָס שמועסט מען? וואָס שמועסט דער עולם?

ספאָדיק. מען שמועסט זעהר געשמאַק פון דער גזרה, אַז דאָס קעסטעל זאָל חס ושלום בטל ווערען. יודען עפּיס זאָלען מעהר ניט צאָהלען קיין טאַקסע.

פיערטער אקט.

דאָ ווערט פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי מען נעהמט די טאַקסע
אויף דער היינטיגער צייט, ביז דעם יאָהר **1870**.

ערשטע סצענע:

שטאַנדהאַפט בײַ זיך אין קאַבינעט, דערנאָך ספאָדיק.

שטאַנדהאַפט (זיצט פערזאָרגט און האַלט אַ בריעף אין דער האַנד) זעהר אַ שלעכטע ידיעה! ער שרייבט, אַז מען ווערט באַלד אַביאַחען טאָרגעס אויף דער היהנער=טאַקסע, איך האָב מורא, אַז דאָס קעסטעלע קען זיך נאָך חלילה אַרויסגליטשען פון דער האַנד. עס װעלען זיך געפינען זעהר פיעל בעלנים, אַ סך, גאָר אַ סך שאַרפען אויף דער היהנער=טאַקסע די צייהן. מען דאַרף בייצייטענס זעהן אַלצדינג בעוואָהרענען, אָנהויבען זיך צו סטאַרען און צו טאָן אַרום דעם... (ער פערטראַכט זיך און קוקט אין דעם בריעף, די טיר עפענט זיך און ספאָדיק קומט אריין).

ספאָדיק. גוט מאָרגען, ר׳ יודעל, עס איז מיר גראָד אויס=געקומען צו געהן פון אַ ברית פאַר בײַ אײַער הויז, האָב איך מיך מישב געוועזען

אָבגעגעבען אויף דער עלטער מיט דער טאַקסע? עס איז פאַר מיר אַ טירחה, טאַקע אַ טירחה גדולה, נאָר וואָס זאָל מען טאָן, וואָס זאָל מען מאַכען? איך זאָג אײַך נאָך אַמאָל בפירוש, נעהמט מען חלילה ביי אונז צו דאָס קעסטעלע, נעהמט מען ביי אונז צו דעם כח.... (ער גיט א טרייסעל דאס בערדעל) אָבער ניין! מיט השם יתברך׳ס הילף. מיר וועלען עס ניט דערלאָזען יודען בלייבען יודען! מען וועט פאָהרען, מען וועט זיך סטאַרען, גאָט וועט העלפען, דאָס קעסטעלע וועט בלייבען (מיט אַטמייבעלע) ניש׳קשה, עס וועט בלײַבען, ווי איך בין אַ יוד, בלייבען...

צווייטע סצענע.

(שטאנדהאפט אליין, פערטראַכט.)

אַז ספאָדיק מיט זײַן גלײַבען זאָגען, אַז דאָס קעסטעלע וועט בלײַבען, ווייס איך זיכער, אַז עס וועט בלײַבען, איך קען זיי... נו זאָל ער חאָטשע ביי מיר בלייבען (נאָך דעם אז ער טראַכט אַביסעל) יאָ, ביי מיר, אָבער ווי ביי מיר? אויף וועלכער אַרט ביי מיר, מען דאַרף געפינען עפּיס אַזאַ תחבולה אַז הייסען זאָל עס ניט ביי מיר, און זיין זאָל עס פּאָרט טאַקע ביי מיר, אַזוי וועט עס אין כמה אופנים בעסער זיין איינמאָל, וואָס טויג מיר דער טיטעל בעל=טאַקסע? איך בין מוחל דעם כבוד. צווייטענס וואָס טויג מיר, מען זאָל פאַר מיר וויינען? עס קומט פּאָרט אַמאָל אויס עפּיס ניט לאָווקע, יענער וויינט, מוז מען דאָך אַמאָל, חאָטשע פאַר לייט, רחמנות האָבען, רחמנות אָבער קאָסט געלד? יאָ רחמנות, אָבער ווען זשע? ווען דאָס רחמנות טראָגט נאָך עפּיס אַיין, דאָס הייסט פשוט, ווען דורך דעם פערלאַנגט מען עפּיס אַ געוויסע זאַך.... דריטענס, געה האָב שטענדיג צו טאָן מיט ליאדע בעלי=מלאכות, מיט גאָלדשמידלעך, מיט מולערעס און מיט נאָך קבצנים. פיערטענס... די הצטרכות זענען זעהר גרויס, מען איז שוין געוועהנט געוואָרען צו שפּיעלען די ראָלע, געבען כלומר׳שט אויף דאָס, אויף יענץ און די געשעפטען געהען היינט עפּיס ניט אַזוי שטאַרק גוט... (ער קראַצט אביסעל די פּאַטיליצע) יאָ, איך האָב שוין

שטאַנדהאַפט (סטאַרעט זיך אַ שמייכעלע צו טאָן) וואָס הייסט, ר׳ איצע וואָלף, דאָס רופט איהר אַ גזרה?

ספאָדיק (נעהמט זיך פאַר דעם בערדעל) יאָ, יאָ, זאָלט איהר טאַקע וויסען, ר׳ יודעל, דאָס איז אַ גזרה. דאָס קעסטעלע, כ׳לעבען, דערהאַלט נאָך דאָס ביסעל יודישקייט, פון וואַנען נעהמט מען אויף דאָס, אויף יענץ, אויף דעם, וואָס מען טאָר ניט זאָגען? טאַקע פון דעם קעסטעל, מיט וואָס האָט מען די אויבערהאַנד איבער די שקצים פון דער היינטיגער וועלט? מיט וואָס היט מען אָב, אַז יודען זאָלען בלייבען טאַקע דאָס וואָס זיי זענען? מיט וואָס? אַלץ טאַקע מיט דעם קעסטעל! — דורך וואָס האַלט מען אין דער מורא אַ בעל מלאכה, אַ נחות דרגא, אַ פאַרך אַ קבצן, זיי זאָלען האָבען דרך ארץ, אָבשײַ פאַר דער שטאָדט, פאַר אונזער איינעם? דורך וואָס? טאַקע אַלץ ווייטער דאָס קעסטעל! הכלל, דאָס קעסטעלע האָט נאָך דערהאַלטען דאָס ביסעל יודישקייט, דאָס ביסעל יודיש יחוס.... חלילה אָהן אַ קעסטעל שווימען דאָך אַרויף פון אויבען אַפיקורסים, בעלי מלאכות, שניידער, שוסטער און אַלע עמי הארצים, וואָס קענען אַפילו ניט קיין פרק משניות, און דענכסטמאָל אָך און וועה איז אונז... יאָ, יאָ, ר׳ יודעל, דאָס איז ביי מיר אַ גזרה!

שטאַנדהאַפט. וואָס האָבען יודען געטאָן אַ מאָל, אַז זיי האָבען ניט געהאַט קיין קעסטעל?

ספאָדיק. וואָס גלייבט איהר אַמאָל צו היינט! אַמאָל זענען יודען געווען גוט און פרום, ווער האָט אויף זיי געקוקט, ווי זיי געהען, ווי זיי שטעהען? די קליינע מענשעלעך, די עמי=הארצים האָבען ניט געטאָרט קיין קאָפּ אויפהייבען. וואָס די מנהיגי העיר האָבען געטאָן, דאָס איז געווען געטאָן. יודען האָבען אַמאָל נאָר איין אַנדער פנים געהאַט... היינט אָבער זענען דאָ ביי יודען זעהר פיעל עזות=פנים׳ער, זעהר פיעל הול׳טאַיעס, וואָס זאָגען דעות און פאָדערען ביי דיר גרויסע חשבונות, וחוץ לזה, וואָס אַ טאָג קומען אָן אויף יודען נייע גזרות, אַזוי געה ניט, אַזוי שטעה ניט, אַזוי לערען ניט, אַ מערכה, כ׳לעבען, וואָס עס איז נאָך דאָ די קעסטעלע, דורך דעם קען מען זיך נאָך אויסדרעהען און דערהאַלטען (ער ווייזט אויף דעם ספאָדיק) דאָס ביסעל יודישקייט, איהר מיינט, ווען ניט דאָס, וואָלט איך, אַזאַ צובראָכענער יוד, ווי איך, זיך

דריטע סצענע.

(שטאַנדהאַפּט, וועקער, דערנאָך שינדער און נתן שיפרה'ס).

וועקער. איהר זייט עפּיס ווי אומרוהיג, הערר שטאַנדהאַפּט, אפשר שטער איך אײַך?

שטאַנדהאַפּט (אונטער דער נאָז) בע... איך האָב נאָך צייט, עטליכע מינוט.

וועקער. קיין סך וועל איך אײַך ניט שטערען, איך וויל אײַך נאָר בעטען, מיר צו בעשטימען אַ צייט, ווען איהר וועט זיין רוהיג. איך וויל מיט אײַך איבערשמועסען מכח דער חברה און מכח נאָך זאַכען, וואָס איהר האָט בדעה צו טאָן.

שטאַנדהאַפּט. למאַי, הערר וועקער, שרייבט איהר מיר צו אײַער מיה, אײַערע גוטע אײַנריכטונגען? איך פערדיען אסור ניט אײַער לויב. וואָס איהר לויבט מיך אומעדום און אין די צייטונגען.

וועקער. די ווערטער זענען פון אײַער זײַט זעהר שען, נאָר וואָס מאַכט עס אויס, איך אָדער איהר? דער עיקר איז, מען זאָל טאָן, מען זאָל העלפען, ווי ווײַט מען קען. לײַדער שטעהט איצט אונזער חברה שלעכט. און אין דער שטאָדט הערשט הײַנט אַ ביטערע עלענד!

שטאַנדהאַפּט (גלעט די פּאַטיליצע) וואָס קען מען טאָן? קענען מיר פערזאָרגען אַ וועלט?

וועקער. פון דעסטוועגען טאָר מען עס ניט לאָזען אַזוי. בײַ מיר אין קאָפּ דרעהט זיך שוין עפּיס אַ שטיקעל פּלאַן. איך וועל עס אויפשרײַבען און אײַך ווײַזען. אפשר וועט עס אײַך געפעלען.

שטאַנדהאַפּט, גלויבט מיר, מײַן ליבער פרײַנד. די היגע יידען זענען ניט ווערט, מען זאָל זיך מיט זיי אָבגעבען. איך קען זיי בעסער פון אײַך. גלויבט מיר, עס איז פיעל גלייכער גאָר נישט צו טאָן און זיך ניט מישען.

אַ פלאַן, איך וועל אָנפּייפען איטליכען, אַפילו דעם גרויסען פייפער ספּאָדיק׳ן, מכות איהם! אַביסעל וועט פאַר איהם אויך גענוג זיין. ביינער איז ער קראַנק צו גריזען? ניש׳קשה, דער צערבראָכענער יוד האָט זעהר שאַרפע צייהן... יסורים איהם! ער האָט, ברוך השם, אָהן דעם גוטע געשעפטען, ער איז אַ גבאי פון אַ סך חברות, ביי איהם געפינט זיך שלישית-געלד, עולמות-געלד, ארץ ישראל-געלד, נאָך און נאָך געלד. ער איז אַ גאַנצער כלי קודש... איך וועל מיין שינדער׳ן אָבלאָזען פון דער קייט, ער קען שטילערהייד גוט ביסען; אָנקוקענדיג איהם, איז ער געדאַכט אַן׳אָבגעבאַרעט יודעל, בלייך, גרוי ווי אַ טויב, פרום און שטיל, גאָט די נשמה שולדיג. נאָר אָבער דרך ארץ! טרעט אָב פאַר שינדער׳ן דעם וועג, היט אַייך די ביינער, ער איז אַ משחית! אָט דער שינדער וועט עס לפנים זיין גלופּסקער בעל-טאַקסע... הייסען מוז עס לכתחלה, מען פאָהרט נעהמען דאָס קעסטעלע פאַר דער שטאָדט, נאָר בשעת טאָרג וועט עס שינדער אויסדינגען פאַר זיך. דאָס הייסט פאַר מיר. ספּאָדיק מיט אַ טייל פון דער כנופיא וועלען נאָר נעהמען געוויסע שכירות, אָדער אַ קליין פראָצענט. חוץ זיי אָבער וועט נייטיג זיין צו צולאַנטשען נאָך עטליכע פייגעל, סאַמע די רעכטע עזות׳ניקעס. איבריגענס וועגען זיי ניט קיין סך. (ער צעהלט אויף די פינגער) איינס, צוויי, דריי, האַ? נאָך אַמאָל; ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי. דאַכט זיך, טאַקע מעהר ניטאָ, אַין אפשר, האַ? נאָך איינער. נו איז ניט פיער... אַ שען פעקעל, כ׳לעבען! דער גלאַוונער פון זיי איז נתן שיפרה׳ס; ווער קען נאָך אַזוי לערנען בלק מיט איינעם, ווי ער? ער איז אַן׳אויסגערויכערט ליולקעלע, מען מוז זיך נאָך טאַקע היינט מיט איהם זעהן: (ער גיט אקוק אין פענסטער) אַך, דער רוח האָט איהם איצט אָנגעטראָגען! וואָס טויג מיר דער וועקער? וואָס דולט ער מיר תמיד אַ קאָפּ מיט זיין בילדונג, מיט זיינע פּלענער? ער איז אַן׳עהרליכער נאַר, אַ כשר׳ע בהמה, ער זוכט אַלץ דעם אמת, סטאַרעט זיך, מיך צו צוציהען צו זיך, איך זאָל אַנטייל נעהמען אין זיינע פּלענער. דער נאַר מיינט, אַז מיך אינטערעסירען זיינע פוסטע זאַכען. אַך, ווי טשעפּעט מען זיך אָב פון איהם.?

וכוחים, ווייל איך ווייס, אַז עס איז דברים בטלים, די טאַקסע וועט בלייבען, וועניגסטענס וואָלט רעכט געווען, אַז אויף ווייטער זאָל מען זי אַביסעל עהרליכער פיהרען, אַז דער עולם זאָל קענען עסען פלייש פאַר אַ וועלוועלערען מקה. בפרט ווי עס הערט זיך, וועט מען שוין מעהר קיין צינזען ניט דאַרפען צאָהלען פון דער קעסטעל. (ער גיט אַבליק אויף שטאַנדהאַפטען פון דער זייט מיט שפּאָט) כ׳לעבען, אַז איהר, הערר שטאַנדהאַפט, אַזאַ רייכער, אַזאַ געבילדעטער און אַ דורש טוב ווי איהר, זאָלט נעהמען די טאַקסע. איהר וואָלט טאַקע אי כשר פערדינט, אי אַ גרויסע טובה געטאָן דער שטאָדט. איהר ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ ראָלע פלייש שפּיעלט אין דער געזונדהייט. אַלע קרענק, אַלע מכות און פורעניות נעהמט זיך דאָס רוב ביי די היגע יודען פון דעם, וואָס זיי עסען ניט קיין פלייש; געהט הערט, זייט מוחל, וואָס דאָקטוירים זאָגען. ערשט נעכטען האָט מיך אַיין דאָקטאָר געפיהרט צו אַ קראַנקען, וואָס די ביינער פון די הענד און די פיס פוילען ביי איהם, מחמת ער האָט אין זיין לעבען געגעסען זעהר וועניג פלייש. ער זאָגט, אַז אַזעלכע קראַנקע מאַכען זיך ביי איהם זעהר אָפט און ער איז אַפילו בעריית צו שרייבען און צו זאָגען עס בקול רם פאַר דער גאַנצער וועלט, כ׳לעבען, עס וואָלט רעכט געווען, איהר זאָלט נעהמען די טאַקסע.

שטאַנדהאַפט (ווי איינער וואָס איז שטאַרק אויפגעבראַכט) איך די טאַקסע! איך די היגע טאַקסע!! מען זאָל זי מיר אַפילו שענקען. איך וועל פערזאָגען דעם צעהנטען ניט צו האַנדלען מיט די היגע יודען, געניג טאַקסע, גענוג, איך וויל זי שוין מעהר ניט קענען! (די טיר עפענט זיך אויף און שינדער מיט נתן שפּרה׳ס קומען אַריין).

שינדער און נתן. מיר שטערען אייך אפשר, ר׳ יודעל, וועלען מיר אַוועקגעהן.

שטאַנדהאַפט (לויפט זיי אַנטקעגען) חלילה! פאַרקעהרט, ווי געוואונשען, איך דאַרף אייך טאַקע האָבען.

וועקער (טוט אַ קוק אויף שטאַנדהאַפטין מיט זיינע געסט) נו, איצט האָב איך ביי אייך ניט מעהר, וואָס צו טאָן. מיר וועלען זיך נאָך זעהן איין אַנדערס מאָל. עס וועט נאָך צייט זיין.... לעת עתה בעט איך אייך, אַז איהר זאָלט מוחל זיין איבערצוקוקען די רעכענונג,

וועקער. עס איז אייך גרינג צו זאָגען, די אָרעמע אָבערליידען. זיי הונגערען און דאַרען, זיי ווייסען ניט דעם טעם פֿון פֿלייש.

שטאַנדהאַפֿט. אָט וועט באַלד זיין טאָרגעס אויף דער היגער טאַקסע, נו וועלען מיר זעהן, אויב די נייע בעלי־טאַקסעס וועלען בעסער זיין. איך זאָג אייך אויסדריקליך, עס וועט נאָך צעהן מאָל ערגער זיין, געדענקט מיינע ווערטער, הלוואַי זאָל איך ליגען זאָגען.

וועקער. איך פֿערשטעה אבור ניט, פֿאַר וואָס יודען מוזען האָבען אַ טאַקסע אויף פֿלייש, אַז דורך דעם זאָלען זיי אַזוי פֿיעל ליידען און ליגען אין דער ערד? די טאַקסע זויגט אויס ווי אַ פּיאַווקע יודיש בלוט, זי מאַכט זיי קראַנק, זי לאָזט זיי ניט זיין שטאַרק און געזונד, די רעגירונג פֿערלירט דורך דעם אויך זעהר פֿיעל, עפּיס אַ קלייניגקייט צוויי מיליאָן מענשען אין לאַנד זענען אומזיסט־אומנישט פֿערקויפֿט צו די בעלי־טאַקסעס, עסען ניט דאָס נייטיגסטע שפּייז, זענען שלאַף און האָבען אַ פּנים ווי די מתים!... ווי קענען אַזעלכע דערשלאָגענע, אַזעלכע שלאַפֿע מענשען האָבען אין זינען די וועלט? ווי קען מען פֿון זיי פֿערלאַנגען, זיי זאָלען האָבען אַ געפֿיהל פֿאַר ערנסטע זאַכען? איך רייד שוין ניט, אַז די רעגירונג זאָל מיט אַ מאָל געבען יודען גלייכע רעכטען, אַלע פֿרייהייטען, נאָר װעניגסטענס זאָל זי אונז אויסלייזען פֿון דעם יודישען גלות, וואָס ער איז זעהר אַ שווערער. די חאַפּער האָבען אַ מאָל בעוויזען, ווי שווער דער יודישער גלות איז. ווי באַלד אַז יודען מוזען געבען, חוץ דעם צינזו וואָס זיי צאָהלען דער קאַזנאַ, נאָך אַמאָל צינז טאַקע זייערע יודען אַליין, און נאָך שרעקליך אַ גרויסען צינז, היינט פֿאַר וואָס זידעלט מען זיי אין אַלע צייטונגען, אַז יודען טיילען זיך אָב ווי אַ בעזונדערע מדינה אין דער מדינה?

שטאַנדהאַפֿט. פּוסטע רעד, מיין ליעבער פֿריינד! איהר רעדט ווי אַ מענש, וואָס איז ניט קיין געניטער און האָט ניט קיין ידיעה אין שטאָדט־זאַכען. די טאַקסע מוזען יודען האָבען, אָהן איהר, זאָג איך אייך, וועט נאָך ערגער זיין. אין פֿיעל גרעדען ערגער זיין, אויסווייזען עס אייך, איז ניט איצט די צייט.

וועקער. איך וויל מיך אייך ניט אַריינלאָזען אין ווייטע

דער יוד (שטארק מיט הכנעה, מיט א ציטערדיג קול) איך האָב אַייך געוואָלט בעטען אַ טובה... האָב איך אַייך געוואָלט בעטען... עס איז מיר איצט שלעכט די צייט...

שטאַנדהאפט (לאזט דעם יודען ווייטער ניט רעדען) אַ! איך מיש מיך נים היינט, איך מיש מיך ניט!

דער יוד. איך בין געוועזען אַ היגער בעל הבית; פון אַ קורצער צייט בין איך אַראָב פון מיין מעמד און לייד שמילערהייד דחקות מיט מיין ווייב און קינדער...

שטאַנדהאַפּט. נו וואָס זשע ווילט איהר פון מיר האָבען? בין איך דען איינער אין דער שטאָדט?

קנעכטבאַרג (מישט זיך אריין פון דער זייט, און וויל זיך צושמייכלען צו שטאַנדהאַפּטען) טאַקע באמת, ר׳ יוד, וואָס ווילט איהר האָבען? וואָס קען אַייך ר׳ יודעל טאָן? פאַר וואָס באמת אַלץ צו ר׳ יודלען, אַלץ געבעך צו זיי?

דער יוד. איך וואָלט בעסער געוואונשען דעם טויט איידער צו גענהן בעטען. איך שעם מיך, איך בין דאָס נאָך נים געוועהנט געוואָרען, איך קען שוין אָבער מעהר ניט צו־זעהען דעם רחמנות פון מיינע קינדער, ווי זיי ליידען הונגער און נויט, די כחות געהען זיי געבעך אוים, זיי ווענען דאַר ווי שפּענדלעך און האָבען שוין אויף זיך ניט קיין לויט פליישׁ, אַך מען זאָל מיר העלפען מיט עטליכע קערבלעך. וואָלט איך געטאָן כל אַמיטעל מפרנס צו זיין מיין ווייב מיט די קינדער. קיין שום שטראָף איז ניט אַזוי גרויס, קיין שום וועהטאָג איז ניט אַזוי שרעקליך, ווי צוצוזעהען מיט אייגענע אויגען די יסורים פון קינדער, וואָס געהען אוים פאַר הונגער. איטליכער קוק זייערער ניט אַ בריה דאָס האַרץ ווי פייער, איטליכער זיפץ, איטליכער קרעכץ רייסט אוים די נשמה! געוואַלד, האָט רחמנות, איך בעט אַייך, האָט רחמנות!

שטאַנדהאַפּט. איך האָב ניט קיין צייט. געהט צו וועקער׳ן, ער וועט אַייך שוין דאָרטען עקספעדיר׳ען.

וואָס איך האָב אײַך נעכטען פאַרנאַכט געשיקט, דאָרטען שטעהט ריין אַרויסגעשריבען, וויפיעל עס קומט אײַך פון מיר און וויפיעל מיר קומט פון אײַך, איך האָב ליב צו לעבען מיט חשבון. איך האָף, אַז איהר וועט מיר אָבשיקען דעם נשאָר, וואָס מיר קומט אַרויס פון אײַך על פי חשבון. אַדיע! (ער געהט אַרויס).

שטאַנדהאַפט. געלויבט איז גאָט. פטור געוואָרען די זלודניע! (צו נתן שיפרה'ס) ער קומט און דולט מיר תמיד אָן אַ קאָפּ מיט פּוסטע זאַכען, מיט לויטער נאַרישקייטען, ביי זיין אַוועקגעהן פיהל איך מיך תמיד פריי, ווי מען טוהט אויס אַיין ענגען שטיוועל, איך ווייס ניט, וואָס האָט זיך דער נאַר אַזוי פערליבט אין מיר און האָדעוועט מיך מיט עפּטערע וויזיטען?

נתן. איהר זאָגט, וועקער איז אַ נאַר, חע, חע חע! האָט אויף מיר ניט קיין פאַראיבעל, מיר דאַכט זיך, אַז איהר האָט אַ גרויסען טעות. וועקער איז, נאָך מיין מיינונג, אַ קלוגע בעסטיע. איהר בעמערקט גאָר ניט, ווי ער נעהמט אײַך דורך און דורך מיט אַ פּאָר ברענענדיגע אויגען, בשעת ער רעדט מיט אײַך, איך בין אויף איהם אַ מבין. איך קען מיינע לייט. חע, חע חע!

שטאַנדהאַפט. און מיר דאַכט זיך, ער איז אַ גרויסער נאַר, ער דולט מיך תמיד מיט לויטער נאַרישקייטען, ער איז ניט קיין געניטער און דערצו איז ער נאָך היציג, צינדט זיך גיך אָן ווי אַ שוועבעלע, איבריגענס וואָס געהט עס מיך אָן? קומט, זייט מוחל, אין צווייטען חדר אַריין. איך האָב מיט אײַך צו רעדען פון אַ סך נייטיגערע זאַכען. (די טיר עפענט זיך ווידער אויף, און אין שטוב געהט אריין פריהער אַ יוד מיט אַ בלייך פנים, באַלד נאָך איהם ר' אַהרן קנעכטבארג).

פיערטע סצענע.

(די פריהערדיגע, איין אָרעמער יוד און קנעכטבאַרג).

שטאַנדהאַפט (ווענדעט זיך מיט אַ פערהמורעטע פנים צו דעם יודען) וואָס ווילט איהר, מיין ליעבער יוד?

פינפטע סצענע.

(קנעכטבארג זיצט אויף אַ שפיין פון אַ בײנקעל און רעדט צו זיך אַליין).

אַך, השם יתברך זאָל װעלען חאָטשע הײנטיגעס מאָל אויף מיר רחמנות האָבען און דאָס פיצעלע מזל זאָל מיר געהן! מײן פּלאַן איז זעהר אַ גוטער, עס איז אין איהם דאָ זעהר אַ טיעף קנײטשעל, זעהר אַ שײן שפּיצעל, ער זאָל נאָר אויסגעפיהרט װערען, װאָלט איך מיט אַ מאָל אויפגעריכט געװאָרען, איך װאָלט מיך אַרומגעצאָהלט מײנע חובות און חתונה געמאַכט מײן עלטערע בתולה, זי איז שוין אַ בוגרות, אין די יאָהרען, זי װערט װאָס אַ טאָג בײזער, טרויעריגער, זי הוסט, זי גענעצט און שטערט מיך בײ דער נאַכט פון דעם שלאָף.—אוי, קײן תחית המתים זאָל ספּאָדיק ניט אויפשטעהן! ער האָט מיך דענסטמאָל פּשוט דער׳הרג׳עט, אויס לאָקשען! האָט ער געזאָגט (ער קריטט זיך נאָך ספּאָדיקן) אויס לאָקשען! אַוודאי איז איהם גרינג צו זאָגען, אַז ער האָט זיך שוין אָנגעזאַפּט מיט יודיש געלט װי אַ פּיאַװקע! אוי, ער זאָל זײן אין מײן שטאַנד, ניש׳קשה, װאָלט ער נישט געזאָגט מיט אַזאַ קאַלטער לעבער: אויס לאָקשען! (ער טהוט אַ קרעכץ פון דעם גאַנצען האַרצען) גוט אויף דער װעלט איז טאַקע נאָר די פּאָפּעטשיטעליעס, זײ זענען, כ׳לעבען, ניט קײן גרויסע חכמים, ניט קײן שטאַרק געלערנטע, ניט צו פיעל איבערגעשפּיצט און דאָס מזל שפּיעלט זײ! זײ טוען אָן צרות אין דער שטאָדט, טרעטען איטליכען מיט די פיס, און איטליכער פון דעסטװעגען טראָגט זײ אויף דעם קאָפּ, מען ציטערט פאַר זײער דוך, מען לעקט זײ, מען גיט זײ אָב כבוד אין באָד און להבדיל אין שוהל. זײ פּאַרען זיך אויף דער אויבערשטער באַנק, זײ זענען מיט ששי אין מיט סנדקאות. קורץ זײ זענען דאָס אויבערשטע פון שטויסעל. עס געהט זײ פון אַלע זײטען, און מיר געהט עס שלים־שלימ׳מזל. השם יתברך זאָל הײנט װעלען אויף מיר רחמנות האָבען, חאָטשע בזכות מײן אַלטער בתולה, ער זאָל אָננעהמען איהר הוסטען, איהר גענעצען און זאָל געבען שטאַנדהאַפטען אין האַרצען אַ גוטע לוינע, אַז ער זאָל זיך לאָזען רעדען און ניט זײן משוגע. (ער קרעכצעט) איך האָב מורא, אַז הײנט איז איהם אָנגעקומען דער שגעון, עפּיס קיקט ער מיט אַפּאָר אויגען,

דער יוד. איך בין דאָך געקומען צו אייך, אַזוי ווי איהר זייט אַ רייכער, דער ראש אין דער שטאָדט און...

שטאַנדהאַפט (מיט כעס) איך מיש מיך שוין מעהר ניט! וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען? איך האָב שוין דאָך אייך געזאָגט, וואוהין צו געהן, מעהר האָב איך קיין צייט ניט מיט אייך צו טענה׳ען.

קנעכטבאַרג (פון דער זייט) וואָס אַ יוד איז? ר׳ יודעל האָט דאָך אייך שוין איין מאָל געזאָגט. וואָס זשע דורעט איהר זיי נעבעך דעם קאָפּ? זיי טראָגען נעבעך אייף דעם קאָפּ אַ סך אַנדערע זאַכען, גאָט זאָל זיי נאָר געבען כוח....

נתן. אַ יוד העלפט ניט איין מאָל זאָגען. דעריבער האָב איך מיר געמאַכט, אַז אַ יוד מעג רעדען פאַר מיר אפילו אַ טאָג מיט אַ נאַכט, זאָל איך מיר זיצען און שווייגען. ער רעדט זיך אָן ביז וואַנען עס ווערט איהם טרוקען אין האַלז און געהט דערנאָך אַליין אַוועק. הע, חע, הע! איך קען מיינע לייט.

שינדער. דעריבער, ר׳ נתן, זייט איהר דאָך אין דער שטאָדט אַ בורר. אַבורר דאַרף קענען אַ סך הערען און שווייגען (צו דעם יודען) נו געהט, זייט מוחל, ר׳ יודעל האָט איצט ניט קיין צייט.

דער יוד. אַך רבונו של עולם! (ער קרעכצעט פון דעם גאַנצען הארצען און געהט ארויס).

שטאַנדהאַפט (ווענדעט זיך צו קנעכטבארג) נו, וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען, מיין ליעבער ר׳ אַהרן?

קנעכטבאַרג. איך האָב מיט אייך צו שמועסען מכח איין ענין.

שטאַנדהאַפט. איהר זעהט דאָך, מיין ליבער ר׳ אַהרן, איך בין איצט טרוד, איך בין איצט בעשעפטיגט מיט מענשען.

קנעכטבאַרג. איך קען בעשטעהן אויסוואַרטען. ניש׳קשה, ב׳לעבען! געהט רעדט אייך מיט זיי, איך וועל מיר דאָ אויסוואַרטען, לעבט הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר!

(שטאנדהאפט, שינדער און נתן שפּרהים נעהען אריין אין צווייטען חדר).

חעל זאָגען דעם אַרענדאַר, הער אויכ! וועל איך איהם זאָגען, היינט מעג מען דאָך אַריינפיהרען בראַנפען ,ווי באַלד מען האָט דערפאַר אָבגעצאָהלט אַקציז. אויך וויל מען ביי דיר אויסדינגען די אַרענדע. חייסט דו וואָס, סעדרצע? צוואַנציג פּראצענט פון דער אַרענדע, זאָל הייסען, געהט אויף דער שטאָדט; עס איז, דאַכט זיך, אַ גרויסע טובה פאַר דער שטאָדט. דערפאַר, בחור, וועל איך זעהן מאַכען אַ חרם, מען זאָל קיין בראַנפען ניט אַריינפיהרען. האַפסט דו איינעם מיט אַ ביסעל, טוה איהם אָן צרות, געבראָטענע לייד, גיס די וואַסער אין די בראַנפען און שמעל גרויסע מקחים! אַ יאָ, גוט? גיב זשע מיר די מעשה, דאָס הייסט, צוואַנציג פּראָצענט אויף דער שטאָדט. שאַ שאַ, נאָך אַ פּלאַן! טאַקע דו, בחיר, דיך אַרענדאַר פון די ליכט מיין איך, גיב אויך די קאַץ!... (ער פערטראַכט זיך אביסעל) האַ? דאַכט זיך, זיי געהען, איך וועל מיך מאַכען גאָר תם. (ער זעצט זיך אנידער אויף דעם ביינקעל און דרעמעלט כלומר׳שט).

זעקסטע סצענע.

(קנעכטבאַרג, שטאַנדהאַפּט, שינדער און נתן שיפרה׳ס).

שטאַנדהאַפּט (אַריינגעהענדיג אין חדר אַ ביסעל לוסטיג) נו, ר׳ אהרן, וואָס וועט איהר זאָגען, האַ, וואָס שווייגט איהר? (ער געהט צו אַ ביסעל נעהענטער) ע, ער שלאָפט! ר׳ אהרן, שטעהט אויף צו חצות(ער שטעכט איהם מיט אַ פינגער).

קנעכטבאַרג (שטעהט גיך אויף דעם ביינקעל, ניט טויט, ניט לעבעדיג, און רייבט די אויגען) האַ, וואָס איז? (ער רעדט כלומר׳שט ווי פערשלאָפען אונטער דער נאָז) וואָס ווילט האָבען פון פּאַפּעטשיטשלעס?... עהרליבע לייט פּאָפּשיטעל... וואָס ווילט האָבען פון שטאַנדהאַפּט?... אַנדהאַפּט עהרליך, וויל זיך ניט מישען שאַנדהאַפּט!... (ער טשוכעט זיך באַלד אויס) אַך, זייט מיר מוחל, ר׳ שטאַנדהאַפּט. איך בין אַלץ געזועסען, געזועסען דאָ אויף דעם אָרט און פאַר גרויס מידיגקייט האָב איך געחאַפּט אַ דרעמעל, אַך, זייט מיר מוחל, איך האָב אַ פּנים געשמאַק געשלאָפען?

גלעט אַליין די פּאַטיליצע און רופט איטליכען מיין ליבֿער, דאָס איז בײַ איהם אַ שלעכטער סימן. לעת עתה האָב איך גוט געטאָן, וואָס איך האָב איהם געלאָזט שמועסען מיט אַנדערע און בין מיר דאָ געבליבען זיצען. אפשר וועט בײַ איהם אין דער צייט דער שגעון איבערגעהן. (ער שטעלט זיך אויף און ציהעט אויס די גלידער) אַך לאַנג ווייליג כ׳לעבען, צו זיצען דאָ אַליין, וואָס קען דאָס זיין, וואָס האָבען זיך דאָרטען פערשפּאַרט? וואָס מען סוד׳עט זיך דאָרטען אַזוי לאַנג? עס איז עפּיס ניט גלאַט. אין דער שטוב, וואָס מען סוד׳עט זיך מיט ר׳ נתן שיפרה׳ס, מוז שוין דאָרטען עפּיס זיין, אַז ר׳ נתן איז פרעהליך, איז אַסימן, אַז מענשען וועלען, היינט אָדער מאָרגען וויינען. ר׳ נתן איז ווי אַ וואָרים, וואָס האָט אַ שליטה איבער נבילות און פּגרים, קוים איז איינער געפאַלען און געבליבען טויט אָהן אַ גראָשען, דענקמאָל דרעהט זיך אַרום איהם מיין ר׳ נתן, ער שינדט איהם אָב דאָס פעל און לעבט מיט כל אַ תענוגים, ער עסט גוט, און טרינקט גוט, ער שלאָפט גוט, און מאַכט זיך פון יענעמס פעל אַ גוטע קאָלדרע... ר׳ נתן איז מיר היינט עפּיס פרעהליך, עס וועט שוין מסתמא זיך טרעפען עפּיס איין אומגליק אין דער שטאָדט. ווי אַזוי ווערט מען געוואָהר, וואָס זיי שמועסען דאָרטען? איך בין זעהר ציקאַווע צו וויסען. (ער שטרעקט זיך אויס און פּרובט צוגעהן גאַנץ שטיל אויף די שפּיץ פינגער נעהענטער צו דער טיר, שטעלט זיך דערנאָך אַניעדער און שטרעקט אויס דעם קאָפּ, האַלט איין דעם אָטעם, הערט זיך צו אַביסעל און שפּרינגט באַלד צוריק אויף די שפּיץ פינגער) איך האָב מורא, כ׳לעבען! איך האָב מורא, מען זאָל חלילה נישט דערהערען, אָדער מען זאָל נישט פּלוצים עפענען די טיר.—וואָס טהוט מען אָבער, איך וויל דאָך פאָרט הערען, חאַפּען עפּיס אַ וואָרט? איך קען מיך ניט איינהאַלטען, עס געלוסט זיך מיר זעהר צו וויסען, (ער בייגט זיך און הייקערט זיך אַיין אין צעהנען, שאַרט זיך צו, ווי אַ קעצעלע אויף די נעגעל, צו דער טיר, לעגט צו איין אויער און הערט זיך צו עטליכע מינוט, דערנאָך רוקט ער זיך צוריק און ציהט זיך ביים צוריקגעהן אַלץ וואָס ווייטער מעהר אויס, ביז ער קומט צו אויסגעוואַקסען צו זיין בייגקעל) אָבער איצט האָב איך שוין געהערט, איך האָב געחאַפּט עטליכע ווערטער. גענוג פאַר מיר, דאָס איבריגע קען איך מיך שוין אַליין אָנשטויסען. די עטליכע ווערטער קומען מיר שטאַרק צו ניץ. בײַ מיר אין קאָפּ מאַכט זיך שוין גאָר אַ נייער פּלאַן, מען דאַרף איהם נאָך היינט אָבאַרבייטען (נאָך דעם אַז ער טראַכט אַביסעל) נו, איך

ענינים. עס איז שוין איצט מיט איהם נישט צו רעדען, ער איז שוין משוגע. אוי, נישטאָ קיין מזל! (ער געהט ארויס).

שטאַנדהאפּט. (זעצט זיך אַנידער נעבען טיש און טראַקטירט די נעסט מיט גוטע האוואַנער ציגאַרען) אַזוי, אַזוי, דענק איך, וועט עס מוזען טאַקע זיין.... אַי וואָס? מען וועט אַמאָל דערהייפּ שרייען, עט.... איך בין שוין צו אַזעלכע זאַכען געוועהנט געוואָרען. ניחאַי ליודי מאָוו, אַ יאַ זדראָוו.

נתן. ווער הערט יודען, אַז זיי שרייען? יודען חע חע! קען איך, זיי זענען נאָר ווי די קאַמאַרען, זיי נעהמען זיך צונויף זשוזשען, זשוזשען דאַכט זיך, נאָך שרעקליך, פּרוב נאָר אַ מאַך טאָן מיט דער האַנד, צופליהען זיי אין אַלע זייטען.

שינדער. וואָס אמת, איז אמת. ניט אומזיסט זייט איהר אַ ווילדער בורר! און אַ גוטער אָבמאַכער, טאַקע ווייל איהר קענט יודען.

נתן (שמייכעלט) חע, חע, חע; יודען זענען, דאַכט זיך, קלוג, עס זענען אָבער נאָך ניטאָ אַזעלכע נאַראָנים אין קיין אומה ולשון, וואָס מען טהוט זיי אָב איז פערפאַלען. פּרובט שטעלט זיך אַ שטיינער אין גלופּסק מיט אַ שטריק אויף דער גאַס, לאָזט קיינעם ניט דורך, ביז מען זאָל בעצאָהלען, וועט איטליכער געבען געלד, אַפילו אַ וואָרט נישט איבערצורעדען. איינער אפשר וועט זיך שטעלען אָבדינגען אַ קאָפּיקע. יודען, דאַכט זיך, זענען רחמנים, זייער רחמנות, אומ׳שטיינ׳ס געזאָגט, איז ניט ווערטה קיין שמעק טאַבעקע. בשעת אַ שרפה, אַ שטייגער, וועט איהר זעהן אַ סך יודען לייפען זיך צונויף אָהן אַ נשמה. ניט איינער פון זיי וועט אויסשטרעקען די האַנד צו דערלאַנגען אַ ביסעל וואַסער; נעכטען ערשט האָט אַ יוד גערייניגט די רינווע אַרום אַ דאַך. ער האָט זיך אַ גליטש געטאָן און איז געבליבען הענגען אין דער לופט, אָנגעהאַלטען מיט ביידע הענד אָן דער רינווע. אַ האַלבע שטאָדט אפשר איז זיך צונויפגעלאָפען, איטליכער האָט געקרעכצעט, געשריען און ניט איינער האָט געבראַכט אַ לייטער! חע, חע, חע! איך קען מיינע לייט.

שטאַנדהאַפּט. לאמיר דאָס איצט אַוועקלעגען אָן דער זייט און שמועסען בעסער פון עסק.

נתן (מיט אַ שמייכעלע) עס מוז אייך אַ פנים, אָהן עין־הרע, גאַנץ גוט זיין, ר׳ אַהרן, אַז איהר שלאָפט ביי טאָג? הע, הע, הע! (צו שינדערין) עסען זאָל ער אַזוי, ווי ער האָט געשלאָפען; ר׳ אַהרן איז אַ ממזר. חע, חע, חע! איך קאָן מיינע לייט.

שטאַנדהאַפט (צו נתן שיפרה׳ס און צו שינדערין) זיצט, זייט מוחל, מיר וועלען באַלד וויעדער איבערשמועסען מכח דעם עסק.

קנעכטבאַרג (דערווייל צו זיך אליין) ער איז איצט, געלויבט השם יתברך, אויפגעלעגט, און אַז עס איז יאָ איין עת רצון, וועל איך איהם שוין דאָ אויפגעבען טאַקע אַלע פלאַנען מיט אַמאָל, תאָמער וועט מיר היינט דאָס מזל געהן.

שטאַנדהאַפט. נו, ר׳ אַהרן!

קנעכטבאַרג. איך האָב מיט אַייך צו שמועסען מכח כמה וכמה ענינים. וואָס קענען זיין אַ טובה פאַר דער שטאָדט.

שטאַנדהאַפט. אויב איהר האָט כמה וכמה ענינים, קומטזשע צו מיר אין איין אַנדער צייט, איצט בין איך פערנומען, איהר זייט דאָך אויך מיעד און שלעפעריג.

קנעכטבאַרג. איך בעט אַייך, ר׳ יודעל, רחמים איך בעט אַייך, שענקט מיר אַ שעה צייט, אַז איך בין שוין דאָ, איך בעט אַייך, טהוט מיר די טובה!

שטאַנדהאַפט (גלעט די פאטעלניצע) מיין ליעבער ר׳ אַהרן, געהט אַייך היינט געזונטערהייד!

קנעכטבאַרג. נאָר אויף איין האַלבער שעה. טהוט מיר די טובה!

שטאַנדהאַפט. אַך, וואָס אַ יוד איז? איך בעט אַייך, מיין ליבער ר׳ אהרן, לאָזט מיך איצט צו רוה און געהט אַייך!

קנעכטבאַרג. האָט ניט קיין פאַראיבעל, איך געה. האָט אַייך אַ גוטען טאָג. (ער לאָזט זיך געהן צו דער טיר און וואָרטעט) איך האָב מיר אַליין אָנגעפייפט דערמיט, וואָס איך האָב געזאָגט כמה וכמה

נאָר פאַר אַ שמעניע היי. וואָס דאַרף דען אַ קעלבעל מעהר האָבען?— קעלבעלעך זיינען דאָ ברוך השם זעהר גענוג, איהר וועט זיי געפינען דווקא אין די הויכע טויערען, זיי מעקען נאָך דער ברוסט און ווילען נעבעך עסען... און ווייטער, ווי זאָגט איהר, ר׳ נתן, איהר זייט דאָך אַ שטאָדט־בורר, וועט איהר בעטען דעם צד, וואָס איהר האַלט מיט איהם, ער זאָל מיט אייך אויך האַלטען און זיצען ביי די ספּראַוואָטשנע צענעס . . .

נתן. פון קינדווייז אָן האָב איך ליעב עקאָנאָמיע, דאָס איז זעהר אַ גרויסע זאַך. מען וועט דאַרפען זעהן אַיינצוברענגען פון דער זייט אויך אַ גראָשען. איך מיין, עס וועט ניט שאָדען, כ׳לעבען, מען זאָל פון דרויב, פון קעפּ און פון פיס וכדומה אויך נעהמען אַקציז, ווער ווייס דען, וואָס על פי זאַקאָן טאָר מען דערפון ניט נעהמען? און פאַר וואָס טאַקע אויך ניט פון שמאַלץ? לפחות אַ קערבעל פון דעם פוד. אַ קאַטאָוועס עפּיס, וויפיעל פוד שמאַלץ ווערט אַ יאָהר אין גלופּסק אַריינגעפיהרט! אָט נעהמט אַ פּסח, וויפיעל הונדערט פוד, מיינט איהר, וועט אריינגעפיהרט ווערען האַ? דאָס קען מאַכען ווידער אַ גרויסע סומע, און קיין האָהן אַפילו זאָל ניט קרעהען! מען וועט הייסען ביי דער ראגאטקע צאָהלען, חאָטש מען דאַרף אייגענטליך ניט וועט מען צאָהלען.

שינדער. זעהט איהר, וואָס גלייך איז גלייך, איך האַלט אויך זעהר פון עקאָנאָמיע. איך וויל אַייך נאָך בעסערס עפּעס זאָגען, מען דאַרף נעהמען טאַקע אַקוראַט דאָפּעלט, ווי די פּאָלאָזשענע, שחיטה געלד פון גסות ודקות און פון עופות. דער וואָס עסט עופות, איז ניט קראַנק צו צאָהלען עטליכע קאָפּיקעס מעהר! און איהר קענט אַייך משער זיין, וויפיעל געלד דאָס קען אַ יאָהר אַריינטראָגען? האַ? מיין ליבער ר׳ נתן! וואָס זאָגט איהר.

נתן. וואָס זאָל איך זאָגען? איהר זאָלט דערלעבען משיח! וואו געפינט מען נאָך ערגעץ אַזאַ ר׳ יוסעל? אַז עס איז שוין יאָ געקומען צו רעד, וועל איך אַייך אויפגעבען נאָך אַ פּלאַן, ווי אַזוי עס קען ווערען אַ קערבעל. מען דאַרף זעהן, אַז די פעדערען פון אַלע עופות זאָלען עפּעס אויך אַיינטראָגען. איטליכער, וואָס קוילעט איין אוף, מוז ביי דעם שוחט אין שטוב אָפּפליקען די פעדערען, נישט

שינדער. פאַרקעהרט, דאָס וואָב ר׳ נתן האָט ביז איצט גערעדט, ניצט טאַקע צום עסק, זיי רעדען ווי אַ גענייטער, ווי אחכם. פון זייערע רעד קענט איהר אַרויסזעהן, ווי גוט איך האָב געראַטען, אַז מען זאָל דערווייל נאָך אָהן מורא אַרויפציהען אויף דעם מקח פון פלייש. יענעם מאַכט, כ׳לעבען, ניט אַזוי שטאַרק אויס, אַז ער גיט אויף דער אָקע נאָך אַפּאָר קאָפּיקעס און פאַר אונז מאַכט עס טאַקע אויס גאָר אַ גרויסע סומע. עפעס אַ קאַטאָוועס אַזאַ גרויסע שטאָדט יודען, זאָלען זיך פרוכפערען!! די הצטרכות זענען זעהר גרויס.

נתן. און אַז מען וועט נעהמען די טאַקסע אויף ווייטער בזה האופן, ווי מיר האָבען ערשט געשמועסט, וועט מען מעגען אַרויפציהען נאָך אַ קאָפּיקע אויף דער אָקע. וואָס איז אַ קאָפּיקע? אי וואָס, מען וועט שוין ניט דאַרפען מעהר צאָהלען פאָדאַטע פון דעם קעסטעל? נו מיילא, וואָס מאַכט עס אויס? יודען דאַרפען אָהן דעם אויך אַ סך האָבען.... און וואָס איז, אַזוי׳שטיינ׳ס געזאָגט, אַ קאָפּיקע?

שינדער. איך טראַכט שוין דאָס אַליין אויך, וואָס איז אַ קאָפּיקע? אַפילו צוויי?

שטאַנדהאַפט. אַ קאָפּיקע איז טאַקע גאָרנישט. פון דעסטוועגן וועלען זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלען שרייען. איהר אַליין וואָס ווייניגער און זיי טאַקע אַלץ שרייען. פאַר יודען ווילט איהר יוצא זיין? משה רבנו האָט מיט זיי נישט געקענט אויסקומען.

נתן (מיט אַ שמייכעלע) ווען אַ שעפּעלע שפּאַרט זיך אַ ביסעל איין, מעקעט. דריגעט מיט די פיסלעך, דאַרף מען עס נאָר געבען אַ שמיצעל, חע, חע, חע! וועט עס זיך געהן גאַנץ שטיל. אויב עס שרייט ווידער, נאָך און נאָך אַ שמיצעל ביז די כחות וועלען איהם אויסגעהן און עס וועט אַנידערפאַלען, אויסגעצויגען מיט דעם פיפּעק אַרויף, חע, חע, חע!

שינדער. עס פערשטעהט זיך, אַז מען קען ניט מיט גוטען, מוז מען מיט בייזען... בשעת מען וועט דאַרפען מאַכען ספּראַוועטשנע צענעס אויף דעם פלייש, וועלען מיר, ווי פריהער טאַקע, אויסקלייבען פון דער סטאַדע אַ פּאָר קערבלעך, הונגעריגע פאַרשיינען, וועלען זיי מסתמא שטעלען גוטע צענעס. פאַר אַ קלייניגקייט, כ׳לעבען, טאַקע

פון אַ שייגעץ, ביי אונז וועט ער ערשט ווערען גאָר איין אַנטיק. ער וועט סלוזשען, אָנפּאַלען און וועט מיט דער צייט שטאַרק צו ניץ קומען.

שינדער. לֿמאַי נתן פרעכמאַן, ער איז אויך זעהר גראָטען קען שטאַרק ניצען דער שטאָדט. די שטאָדט וואָלט פון איהם געקענט האָבען טובות. פאַר וואָס זאָל די שטאָדט ניט מחזיק זיין אַזאַ נוצליכען מענשען? ערשט היינט איז ער ביי מיר געוועזען און האָט שטאַרק מתרעם געוועזען אויף דער שטאָדט.

שטאַנדהאַפט. וואָס מיינט איהר? מען האָט איהם אפילו געדאַרפט טאַקע מחזיק זיין, ער האָט אַ געמבע, אַ פּיסק אויף שרויפען און קען אַמאָל זעהר צו ניץ קומען...

נתן. מסתמא וועט מען איהם שוין אויך אין זינען האָבען, ער איז דאָך מיין פרעכמאַן... מיר קענען שוין, דאַכט זיך, געהן, עס איז איצט ביי מיר פונקט די צייט פון מיטאָג.

שטאַנדהאַפט. וואַרט נאָך אַביסעל, ר׳ נתן, איך וועל געהן אייך געבען עטליכע האָלענדער הערינגלעך פון די, וואָס געפעלען אייך, איהר זייט דאָך אַמבין אויף עסען. (ער געהט).

נתן (שטילערהייד צו שינדער׳ן) איך מיין, מען זאָל שטאַנדהאַפטען אָבגעבען אין דער אַרענדע צו פרעכמאַנען. שטאַנדהאַפט, אומ׳שטיינ׳ס געזאָגט, מוז דאָך אַבלויז תמיד זיין ביי עמיצען אויף דער אַרענדע. זאָל איהם זשע לכל הפחות פון היינט אָן האַלטען מיין פרעכמאַן. עס וועט אין כמה אופנים זיין גוט, מיר דאַרפען ניט פערגעסען, מיט וואָס פאַר אַמין מענשעלע מיר האָבען צו טאָן. שטאַנדהאַפט איז קלוג, מיר דאַרפען אָבער קליגער זיין. חע, חע, חע!

שטאַנדהאַפט (קומט אריין) נאַט אייך, ר׳ נתן, עטליכע הערינג אין דעם פּאַפּיער, זיי וועלען אייך מאַכען אַ גוטען אַפּעטיט.

נתן. אַ שיינעם דאַנק אייך. איך האָב ברוך השם תמיד אַ גוטען אַפּעטיט (ער נעהמט די הערינג, געזעגענט זיך און געהט מיט שינדער׳ן).

* * *

טאָרען זיך איבערצולאָזען זיך אַ פלעדעראָוויש, באם ניט, זאָל דער שוחט מאַכען תנועות און זאָל ניט שעכטען דאָס עוף. — ווייטער, דער עולם עסט די גרויסע גאַלאַנסקע היהנער, זיי וועגען מעהר פון די פראָסטע אפשר מיט אַ פאָר פונט, און שחיטה געלד צאָהלט מען פאַר זיי אַקוראַט ווי פאַר די פראָסטע, בכן איז דאָך אונז אַ פאָדריוו, דאַרף מען זוכען אַ מיטעל, מען זאָל די היהנער ניט עסען.

שטאַנדהאַפט. יאָ, עס נעהמט מיר אין קאָפּ! וואָס פאַר אַ מיטעל אָבער טהוט מען דערצו? (מיט א שמייכעלע) זעהט איהר, דערצו האָט מען שוין נעדאַרפט האָבען ר' אהרן'ן, ער איז אַ בריה אויף אַזעלכע זאַכען.

נתן. מיר וועלען זיך קענען בעגעהן אָהן איהם. זעהט איהר, דאָ מוז מען שוין אַביסעל בענוצען יודישקייט, מען מוז ווערען גאָטס סטראַפטשעס, אָבהיטען יודען פון אַ מכשול, פון אַ חשש טרפות. אין עקאָנאָמיע דאַרף פרומקייט אויך עפּיס איינטראָגען, ניט זיין קיין לעגער=סחורה. גאָט ניצט אויך, אַז ער ניצט... חע, חע, חע! פאַרשטעהט איהר? מען וועט דאַרפען אָנזאָגען די דיינים, אַז זיי זאָלען אסר'ן די דאָזיגע פראָקליאַטע היהנער.

שטאַנדהאַפט. אומזיסט זאָלען אונז די באַנקקוועטשערס קאָסטען געלד, פאַר וואָס נעהמען זיי ביי אונז געלד, אונזער בלוט? אונזער נויט נאָר האַלט דאָך אין שטאָדט אַזאַ מחנה לעדיגגעהער!

שינדער. זייט, כ'לעבען, ניט אין כעס אויף די דיינים נעבעך! זיי זענען גאַנץ עהרליכע יודען, זיי פאָלגען, וואָס מען הייסט זיי... מסתמה וועלען זיי דאָס אויך טאָן. טאַן, ווי איך בין אַ יוד, טאָן! זעהט איהר, אָט מיט די הולטאַיעס, מיט די יודישע סאָלדאַטען וואָלט זעהר רעכט געוועזען צו לעהרנען בלק. פאַר וואָס זאָלען אַזעלכע הולטאַיעס עסען פלייש אָהן טאַקסע? און אויב אַפילו עס איז דאָ אַזאַ זאַקאָן, נו מאַלע וואָס שטעהט? מאַלע וואָס מען הייסט? מיר דאַרפען אונזער שכל האָבען.

נתן. נאָך מיין מיינונג וואָלט אפשר ניט געשאַדט. אַז בעת מיר וועלען אָם ירצה השם איינפיהרען אונזער עקאָנאָמיע, זאָלען מיר צו זיך צולאַטשען מענדעל דעם געלען, ער האָט אַלע פאָסטעמקעס

פינפטער אקט.

ווייבער. מיר פליקען, עס זענען שוין פול די ביטען, נאַט זעהט, זעהט!

איין יודענע. נאַט אַייך מיין האָהן, ער איז אָבגעפליקט גלאַט ווי בערעל פאַרכס קאפ!

צווייטע יודענע. נאַט אַייך מיין הוהן, אָהן אַ סימן פעדער!

דריטע יודענע. נאַט זעהט ביי מיר! מיינע איז גלאַט ווי די מאַמע האָט זי געהאַט!

פיערטע יודענע. נאַט קוילעט מיין קאַטשקע, איך האָב זיי שוין אָבגעפליקט!...

פינפטע יודענע נאַט אַייך דעם הינטער־חלק פון מיין אינדיק!

דער שוחט (טרייט אויף א מיידעל) דראַבקע, וואָס האָסט דו איבערגעלאָזט אַ פלעדערוויש! חאַפּט זי, די גנב׳טע, די הולטייקע, איך וועל דיר אויסרייסען די צעפּ, דראַבקע, גנב׳טע, גנב׳טע!

דאָס מיידעל. פאַר וואָס פליקט שיינדעל אַייך ניט אָב די עופות? פאַר וואָס איז שיינדעל ביי אַייך אַזאַ מיוחס?

איין קעכנע. שיינדעל איז אַ שען מיידעל!

צווייטע קעכנע. שאַ! מען טאָר גיט אויסזאָגען פון דעם חדר!

אַייזיק זאַאיקע (שטופּט זיך דורך צווישען דעם עולם צום שוחט מיט אַ גרויסען גאַלאַנסקען האָהן אין דער האַנד) קוי — קוי — קוילעט מיר דעם האָהן!

דער שוחט (קוקט אָן דעם האָהן) מיין ליעבער יוד, דעם האָהן וועל איך אַייך ניט שעכטען.

אַייזיק. פאַ—פאַ—פאַרוואָס דעם האָהן ניט שעכטען?

דער שוחט אַ שענער יוד, כ׳לעבען! עד וויל עסען אַ גאַלאַנסקען האָהן, אַ טריפה האָהן!.... אַ שהנער יוד, כ׳לעבען!

ווייבער. טרפ׳ניאַק, טרפ׳ניאַק! ער וויל עסען אַ טרופה האָהן!

פינפטער אקט.

דאָ ווערט פאָרגעשטעלט אַלע זאַכען, וואָס קומען פאָר
בי די נייע מיני בעלי־טאַקסעס. *)

ערשטע סצענע:

בייא דעם שוחט אין שטוב, אין דער פריה, ווייבער, מיידלעך זיצען און פליקען אָב עופות איבער גרויסע ביטען. אויף דער ערד ליעגען היהנער, אַטשקעס, גענז, אינדיקעס און שרייען מיט אַלערלייא קולות, עס איז אַ געשרייא, אַ געשטופעריי, אַ געשערמעריי.

אייזיק זאַאיקע קומט אַן.

דער שוחט (האלט א חלף אין דער האנד) פליקט! לאָזט ניט איבער קיין איין פעדער!

---

*) אמר ר׳ מענדעלי: אין דעם אַקט קומען פאָר אַזוי פיעל זאַכען אין שרעקליבע מעשׂיות, אַז איך האָב געמוזט אַ סך איבערהיפּען. ראשית, האָב איך ניט געהאַט אַזוי פיעל געלד דאָס אַלצדינג מיט אַ מאָל אָבצודרוקען, צווייטענס האָב איך טאַקע ניט געוואָלט אַרויסגעבען אַ דיק ביכעל, מחמת אַ יוּד האָט פיינט צו צאָהלען פאַר אַ ביכעל אַ סך געלד. ער האָט אין מקח אַי פאַר אַ דינס, אַי פאַר אַ גראָבס. איך בין מבטיח דעם עולם, אַז ווי באַלד איך װעל אָבלייזען פאַר דער דאָזיגער מעשׂה, וועל איך איה״ש אָבדרוקען אין אַ בעזונדער ביכעל די אַלע סצענעס, וואָס איך האָב איבערגעהיפּערט.

צווייטע סצענע.

(אין בית־המדרש, אין דער פריה, נאָך דעם דאַווענען. דער דיין זיצט אויבענאָן אין טלית און אויף דעם שטענדער פאַר איהם איז אָפען אַ גרויסע גמרא. איזיק זאַויקע שטעהט אַנטקעגען דעם דיין. עטליכע יודען דרעהען זיך אַרום און דערקאָנטשען זיך דעם דאַווענען).

אַייזיק. איך האָב מיך ניט געפוילט! איך האָב פאַרזעצט מיין שבת'דיגע קאַ=קאַ=קאַ=פּאָטקע און איך בין אַביסעל געפאָהרען, צו=פוס קיין לעמבערג און האָב געבראַכט פון די „מפרשי הים" כאַ=כאַ=כתוב והחתום. אַז די גאַ=גאַ=גאַלאַגאַנסקע היהנער מעג מען עסען, זיי אַליין עסען אויך די היהנער.

דער דיין. עס איז אָבער דאָ אַ דעה, אַז מען טאָר די היהנער ניט עסען.

אַייזיק. ס=ס=טייטש! עסען אַפּנים די ג=ג=אונים, די מפרשי הים און די גאַנצע וועלט יודען טרפות? נאָר דאָס שוין אָהן אַ ז=ז=ייט. זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַר וואָס האָט איהר פּ=פּ=ריהער ניט געהאַלטען פון דעם? דאָס איז ערשטענס, און צווייטענס, ווייזט מיר די דעה! אָט זענען דאָ יו—יו—דען, וועלען זיי אויך זעהען.

די יודען. טאַקע באֱמת, רבי, דער יוד איז דאָך גערעכט: ווייזט איהם די דעה.

דער דיין. זאָל ער קומען צו מיר אַהיים.

אַייזיק. דאָס אֵייגענע האָב איך שוין פון איהם געהערט אַמאָל פּ—פּ—פּופציג, נאָך אֵיידער איך בין געגאַנגען קיין לעמבערג, ער וויל מיך אָ—אָ—אָבנאַרען.

דער דיין (מיט אַ געשריי) תרבות! דרך ארץ!

די יודען. מסתמא, ר' יוד, אַז דער דיין זאָגט, האָט ער אַ דעה.

אַייזיק, עס פאַרשטעהט זיך, ער האָט אַ דעה. דעם פּ—פּ—פּראָיעקט'ס דעה! אָט ווי אַזוי בייַ יודען ווערט פּ—פּ—פּלוצים אַ דין, אַ מנהג!....

דער גאַלאַגאַנסקער האָהן (קרעהט) קוקוריקו! קוקוריקו!

אייזיק. פאַר וואָס איז. אַ גאַ-- גאַ-- -גאַלאַנסקער האָהן טריפה? ער קרעהט דען ניט ווי אַלע אַנדערע?

דער שוחט. דאָס, זייט מוחל, געהט פרעגט דעם דיין!

אייזיק אין דער דאַ—דאַ--דיין האָט מיך געשיקט צו אַייך.

דער שוחט (מיט מוסר) ווי שעמט זיך ניט אַ ייד צו בעטען, מען זאָל איהם שעכטען אַ טרפה'ן האָהן ?! אַזאַ אַיין אַלטער יוד מיט אַ באָרד!

וויבער. דערנאָך זאָלען שטאַרבען אונזערער קליינע קינדער פאַר זיינע חטאים, צו ליעב זיין טרפה קישקע!

אייזיק. פאַ-פאַ-פאַר וואָס עסט מען אַזעלכע היהנער אומעדום? און פאַר וואָס האָט מען זיי געגעסען פ-פ-פריהער טאַקע אויך דאָ?

דער שוחט (מיט כעס) בראש פרעגט ער שאלות, די גאַנצע שטאָדט מאַכט ניט קיין שאלות. אַז מען זאָגט, מען טאָר ניט, טאָר מען ניט. מסתמא טאָר מען ניט, וואָס פרעגט איהר דאָ שאלות? אַ חרפה, אַ בושה, כ'לעבען, שעמט אייך אין אייער ווייטען האַלז!

אייזיק (נעלאַבען) אַז איך פאַ—פאַ—פאַרשטעה ניט, האָב איך מיך פיינט צו שעמען און פ—פ—פרעג.

דער שוחט (מיט יראת שמים) אַזוי? ! אַ שענער יוד, כ'לעבען, ער פרעגט!..... אָט, כ'לעבען, לאָזט מיך צורוה און געהט אַייך, געהט! איך האָב אָסור ניט קיין צייט מיט אַייך דאָ צו טענה'ן. (ער ווענדעט זיך צו די ווייבער) פליקט, ווייבער, פליקט!

(די ווייבער לאָזען אַרויס אַ געלעכטער, אייזיק שטעהט אַ ביסעל און קוקט אָן דעם שוחט, די ווייבער, די ביטען מיט פעדערען און געהט אַוועק מיט דעם האָהן אין דער האַנד).

ווי אַזוי מען בערייסט זיי פראָטיוו דעם זאַקאָן!

שטאַנדהאַפּט. נישט אויסצוהאַלטען פון די לעדיגגעהער, פון די קבצנים, פון די עזות־פּנימ׳ער.

פרעבמאַן. וואָס הערט איהר, שטאַנדהאַפּט, די עזות־פּנימ׳ער? (ער מאַכט אַ קולאַק) זעהט איהר, מיין איין קולאַק איז גענוג פאַר אַזאַ זאַאיקע! אַמאָל האָב איך איינעם געגעבען אַ סטיסאַק, האָט ער זיך באַלד בעוואַשען מיט בלוט און איז טאַקע אין עטליכע טעג אַרום געשטאָרבען אין באָלניצע. איך זאָג אייך, אין אַזאַ יודישע שטאָדט ווי אונזערע, העלפט נאָר אַקולאַק... אויך מיר אַ זאַך זאַאיקע! אַזאַ דאַר יודעל, נאָר הויט און ביין!...

נתן שיפרה׳ס. וואָס וויל דער זאַאיקע? אַלץ טאַקע מיט די היהנער? — אַי, יודען, יודען, וואָס מען שטעהט פון אייך אויס! זינט יודען זענען אַרויס פון מצרים, האָבען זיי אַלץ צו טאָן איבער דעם פלייש. מען הערט נישט מעהר שרייען נאָר פלייש און פלייש! קאַרג פאַר זיי עסקים מיט פלייש אויף דער וועלט, האָבען זיי זיך נאָך אָנגעגרייט אַשור הבר אויף יענער וועלט. חע, חע, חע!

שינדער. גאָט אַליין, ב׳לעבען, וועט מיט זיי דאָרטען נישט אויסקומען. איטליבער וועט וועלען דעם חלק, וואָס מען גיט דעם אַנדערען. אָרעמע לייט וועלען פערלאַנגען גאָלע פלייש אָהן ביינער. הכלל, מען וועט זיך בלאָזען, מען וועט שרייען, אַקוראַט ווי דער ערב רב! (די טיר עפענט זיך אויף און דער דיין קומט אַריין).

דער דיין. גוט, רבותי, וואָס איהר אַלע זייט דאָ! וואָס טהוט מען מיט דעם זאַאיקע? ער לאָזט דאָך מיך ניט אָטעמען, אַלץ מכח די גאַלגאַנסקע היהנער, פאַר וואָס האָט מען זיי דאָ גע׳אסר׳ט? איך האָב איהם אַלץ מדחה געווען און געצויגען ביז עס איז נאָר מעגליך געווען.

שטאַנדהאַפּט. נו יישר כח! ציהט איהם טאַקע נאָך ווייטער אָב, דאָס איז שוין אייער זאַך, איהר וועט שוין וויסען, ווי אַזוי.

דער דיין. גאָט איז יודע דעם אמת. איך האָב געטאָן, וואָס עס איז נאָר מעגליך געווען. איך האָב זיך געמוטשעט טרפה מאַכען

דער דיין. אַפּיקורוס! הערט נאָר, וואָס דער אַפּיקורוס זאָגט!

אַייזיק. אָבער אבי ניט קיין צ—צ—צבוע׳ק. איך האָב ליעב דעם אמת און ש—ש—שווינדעל ניט מיט דער תורה.... אדרבה זאָ—זאָגט נאָר, איך וויל אַייך עפּעס פּרעגען; אויב די גאַ—גאַ—גאַלגאַנסקע הינער זענען טרפה, דאַרפען דאָך זייערע אֵייער אויך זיין טרפה, אַזוי ווי די אֵייער פון אַלע עופות טמאים, היינט פאַר וואָס זשע קויפען יודען אייף דעם מאַרק אֵייער סתם און קוקען גאָרנישט דערויף פון וועלכע מיני היהנער זיי זענען? האַ, וואָ—וואָ—וואָס זאָגט איהר דערצו? (ער באַבּרעט זיך אין געהמט ארויס פון דער קעשענע עפּיס איינגעוויקעלט אין א טיכעל) אָט זענען היהנערשע אֵייער? אדרבה דערקענט, וועלכע אייער זענען דאָ גאַ—גאַ—גאַלגאַנסקע? —— אָט הערען יו—יו—יודען, איך געה פון דאַנען ניט אַוועק ביז איך וועל ווי—ווי—וויסען אַיין עק אַ סוף!

דער דיין (רייבּט די האַנצעם פאר נריאַטע) געהט שוין, געהט! איהר וועט פון מיר היינט האָבען אַ קלאָרע תשובה. קומט צו מיר פאַר מנחה. בנאמנות, היינט וועט איהר האָבען אַ תשובה.

אַייזיק. נו, אַז אַ יוד שווערט אין שוהל נעבען אָרון קדש, מ—מ—מוז מען גלויבען... איך וועל מיך נישט פּ—פּ—פּוילען און קומען צו אַייך פאַר מנחה. (ער געהט אַוועק).

דער דיין (מיט אַ קרעכץ צו זיך אליין) היינט, רבונו של עולם, וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? ווי אַזוי איז מען דאָ יוצא פאַר ביידע צדדים? קיין פּשרה, ווי איך זעה, וועט דאָ ניט העלפען. ער וויל ניט קיין געלד..... אַך רבונו של עולם! וואָס טהוט מען?

(ער מאכט צו די גמרא, לעגט צונויף דעם טלית און געהט אַרויס.)

דריטע סצענע.

שטאַנדהאַפט מיט זיין כּנופיא, דער דיין, טענדעל דער געלער, ביי נתן שפרה׳ס אין הייז.

פּיאַווקין. הערט נייעס! אַייזיק זאַאיקע געהט אַרום אין דער שטאָדט מיט אַ קאָנטראַקט פון דער טאַקסע, און קלערט אויף דעם עולם

אויף מיר. איך האָב איהם שוין אין זינען.— מען דאַרף איצט בעסער שמועסען מכח די וויבאָרעס און מכח דער דומע, זי זאָל זיך חלילה ניט אַרויסגליטשען פון אונזערע הענד. מען דאַרף טראַכטען בייצייטענס אַריינצוזעצען דאָרטען אַ גלאַסנע פון אונזערע מענשען.... וואַס זיצט איהר עפּעס אַזוי מרה=שחורה׳דיג, ר׳ איצע וואָלף? וואָס שווייגט איהר?

ספאָדיק. (מיט אַ קרעכץ) עס איז היינט ניט מיינע זיעבען יאָהר! עס איז בעונותינו הרבים אין היינטיגען דור נתרבה געוואָרען אַזוי פיעל הולטאַיעס, אַזוי פיעל עזות=פנים׳ער, אַז מען מוז אַמאָל זיצען און שווייגען. ס׳טייטש, האָט מען דאָס אַמאָל געהערט אָדער געזעהן? אַלץ וואָס די שטאָדט האָט געטאָן איז געוועזען געטאָן.... און היינט, אָך וועה איז מיר! די האָר שטעלען זיך פשוט — קאַפּויר. עס איז היינט טאַקע נאָר משיח=צייט!

פרעכמאַן. טאַקע שוין זעהר פיעל עזות=פנים׳ער אין דער שטאָדט. ניטאָ די אַמאָליגע יאָהרען!

פיאַוווקין (צו זיך אַליין אָן דער זייט) מיר דאַכט זיך, אַז האַלטען היינט שטאַנדהאַפטען אויף דער אַרענדע איז אַ סך בעסער, ווי צו זיין אַ משרת אין איין אַכסניא....

שינדער. אַרחמנות, כ׳לעבען, אויף דער שטאָדט! דערווייל ליידט נעבעך די שטאָדט, מען בעזאָפּאָקאָיעט זי מיט דאַנאָסען! באמת טאַקע האָט מען געדאַרפט טראַכטען מכח דער דומע.

ספאָדיק. מיין עצה וואָלט געוועזען, מען זאָל דאָרטען אַריינזעצען פיאַוווקינען פאַר אַ גלאַסנע. פערשטעהט איהר?

די כנופיא. מיר פערשטעהען, מיר פערשטעהען, פאַר וואָס זאָלען מיר ניט פערשטעהן?

פיאַוווקין (מיט ענוות) ווענינ שרייען אויף מיר די הולטאַיעס, וואָס איך בין אַ פּאָוויערענע? ווער זשע וועט מיר נעבעך וועהלען נאָך פאַר גלאַסנע?

שטאַנדהאַפט און **ספאָדיק** (ביידע אינאיינעם) עט, נאַרישקייט! ווער וועט דען צולאָזען די הולטאַיעס צו אַ וויבאָר? ווער זע=

העוף הזה בק"ן טעמים און האָב מיך אין איין שאַלת תשובה אַזוי צולאָזט מיט פלפול, ביז עס אויסגעקומען, אַז אַגלגאַנסקער האָהן איז נאָר אַ מין אָדלער!... נאָר דער זאַאיקע אָבער האָט זיך ניט געפוילט און האָט געבראַכט פון די „מפרשי הים" כתיב וחתום, אַז די היהנער מעג מען עסען, זיי אַליין עסען זיי אויך. אַנטקעגען אַזעלכע גאונים, פערשטעהט איהר דאָך אַליין, העלפען ניט מעהר אַלע תנועות. איצט זאָגט מיר, רבותי, וואָס זאָל איך נעבעך טאָן? איך האָב געשוואָרען, בהן שלי, אַז היינט פאַר מנחה זאָל איך געבען זאַאיקען אַ קלאָרע תשובה. זייט זיך טאַקע באַלד מיישב און גיט עפּים איין עֵצה.

נתן (נאָכדעם אַז ער האָט אַ ביסעל געטראַכט) עס איז דאָ אַ גוטע עֵצה! אין ברירה, זאָל מען זיך שעכטען די היהנער, נאָר באופן זה, אַז איהר, רבי, זאָלט מזהיר זיין די שוחטים, פערשטעהט איהר, אַז זיי זאָלען איטליכען, וואָס קוילעט אַזעלכע היהנער, זאָגען בזה הלשון: „מיר שעכטען אייך דאָס עוף, וואָס זאָלען מיר טאָן? נאָר די עבֵרה נעהמען מיר ניט איבער אונז." אויב דער וואָס קוילעט איז אַ בעל שמחה, זאָלען די שוחטים דערפון מעלדען עטליכע געוויסע אונזערע מענשעלעך, וועלען זיי אויף דער שמחה ניט וועלען עסען. ר' איצע וואָלף וועט אויך גאָר נישט וועלען פערזוכען אויף דער שמחה, היינט פערשטעהט איהר, וואָס דערפון קען זיין? הע, חע, חע! איך קען מיינע יודען.

די כנופיא. מיר פערשטעהען עס זעהר גוט. אויף אַזאַ עצה קען טאַקע נאָר פאַלען אַ בורר!

דער דיין. געלויבט איז השם יתברך! איצט מעג איך מיר שוין אַ פנים געהן! אַ גוטען טאָג! (ער געהט אַרויס).

שטאַנדהאַפט. ר' נתן, מיט דעם זאַאיקע האָט מען גע־דאַרפט לעהרנען בלק!

פרעכמאַן. ער איז געוואָרען צו אַ גרויסער עזות פנים. ווער איז ער אַזוינס?

נתן. בע.... מסתמא וועט מען איהם אויך פערטראַכטען. וואָס הערט די שטאָדט אַזאַ זאַאיקע? חע, חע' חע! פערלאָזט זיך נאָר

שוין אין דער גרגרת! צוואַנציג טויזענד רובל זאָל מיר קאָסטען מוז איך איהם פערשיקען. ער טויג מיר כלל דאָ ניט אין דער שטאָדט!...

פרעכמאַן. ערגערט זיך ניט אַזוי, שטאַנדהאַפט! וואָס הערט איהר אַזוי איין וועקער? וואָס הערט איהר, די שטאָדט, אַזוי איין עזות־פנים?... (מענדעל דער גלעזער קומט אריין).

מענדעל דער גלעזער (שטיל צו נתן שיפרה׳ס) איך האָב איהם געבראַכט. עס וועט געהן!

נתן. געה זאָג איהם, ער זאָל אַביסעל אויסוואַרטען, ביז איך וועל מיך דאָ אָבפאַרטיגען. (מענדעל געהט ארויס).

די כנופיא. מיר קענען שוין געהן. האָט נאָר, ר׳ נתן, אין זינען וואָס מיר האָבען.

נתן. זאָרגט ניט, דאָס איז שוין מיין עסק. פערלאָזט זיך נאָר אויף מיר! (די כנופיא צוגעהט זיך).

פינפטע סצענע.

(נתן שיפרה׳ס, דערנאָך מענדעל דער גלעזער און אברהמ׳ל גריגסאָן.)

נתן (צו זיך אַליין) וואָס פאַר אַ טרוס דער שטאַנדהאַפט איז! קוים דערהערט ער דאָס וואָרט פראָשעניע, אָדער גובערנאַטאָר, ציטערט איהם שוין דאָס הייטעל, עס ווערט איהם בלוי אונטער די זעבּרעס! צוואַנציג טויזענד רובעל, זאָגט ער, זאָל איהם קאָסטען, אַבי פערשיקען וועקער׳ן. עט, איך מיין, אַפילו מעהר וועט אויך ניט העלפען! וועקער איז בעקאַנט פאַר איין עהרליכען מאַן, די וועלט קען איהם אַ סך מעהר ווי שטאַנדהאַפטען. ער האָט אַ גוטען שם. איך אַליין, כ׳לעבען, שעץ וועקער׳ן און האָב תמיד ליעב געהאַט מיט איהם זיך אונטערהאַלטען איבער וועלטזאַכען. איך אַכטע איהם אַפילו היינט אויך אין האַרצען. נאָר אַך, וואָס פרנסה איז! זינט איך האָב מיך איבערגעגעבען דער טאַקסע, מוז איך איהם בעטראַכטען פאַר אַ שונא, וואָרום ער איז דאָך געבעך טאַקע אַ מבין אויף די אַלע זאַכען און זוכט דעם

נען די עמי הארצים, די בעלי מלאכות, די דראַבעס, די קבצנים? איהר מיינט אין אמת, אַז עס איז הפקר די וועלט? מיר האָבען די דעה!.... מיר וועלען מאַכען אַ הונדערט איזביראַטעלעס פּאָ פריגאוואָרו פון אונזערע לייט. שרייבט אָן, ר׳ ראובן, איצט טאַקע דעם פרינגאָוואָר, געהט דערנאָך אַריין אין קהל־שטיבעל, און התימות וועט איהר בעקומען פאַרטיגע... מעהר קיין דאַגות זאָלט איהר ניט האָבען! אָט אַזוי וועט עס זיין געשווינד און גוט.

פרעכמאַן. איהר האָט געהערט? דער גובערנאַטאָר דאַרף די טעג אַהער קומען. מען דאַרף נייטיג בעוואָהרענען, אַז די עזות־פּנים׳ער זאָלען איהם חלילה ניט געבען קיין פּראָשעניעס, דער גובערנאַטאָר, זאָגט מען, איז זעהר אַ סטראָגער, קוקט אַלצדינג מיט זיינע אויגען. מען דאַרף פערהיטען, אַז די עזות־פּנים׳ער זאָלען צו איהם ניט האָבען קיין דריסת הרגל.

פיאַווקין. דאָס איז שוין אונזער עסק. מיר האָבען שוין דערצו תמיד תחבולות... פערזאָרגט בעסער זאַאיקען. איך זאָג אייך, ער איז אַ פייער, ער דאָקאָפּאַיעט זיך גאַנץ ווייט. ער געהט אָפּט צו שלמה וועקער.

נתן (גיט אַ קרעכץ) אָך דער שלמה וועקער, דער וועקער! ער איז מיר ווי אַיין ביין אין האַלדז. ווען ער דערזעהט מיך פאָהרענדיג אויף מיין דראָנשקע מיט די פערד, וואָס איך האָב מיר געקויפט בשעת איך בין אַריינגעטראָטען אין דער טאַקסע, גיט ער אויף מיר אַקוק עפּיס מיט אַזוי אַ פּאָר אויגען, מיט אַזוי אַ שטעכעדיגען שמייכעלע, אַז עס ווערט מיר קאַלט אין בויך! האָט מיר ניט קיין פאַראיבעל, פּאַני שטאַנדהאַפּט, איהר האָט פריהער ניט פערשטאַנען וועקער׳ן, מיר האָבען איהם צו פערדאַנקען אַ סך פון אונזערע צרות. איך האָב מורא, ער זאָל אונז חלילה אַמאָל ניט אָנרייבען אַ מאָרדע!

שינדער. ווער? ער אַמאָרדע?! עט, כ׳לעבען! ער איז דאָך אַ דייטשעל? דאַרף מען איהם אַ ביסעל פערשמוצען ביי דעם עולם, אָז ער איז אַיין אַפּיקורוס און אָבזאָגען זיי אויף איהם עפּיס אַ סליחה. וועט מען איהם שוין פיינט האָבען, ווי אַ שפּין, איך קען יודען....

שטאַנדהאַפּט (מיט כעס) דער וועקער שטעהט מיר אויף

אַברהמ׳על (קווענקעלט זיךְ אלין) ווייס איךְ?... עפּיס פריקרע!

מענדעל (רעדט אלין אברהמ׳לען ווייטער צו) היינט טאַקע חוץ דער גרויסער מצוה, וועט איהר נאָךְ זיין דעפּוטאַט! איהר וועט האָבּען אַ גוטע פרנסה און די הענד. עס שטעהט געשריבּען: יש קונה עולמו בשעה אחת, און איהר, ר׳ אַבּרהמ׳על, זייט קונה בּיידע וועלטען: די וועלט, איהר וועט דאָךְ האָבּען בּרויט, מיט דעם פולען מויל, און טאַקע אויךְ יענע וועלט, עפּיס אַ שפּילכעל אַזאַ מצוה!...

נתן. וואָס דאַרפסט דו איהם אַזוי צו־ריידען? עס איז גאָר ניט אַזאַ וואַזשנע זאַךְ. עס וועט זיךְ געפינען אַיין אַנדערער.

אַברהמ׳על. האַ? נו, נו, איךְ גיעבּ דעם וועקסעל, איךְ גיעבּ!

מענדעל. אָט אַזוי רעדט! וואָס מאַכט איהר דאָ חן? אַ שענער משא־ומתן וואָלט פאַר מיר געוועזען, ווען איטליכער זאָל מאַכען אַזוי פיעל חן! פון וואַנען זשע וואָלט איךְ געלעבּט...

נתן. געננג שוין צו פלוידערן, מענדעל! דו האָסט זיךְ שוין צורעדט, האַ? (צו אַברהמלען) נו גיכער, ווי האַלט איךְ דאָ מיט אַייךְ?

אַבּרהמ׳על (האפּט אַרויס פון דער קעשענע דאס וועקסעל און גיט עבּ א ווארף אויף דעם טיש סאמע פאר נתן׳ס נאז) נאַט! אָט האָט איהר וואָס איהר ווילט!

נתן (געהמט אין בּעטראַכט דאס וועקסעל מיט א שמייכעלע) דערפאַר, חע, חע, חע! וועט איהר אִם ירצה השם האָבּען דאָס, וואָס איהר ווילט!

אַברהמ׳על. אָבּער זיכער?

נתן. געהט אַהיים צום ווייבּ, הייסט מאַכען קרעפּלעךְ און זייט רוהיג!

מענדעל. איךְ פּאָזדראַווע אַייךְ שוין אַפּילו. (ער שטעלט אויף צוויי פינגער נעבּען שטערען און פערבּויגט זיךְ).

אַברהמ׳על. איךְ פערלאָז מיךְ פריהער אויף גאָט, דערנאָךְ אויף אַייךְ, ר׳ נתן! (ער גיט אַ קוק מיט אַ רחמנות־פּנים אויף נתן שׂפּרה׳ס און געהט אַרויס).

אמת.... האָב איך דען אַליין טאַקע ניט געהאַלטען אַמאָל מיט איהם? האָב איך דען אַליין ניט אויסגערעדט אָסור לדבר אויף שטאַנדהאַפטען מיט דער גאַנצער בנופיא, אַז זיי זענען איין אומגליק פאַר דער שטאָדט, פאַר אַ וועלט יודען? אַך וואָס פרנסה איז! (מענדעלע דער גלער און אַברהמ׳ל גרינפּאַן קומען אַריין).

אַברהמ׳על. מיין גאַנצע האָפענונג איז פריהער אויף גאָט, דערנאָך אויף אייך, ר׳ נתן. עס איז מיר היינט שלעכט די צייט, און די שטעלע וואָלט פאַר מיר געװעזען גוט.

נתן. עס וועט אייך גאָר ניט העלפען, ר׳ אַברהמ׳על, שטאָדט וועט אייך אַנדערש ניט מאַכען פאַר טאַרגאָוואַי דעפּוטאַט, ביז איהר וועט טאַקע באַלד פאַר זאַרעז קומען אַהער געבען דאָס בלאַנקעװעקסעל!

אַברהמ׳על. אַז איך האָב איין מאָל געזאָגט, איך וועל געבען, וועל איך מסתמא געבען.

מענדעל. אָבער איך האָב אַ חוש הריח! איך האָב אָנגעשמעקט, אַז דער בחור האָט אויף איהם אַ וועקסעל. צום גליק דאַרף זיך גראַד ביי ר׳ אַברהמ׳לען פערוואַלגערען אויף זאַאיקען ניט קיין אויסגעפּילטער וועקסעל. אפשר נאָך פון המעלניצקעס צייטען!

נתן. נו, צוגאַרטעלט אייך, מיין ליעבער ר׳ אַברהמ׳על, און אַרויס מיט דעם וועקסעל! מאַכט ניט קיין שיהות.

אַברהמ׳על (האַלט די האַנד אין דער בוזעם־קעשענע און קווענקעלט זיך אביסעל) וויס איך? כ׳לעבען, עס איז מיר אַביסעל פריקרע! דער זאַאיקע האָט מיר אייגענטליך אָבגעצאָהלט איננאַנצען, נאָר וויל עס איז אַמאָל צווישען אונז געװעזען אַ סכסוך איבער עטליכע קערבלעך פּראָצענט, איז דערוויל ביי מיר געבליבען זיין ניט אויסגעפּילטער וועקסעל.

נתן. מען צווינגט אייך חלילה ניט. קיין בת ישראל נויט מען ניט. נאָר איך זאָג אייך, אַז די שטאָדט וועט אייך אַנדערש ניט מאַכען פאַר קיין דעפּוטאַט.

מענדעל. איך בין אייך מקנא, ר׳ אַברהמ׳על, די מצוה, וואָס איהר וועט האָבען, עפּיס אַ קאַטאָוועס אַ טובה צו טאָן אַ שטאָדט! עפּיס אַ שפּאַס אָנצולעהרנען אַ שייגעץ! אַ גרויסע מצוה, כ׳לעבען... יהי חלקי עמך!

עפעס נאָר אַ סך טויזענדער אַ יאָהר ! פון חברה אלמנות ויתומים אַליין 9000 (נאָך אַנדערע 5000) קערבלעך אַ יאָהר. היינט וואו איז נאָך חברות ? היינט עולמות=געלד ! אַ קלייניגקייט עפעס איז ביז אַהער אַריינגעפאַלען ! און וויפיעל וועלען נאָך אַריינפאַלען ? וואו זענען אַזוי פיעל געלד ? ווער ווייסט, וואו זיי קומען אַהין און צו וואָס זיי ווערען פערברויכט ? וואו חשבון, ווען חשבון ? ! אַך, וואָס האָט מען דאָ ניט געקאָנט מאַכען מיט אַזוי פיעל געלד ! וויפיעל אָרעמע, וויפיעל אומגליקליכע וואָלט מען געקאָנט מיט דעם העלפען ! וואָס זאָג איך ? עס וואָלט דען גאָר געוועזען אַזוי פיעל אָרעמע, אַזוי פיעל אומגליקליכע נעבעך ? עס וואָלט דען געדאַרפט זיין אַזוי פיעל ליידענדע, אַזוי פיעל קראַנקליכע, אַזוי פיעל הונגעריגע, פערוואָגעלטע, פערפינסטערטע, פערוויסטע נעבעך (ער שטעהט אויף און געהט איבער דער שטוב פערלעגט די הענד) אָך, דאָס האַרץ בלוטעט קוקענדיג ! גאָט ווייסט ווי אַזוי עס מאַכט זיך אין מיר איבער דאָס בלוט, ווי אַזוי עס שפרינגט מיר די גאַל צו=צו=זעהן אַזוי איין עלענד, אַזעלכע פינסטערע פאָריאַדקעס מיט אַזעלכע ביטערע צרות ? גאָט ווייסט, אַז ניט איין מאָל זענען מיינע אויגען פייכט פון טרערען, איך וויין שטילערהייד. (ער ווישט זיך די אויגען) אָבער וואָס זאָל מען טאָן ? דער אידישער גלות איז שטאַרק, נאָך שטאַרקער פון אַייזען, וואָס קען אֵיין מענש טאָן ? — איך האָב געפרובט מאַכען אַ פלאַן, ווי אַזוי צו העלפען נויטבעדערפטיגע, איך האָב זיך געקלאַגט פאַר די היגע שטאָדטפיהרער, איך האָב זיך אונטערגעלעגט שטאַנדהאַפטען, למאַי זאָל איך לייקענען, איך האָב איהם געשמייכעלט, געלויבט : ער איז אַ גוטער, אַ געבילדעטער, אַ גרויסער בעל=צדקה, איך האָב איהם צוגעשריבען מיין מיה און איהם מוחל געוועזען דעם כבוד.... מיין כונה איז געוועזען זעהר אַ גוטע, האָמר וועל איך איהם דורך דעם טאַקע בעוועגען צום גוטען, וועט דאָך באמת אַרויסקומען אַ גרויסע טובה. מחמת ער איז רייך און האָט אין דער שטאָדט אַ גרויסע דעה. ניט איינמאָל האָב איך איהם געאָפפערט מיין צייט, ניט איינמאָל האָב איך אַ וועקגעוואָרפען אין דער היים אַלצדינג און בין געגאַנגען צו שטאַנדהאַפטען אָנטאָן איהם כבוד און ממלא זיין זיין רצון. אָבער אָך, אַלץ אומזיסט ! שטאַנדהאַפט איז פון דער יוגענד אָן פערפיהרט. שאַדע, ער האָט גילדערנע פעהיגקייטען, טייערע מעלות, נאָר שלעכטע מענשען האָבען איהם פערפיהרט.... (ער עפענט א לאַדען און ניט אַקוק

נתן. נו, מענדעל, היינט נאַ דיר דאָס וועקסעל. פיל עס אויף קיין קערבלעך, טאַקע אויף דיין נאָמען און גיב עס אָן. דו וועסט שוין דאָ מסתמא ניט דערלעגען.

מענדעל. מיין באָבעס ירושה דערלעג איך קיין מאָל ניט. איך פרעג אַייך נאָר: וואָס וועט עס דער שטאָדט העלפען? זאַאיקע האָט דאָך אַ הויז, וועט מען אין שלעכטען פאַל אויסקעהען די קיין קערבלעך פון דעם הויז. זאַאיקע וועט זיין פריי און וועט טאַקע אַלץ בעזפּאָקאָיען די שטאָדט!

נתן. (מיט אַ שמייכעלע) זאַאיקע וועט שוין, כ'לעבען, זיצען. חע, חע, חע! דער טאָטער אפילו וועט איך ניט העלפען! דאָס איז שוין מיין עסק. געה נאָר, געה, טו דיין זאַך!

מענדעל. איך וועל זיך מיר געשעפטיגען איבער אַ לעקער. איך וועל דאָרטען איינעם געבען אַ לעקער, וועט די זאַך גיכער צוגעהן. אַ לעקער פועל'ט תמיד.... (ער פערבינט זיך צווי פינגער געבען שטערען, ווי אַ סאָלדאַט, און געהט אַרויס.

נתן. (קוקט נאָך מענדלען) אַזאַ יאָהר זאָל איך האָבען, וואָס פאַר אַ שייגעץ דו ביזט! (ער גיט אַ שמייכעל) נו, האָבען מיר שוין מיט גאָטס הילף ר' אַייזיק זאַאיקע אויך פערזאָרגט. איצט דאַרף מען עסען מיטאָג! (ער געהט אריין אין צווייטען הדר).

פינפטע סצענע

אַ קליין שטיבעלע, ד' על ד'. **שלמה וועקער** זיצט פאַרטאָג צושויבערט אין פערזאָרגט נעבען אַ טישעל, וואָס אויף איהם געפינען זיך ספרים, אַ טינטער, פענעס און פאַפּיער. אין אַ ווינקעל שטעהען ווענטלעך, פון דאָרטען זעהט זיך אַרויס אַ בעט, וואָס דאָרטען שלאָפען זיין ווייב מיט די קינדער. — טויבע לאה און איין אָרימע יודענע.

וועקער. דער חשבון איז פאַרטיג. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעמאַכט! לויט די סוויעדעניעס, לויט זיי אפילו זאָגען, פאַלט אין גלופסק אַריין צדקה־געלט פון פערשיעדענע חברות

אײך בעצאָהלען פאַר אײער גוטסקײט (די געהט ארױס מיט א געװײן און אין ארעמע אידענע קומט ארײן).

די יודענע. אַך, דערבאַרעמט אײך, האָט רחמנות! אײן קינד איז ערשט בײ מיר געשטאָרבען פון צרות, הײנטיגע נאַכט איז אײנגעפאַלען מײן מאַן, מען האָט איהם קױם דערראטעװעט, ער ליגט איצט װי אַ טױטער, און שטוב איז ניטאָ, איהר זאָלט זאָגען, אַפילו אַ ברעקעל ברױט, דאָס גאַנצע עסען אונזערס איז עטליכע קאַרטאָפּעל פריה און אויף דער נאַכט. אָ, רבונו של עולם, מיר זאָלען אַזױ ניט װיסען קרענק, װי מיר װײסען ניט דעם טעם פון פלײש, מיר דאַרבען, מיר געהען שטילערהײד אױס װי ליכט, די כוחות װעלען אונז אַזױ אױסגעהן פאַר הונגער, פאַר נעץ און פאַר קעלט! אָ, האָט רחמנות, לאָזט מיך ניט פאַלען! אײן מאָל האָט איהר שױן מײן מאַן געהאָלפען, האָט נאָך אַמאָל רחמנות אױף איהם און אױף מיר מיט מײנע נאַקעטע הונגעריגע קינדערלעך, מיר זאָלען חלילה ניט אױסגעהן! (זי װײנט אױף א קול).

װעקער (מיט א צובראָכענעם הארץ) װאָס אַ מאָל איז געװען איז שױן הײנט ניטא! די קלײנע חברה, װאָס איך האָב אַמאָל מיט שװערער מיה געבראַכט צו שטיצען נױטבעדערפטיגע, איז שױן מעהר ניטא! גאָט װײס, װי אַזױ איך װאָלט געװאָלט העלפען. נאָר אַך, װאָס אַמאָל איז געװעזען, איז שױן הײנט ניטא, אױס, מעהר ניטאָ!

די יודענע (ברעכט די הענד) הײנט װאוהין זאָל איך שלימזלדיגע געהן? צו װעמען זאָל איך מיך קעהרען און װענדען?

װעקער. געהט צו די נגידים! געהט צו די בעלי טובות!

די יודענע. אָ, שיקט מיך בעסער אין דער ערד אַרײן! בעסער זיך אין װאַסער אַרײנצװואַרפען אײדער געהן צו די בעלי טובות! מען קען דען אַ פּנים צו־טרעטען צו זײ? אַז מען געהט זיך שױן גוט אָב די פיס און מען איז זוכה זײ צו דערטאַפּען אױף אַ מינוט, קוקען זײ אָן קרום, לאָזען ניט אױסרעדען קײן װאָרט און שרײען מיט כעס: װאָס װילט איהר פון אונז האָבען? געהט אײך! װאָס װילט איהר פון אונז האָבען?—אױ אױף מײן מעמד זאָלען זײ איבערקומען! אױ, װי קומט מען אַזױ אַ היים?! די קינדער װענען הונגעריג,

אין פענסטער) אַ, עס איז שוין טאָג, אין דרויסען קאַפעט אַ קאַלט אָסענדיג רעגענדעל אַין אין שטוב איז נאָך ביי מיר ניטאָ קיין שייטעל האָלץ.... (די טיר עפענט זיך אויף און אין שטוב לויפט אריין טויבע לאה, זאאיקעס ווייב).

טויבע לאה (מיט א געוויין) מען האָט אַיינגעזועצט אַייזיקען! זיי האָבען אַיינגעזועצט מיין אַייזיקען! זיי האָבען אויף איהם אויסגעפילט אַ וועקסעל! זיי וועלען איהם דאָרטען דערשטיקען... גוואַלד, אַייזיק, מיין אַייזיק!

וועקער (זעהר געריהרט) גוואַלד, וואָס שווייגסט דו גאָט!!

טויבע לאה. אַייזיק האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל געשווינד געהן צו אַייך, איך זאָל אַייך דערצעהלען, גוואַלד, האָט רחמנות, זיי וועלען איהם דאָרטען דערשטיקען! האָט רחמנות אויף מיינע קינדער, זיי וועלען ניט האָבען וואָס צו עסען, גוואַלד ראַטעוועט.

וועקר (שטארק צומישט) נאַט אַייך צעהן גראָשען און קויפט אַ שטריק!

טויבע לאה. וואָס זאָגט איהר? פאַני וועקער, וואָס רעדט איהר?

וועקער, קויפט אַ שטריק! זאָג איך, עס קומט אונז איצט איים טאַקע זיך נאָר אַ מעשה אָנצוטאָן! בעסער דעם טויט איידער צו זעהן אַזעלכע צרות, איידער צו ליידען פון דעם שווערען יודישען גלות!....

טויבע לאה (וויינט אויף א קול ווי איבער א טויטען) אַז אָך און וועה און ווינד איז מיר, פינסטער איז מיין וועלט, ניטאָ אַייזיק!....

וועקער (מיט גרויס רחמנות) וויינט ניט, טויבע לאה! גלויבט מיר. וואָס עס וועט נאָר מעגליך זיין, וועל איך טאָן. ניש־קשה, וויינט ניט! געהט, זאָגט אַייער מאַן, איך וועל טאָן אַלצדינג, וואָס איך וועל נאָר קענען.

טויבע לאה. איך פערלאָז מיך נאָר אויף אַייך; גאָט זאָל

קרעכצען פון די אומגליקליכע, פון בעליידיגטע און נויטבעדערפטיגע, בערפּליבט, פערשאָלטען אַלע, וואָס פערקויפען זייערע סאָוועסט, זייער געוויסען, אַלע וואָס זענען אימשטאַנד צו העלפען מיט אַ וואָרט, מיט דער פען און שטעהען פון ווייטען, תאָמר וועט זיי חלילה עפּיס דאָס מינדעסטע שאַדען?.... וואָס זאָל איך מיך בעהאַלטען? איך האָב אַ האַרץ, איך האָב געפיהל, איך קען זיך נישט מעהר איינהאַלטען. איך קען ניט שווייגען! איך מוז געהן אַרויסזאָגען דעם אמת גאַנץ פריי, זאָל חאָטשע די וועלט וויסען!

זעקסטע סצענע.

(שלמה וועקער טהוט זיך אָן אויף ארויסצוגעהן אין גאס. בתיה קומט ארויס פון אונטער די וועגטלעך.)

בתיה. וואָס טראַכטסט דו זיך, שלמה? דו האָסט היינטיגע נאַכט ווידער נישט געשלאָפען!

וועקער (מיט א פערביטערט הארץ) אין דער שטאָדט זענען דאָ זעהר פיל גנבים. עס איז געפעהרליך צו שלאָפען!.... פערשטעהסט דו מיך, בתיה?

בתיה (מיט הארץ) דאָס פערשטעהן קאָסט מיר גענוג רבי־געלט! פון וואַנען נעהמען זיך אונזערע צרות, ווען ניט פון דעם, וואָס דיר ליגט אַלץ אין זינען די שטאָדט! געוואַלד, שלמה, וואָס געהערט זיך מיט דיר אָן פרעמדע זאַכען? האָב בעסער דיך אין זינען!

וועקער. אָט דאָס איז דאָך טאַקע די גאַנצע צרה ביי אונזערע יודען, וואָס איטליכער האָט נאָר זיך אין זינען. די גאַנצע וועלט מעג אונטערגעהן, אַבי ער זאָל בלייבען.....

בתיה (מיט א וויינענדיג קול) דערווייל קויפסט דו דיר נאָר שונאים, דערווייל מוטשעסט דו זיך, ווערסט פערשוואַרצט און מען לאָזט דיך ערגעץ נישט אויפקומען..... אוי, קוק זיך נאָר אָן, וואָס פאַר אַ פנים דו האָסט! דו ביזט געוואָרען הויט און ביין! —

אין שטוב איז נאַס און קאַלט, קיין שייטעל האָלץ איז ניטאָ, פון דער שטעליע קאַפּעט, דער מאַן ליעגט שלאַף. ער פלעגט נעבעך דאַרען, קוואַרען, הונגערען שטילערהייד (זי ווײנט ווייטער) ער פלעגט נעבעך דאַרען, און מאַכען אַ פרעהליך פּנים, מען זאָל דאָס ניט אַרויסזעהן!... קיין לעפעל געקעכץ, קיין שטיקעל פלייש איז שוין אַ לאַנגע צייט אין זיין מויל ניט געקומען. אַ שבת אַ יום טוב, אַז מען האָט שוין אַמאָל געקאָכט דאָס פּיצעל לונגען=לעבער, פלעגט ער עס די קינדער אַוועק געבען, דעם לעצטען, דעם בעסטען ביסען די קינדער אַוועקגעבען?.... ער איז נעבעך געבליבען אָהן כוחות, ער איז געבעך שלאַף פאַר הונגער, פאַר צרות! אוי, וואָס טהוט מען? ווי קומט מען לעדיג אַהיים? עס קומט מיר נאָך זיך אין וואַסער אַרייצומאַרפען? (זי וויל געהן).

וועקער. (שטאַרק גערידהרט) וואַרט, זייט מוחל, וואַרט! (ער זוכט אין קעשענע און געפינט ניט, ער זוכט אין טיש=קעסטעל, געפינט אויך גאָרנישט, ער נעמט צו צום ווייבס בעט, נעהמט אַרויס פון איהר קעשענע און קעהרט זיך צוריק) נאַט אייך! וועט איהר קויפען פאַר אייער מאַן אַ הוהן. אָט דאָס האָט איהר אויף אַ הוהן, און דאָס אויף שחיטה געלד.

די יודענע. שחיטה=געלד איז היינט דאָפּעלט טייערער.... גאָט זאָל אייך געבען געזונד און לעבען, איהר זאָלט ניט דאַרפען צו קיין מענשענס גאָב! (זי געהט אוועק).

וועקער. (זעהר אויפגעבראַכט, הערט איבער די יודענעס ווערטער) „זיי שרייען מיט כעס, וואָס ווילט איהר פון אונז האָבען?" נאַראָנים! דאָס איז דאָך אייערע שאָף! אייערע שעפעלעך, וואָס איהר שערט זיי, זענען צו אייך געקומען, אייערע שעפעלעך, וואָס טראָגען אייך אַזוי פיעל איין! זייט זשע ניט קיין נאַראָנים, פערמאָרעט ניט אייער סטאַדע! וואַרפט זיי אַמאָל אונטער אַ ביסעל היי, טאַקע פון אייער טובה וועגען, כדי עס זאָל דערנאָך זיין וואָס צו שערען! (ער גיט אַ טופּ מיט דעם פוס אין דער פאַדלאָגע) ניין! די גאַל ווערט צוזעצט, מען קען זיך שוין ניט מעהר איינהאַלטען! פערפלוכט זאָל זיין דער וואָס זעהט אַזעלכע עולות און שווייגט! פערפלוכט זאָל זיין דער וואָס איז אַ טרום, וואָס האָט מורא צו זאָגען דעם אמת! פערפלוכט זאָל זיין דער וואָס פערשטאָפּט די אויערען נישט צו הערען די יללות און דאָס

וועקער (זעהר פערטראכט), האַ, וואָס ווילסט דו?

בתיה. האָב רחמנות אויף דיר, אויף מיר און אויף אונז אַלע, ווער מיט זיי שלום, וועט אונז זיין גוט!.....

וועקער. (גיט זיך אראפּ) האַ, האָב רחמנות אויף מיר, אויף דיר, ווען טויזענדער מענשען ליידען!....! ניין, ניין, טויזענד מאָל ניין! וואָס איז, דו קומסט אָב? נו, לייד אויך! מעגסט אויך, כ׳לעבען, אַ ביסעל ליידען! (ער נעהמט דעם שטעקען און געהט געשווינד ארויס).

זיבּעטע סצענע.

(בתיה חליפעט און רוימט אויף אין שטוב. טויבע לאה קומט אַריין).

בתיה. אָט איז ער שוין אַוועקגעגאַנגען, און גאָט ווייסט, ווען ער וועט קומען נעהמען עפּיס אין מויל! ער עסט ניט, ער געהט נעבּיך איין קיקענדיג אויף אונז, עס טהוט מיר כ׳לעבען, באַנק וואָס איך עס איהם אָפּ דאָס האַרץ. איך ווייס, אז איך דערמאָהן איהם פון אונזערע ליידען, צאַפּט זיך איהם אָב דאָס בלוט. נאָר פאַר צרות אָבער חאַפּט מען זיך אַמאָל נישט ווילענדיג, אַרויס אַ וואָרט...... וואָס איז ער נעבּעך שולדיג? ווען ער זאָל ניט האָבען אַזאַ גוטע נאַטור, וואָלט איהם נעבּעך אַ סך בּעסער געוועזען.... (טויבע לאה קומט אַריין).

טויבע לאה (אויף אַ וויינענדיג קול) ניטאָ אייער מאַן?

בתיה (ווישט זיך אויס די אויגען) ניין! וואָס וויינט איהר אַזוי טויבע לאה?

טויבע לאה. פינסטער איז מיין וועלט! זיי האָבען איינגעזעצט מיין מאַן, זיי האָבען אויף איהם אויסגעפילט אַ וועקסעל! הלוואי וואָלט מיך מיין אייזיק געפאָלגט. איך האָב איהם לאַנג געבּעטען, ער זאָל זיך נישט מישען, עס זאָל איהם גאָר נישט אָנגעהן וואָס זיי טהוען, זיי זענען שטאַרק, אַנטקעגען זיי קען מען נישט בּעשטעהן......

בתיה (זעהר איבּערגעשראָקען) הלוואי וואָלט מיך מיינער געפאָלגט!

וועקער (געריהרט) זיין, כ׳לעבען, נישט, מיין האַרץ, גאָט איז מיט דעם גערעכטען. ניט תמיד וועלען מיר זיין אין גלות בײַ די פֿאַלשע מענשען.

בתיה. בעטראַכט זיך נאָר. זיי זענען רייך, זיי האָבען מיטעל אין כל התחבולות, זיי האָבען פֿאַר זיך מלאַכי מליצים, זיי האָבען אַ דריסת הרגל אומעטום, וואוהין מען דאַרף.... און דו ביזט איינער, דו ביזט אָרעם!

וועקער. איך בין ניט איינער, איך בין ניט אָרעם. איך געה מיט דעם אמת און האָב גאָט אין האַרצען, די רעגירונג, כ׳לעבען, זוכט דעם אמת, וויל דעם אמת, האָט ליעב דעם אמת, קוק נישט אויף גלופסק....

בתיה. געוואַלד, מיר זענען אַזוי אָרעם, מיר קומען נעבעך אָב און לעבען ניט ווי אונז וואָלט אָנגעשטאַנען. האָב רחמנות אויף דיר, אויף דיין ווייב און קינדער, קוק נאָר אָן, שלמה, דיינע קינדער!

וועקער. (היבט אָן אויפצושיידערן און קוקט מיט ליעבשאַפט אויף די קינדער. וואס שלאָפען אַרומגענימען אויף דעם געלעגער) שלאָפט, פֿייגעלעך! שלאָפט, מיינע טייערע קינדערלעך! איך בין שולדיג, וואָס איהר שלאָפט נעבעך אַלע אינאיינעם, אין איין איינגער ספּאַלניע! וואָס איהר האָט ניט קיין ווינאָרע, וואָס איהר מוזט שטענדיג זיצען מיט די גרויסע אינאיינעם און האַפּען אַ זעץ, אַ קלאַפּ, ווען איהר גיט אַמאָל זיי אַ לאַך ווי קינדער! איך בין שולדיג, פֿאַר וואָס אייער יוגענד איז ניט ווי דער מאַי, שען, לויטער, פֿרעהליך, מיט בלומען און רויזען! פֿאַר וואָס אייער יוגענד נעבעך איז ווי דער אָסיען, מיט טרעהרען, מיט שטורעם, מיט המאַרעס און מיט כל הצרות! ווען איך זאָל ניט האָבען קיין האַרץ, קיין געפֿיהל, וואָלט איהר אַ סך בעסער געקענט לעבען ווי איצט, ווען איך זאָל קענען צוזעהן עולות, זיך ניט מישען און שווייגען, וואָלט איהר געלעבט אַ סך פֿרייער ווי היינט!..... זייט מיר מוחל, מיינע קינדערלעך! שלעכט, זעהר שלעכט צו האָבען אַ טאַטען מיט האַרץ, מיט געפֿיהל, מיט אַזאַ חאַראַקטער!

בתיה (ווישט זיך די אויגען) נו, האָב זשע רחמנות שלמה! ווער מיט זיי שלום, וועט אונז זיין גוט....

בתיה (מיט טרערען אין די אויגען) אַך, אַז מיין מאַן זאָל מיך פאָלגען!...

טויבע לאה. ניש׳קשה, ער וועט אייך פאָלגען! איצט מוז איך געהן אַ היים אָנגרייטען עפּיס מיטאָג, איך וועל קומען שפּעטער. (זי געהט אוועק).

בתיה (צו זיך אַליין) איך מוז אויך עפּיס אָנגרייטען מיטאָג, אַ רחמנות נעבעך אויף די קינדערלעך! איך האָב נאָך ביי מיר אַ פּאָר גילדען (זי לעגט אריין די האַנד אין קעשענע) האַ, וואו איז דאָס געלד? איידער איך האָב מיך נעכטען געלעגט, האָב איך עס דאָך אַריינגעלעגט דאָ! (זי זוכט אין דער קעשענע) די קעשענע איז גאַנץ! נישטאָ קיין פּיצעל לעכעל, וואו זשע איז דאָס געלד! (זי זוכט אין שטוב) אַך, פּרפּאַלען, נישטאָ! דאַכט זיך, אַז איך האָב עס נעכטען זיכער אַיינגעלעגט אין קעשענע! אוי, וואָס טוט מען איצט? מיט וואָס קאָכט מען מיטאָג? אין קלייטעל קומט שוין זעהר פיעל. וואָס זאָל איך טאָן? מען מוז ווייטער געהן באָרגען, ווייטער שוואַרצען דאָס פּנים. אַ רחמנות אויף די קינדער, אויף איהם אויך נעבעך! ער האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט און איז אַוועקגעגאַנגען גאָר ניכטער (זי בעוואַשט זיך מיט טרערען, ברעכט די הענד און געהט אַרויס).

אכטע סצענע.

(אויף דער גאַס. פיאַווקין געהט מיט אַ פּאַפּיער אין דער האַנד. עטליכע רעדלעך בעלי-בתים און בעלי-מלאכות שטעהען און רעדען שטילערהייד. שלמה וועקער, אַנ׳עולם, פרעכמאַן, מענדעל דער געלער, פיקהאָלץ און אייזיק וואַיקע).

איין בעל מלאכה פיאַווקין טראָגט שוין דאָרט ווידער אַ פּאַפּיער! עס וועט שוין אונז מסתמא קיין גוטס דערפון נישט אַרויסקומען...

דער צווייטער. שאַ, שטילער! רעד ניט אַזוי הויך, מען וועט דערהערען.

איך טענה דאָס אייגענע אויך מיט איהם, וואָס טויג דיר זיי האָבען פאַר שונאים. מען טאָר היינטיגע צייטען ניט זאָגען דעם אמת....

טויבע לאה. מיינער איז נאָך ערגער! זיי ווילען זיך מיט איהם מירען, זיי ווילען שלום ווערען און איהם געבען געלד. אבי ער זאָל שווייגען, און ער בשום אופן ניט. בעסער, זאָגט ער, זאָל איך שטאַרבען, בעסער זאָל איך געשוואָלען ווערען ווי אַ באַרג און פערפוילט ווערען אַ־ן אַסטראָג איידער איך זאָל פערקויפען מיין נשמה, מיין געוויסען, מיט אַ שטאָדט מענשען! וואָס איז? זאָגט ער, דו וועסט ניט האָבען מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען? פערקויף דאָס הויז, וועט מען דאָך אָבגעבען די ק״ן קערבלעך אויף דעם פאַלשען וועקסעל, און מיט דעם איבעריגען קען מען לעת עתה ווי עס איז לעבען.

בתיה. אַז איהר האָט אַ הויז, פאַר וואָס זשע זיצט אייער מאַן?

טויבע לאה. אַז זיי ווילען איהם אָבער מוטשען! ווער וועט זיי דען וועהרען? אַז אַלע זענען מיט זיי... מען וויל דאָך פאַר איהם ניט אָננעהמען קיין ערבות, איך טענה מיט איהם, איך חלש פאַר איהם: גזלן, נעהם געלד און זיץ אָב! געוואַלד, גזלן, שווייג און נעהם געלד! און ער אַלץ דאָס זייניגע: בעסער זאָל איך שטאַרבען. בעסער זאָל איך ווערען די כפרה... נעה זאָג זיי: אַייזיק גערימט אייך פון אַסטראָג! אַייזיק דאַנקט אייך פאַר אייער ברויט און זאַלץ! אַייזיק וויל זיך ניט פערקויפען! אַייזיק וויל שטאַרבען מיט דעם אמת! אַייזיק וויל זיין די כפרה פאַר די אומגליקליכע נעבעך און קומען אויף יענער וועלט ריין! אַייזיק וועט דאָרטען זוכען אַ סוד, אַ ספראַווע, אויב עס וועט איהם ניט געראָטען עס צו געפינען אויף דער וועלט!... איך האָב געוואָלט בעטען אַייער מאַן, תּאָמר וואָלט ער ביי מיין משוגע׳נעם געפועל׳ט, אַז ער זאָל נעהמען געלד און אָבזיצען!

בתיה (לאכט מיט טרעהרען) געפונען, כ׳לעבען, אַ גוטען בעלן!!...

טויבע לאה. נו, וואָס איז, אַייער מאַן, כ׳לעבען, וועט האָבען אַ מצוה. איך בעט אַייך, בתיה סערדצע, העלפט מיר אויך בעטען אַייער מאַן, ער איז דאָך אַזאַ גוטער, אַ דימענדיגער מענש! ער וועט אַייך כ׳לעבען פאָלגען!

דאָס גאַנצע רעדעל (לאזט זיך צו וועקער׳ן און קוקט זיך אום מיט מורא און אלע פיער זייטען) האָט איהר געהערט, פאַני וועקער? שוין ווידער אַ פריגאָוואָר!

וועקער (זעהר אויפגעבראכט) וואָס האָט איהר מורא? שאָף! ביז וואַנען, אַך, וועט איהר זיך לאָזען פערפיהרען, מען זאָל מיט אייך טאָן, וואָס מען וויל? זעהט, די רעגירונג איז גוט, איז באַרעמהאַרציג, זי האָט בעפרייעט עטליכע און צוואַנציג מיליאָן פויערען, זי ווינשט איטליכען גליק, אויך אונז יודען ווינשט זי גליק, זי זוכט אַלין מיטעל צו פערבעסערן אונזער צושטאַנד, זי וויל יודען נעבעך זאָלען עסען, זאָלען געזונד זיין, זאָלען אַ פנים האָבען ווי מענשען. איהר אָבער, דערשלאָגענע, פערוואָגעלטע, פערוויסטע יודען, לאָזט זיך פערפיהרען, מען זאָל אויף אַייך רייטען, מען זאָל אַייך ציפען, רייסען!

צווייטער בעל מלאכה. שאַ, שאַ, שטילער אַביסעל! אָט געהען צו אַסך מענשען מען וועט נאָך חלילה דערהערען! (די מענשען געהען צו).

וועקער (הויך אויף אַ קול) ווער איז דען שולדיג, וואָס איהר האָט אַזאַ פנים, וואָס איהר ליידט, וואָס איהר קרענקט, וואָס אויף אייך ליעגט די ערד, וואָס אויף אייך איז אויסגעגאָסען די תוכחה? ווער איז דען שולדיג? ווען ניט איהר מאַקע אַליין! — אומגליקליכע מענשען! מען מוז יאָמערן, וויינען קוקענדיג אויף אַייך!

דער עולם. שאַ, עולם! זאָל מען הערען, וואָס רעדט ער דאָרטען אַזוינס!

וועקער. (אַלין וואָס ווייטער מעהר אויפגעבראַכט) זייט איהר בלינד? זעהט איהר ניט, וויפיעל טויזענדער מענשען געהען אַרום אָהן קעפּ, ווי די בלודנע שאָף, און האָבען ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען? זעהט איהר ניט, וואָס פאַר אַ פנים׳ער נעבעך זיי האָבען, גלייך ווי די טויטע, ווי פינסטער, ווי וויסט, ווי דערשלאָגען נעבעך? זעהט איהר ניט, וואָס אַ טאָג מעהר קומען צו אביונים, געפאַלענע, אומגליקליכע, הונגעריגע און קראַנקע? יאָ, וואו איז נאָך ערגעץ וואו דאָ אַזוי פיעל קראַנקע? — זייט איהר טויב? הערט איהר ניט קולות פון דעם בית עולם, די קולות פון טויזענדער אָרעמע פאַמיליעס, מענער, ווייבער און קינדער,

דער דריטער. ניש'קשה, אָהן סכנות, ער איז שוין ווייט. דער רוח האָט איהם אַוועקגעטראָגען, איהר מעגט רעדען, ער וועט ניט הערען, זאָגט נאָר, איך בעט אייך, איהר ווייסט ניט. וואָס דאָס איז אַ פּאַר פּאַפּיער?

דער פּיערטער (קוקט זיך פריהער אום אין אלע זייטען) דאָס איז אַ פּריגאָוואָר, גאָר אַ מין ניי=מאָדנער פּריגאָוואָר.

אַלע בעלי מלאכות. וואָס שטעהט דאָרטען? וואָס שטעהט דאָרטען אין דעם פּריגאָוואָר?

אַ גאָלדשמיד'ל (קוקט זיך אום זעהר פאָרזיכטיג) דאָרט שטעהט אַוודאַי גוטע זאַכען! דאָרט שטעהט, אַז די פיינע בריות מעגען זיך טאָן אין דער שטאָדט, וואָס זיי ווילען, זיי מעגען מיטען נאַלאָגען, מעגען תמיד אַרויסנעהמען פון פּריקאַז קהל'שע געלד און צונויפנעהמען אין שטאָדט פריש געלד, ווי פיעל זייער האַרץ געלוסט. קורץ, זיי מעגען אַלצדינג טאָן און זיך בעל הבית'עווען גאָר פריי פון חשבון. בשעת וויבאָרעס האָבען זיי, נאָר זיי, דאָס רעכט אויסצוערוועהלען משלענעס. חוץ דעם מעגען זיי דערוויטערן פון זייערע אויגען די אַלע מענשען, וואָס וועלען זיי ניט טויגען. פּשוט איז פּשוט, זיי וועלען די דאָזיגע מענשען משלח זיין פון גלופּסק און וועלען זיך פראָסט זיין שררות, זיי וועלען זיך לעבען, ווי גאָט אין פראַנקרייך!...

אַלע בעלי מלאָכות. אַך און וועה איז אונז! דאָס איז דאָך אַ ביטערע גזרה! דאָ וועט מען דאָך אונז גאָר אויף דאָס נייע לופען די הויט! גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען!...

איין בעל מלאכה. איך ווייס, כ'לעבען, ניט, צו וואָס האָבען זיי היינט געמאַכט דעם דאָזיגען פּריגאָוואָר? אַ פּנים, פריהער האָבען זיי נישט געטאָן דאָס אייגענע? אַ פּנים פריהער האָט עמיצער דען זיי געוועהרט, זיי זאָלען אונז ניט צופּען, רייסען? ווער, אַ שטייגער, וועהרט זיי איצט צו פּייניגען אַייזיק זאַאיקע? היינט האָבען זיי איהם אַיינגעזעצט, מאָרגען וועלען זיי אונז איינזעצען, ווער וועט זיי דען ניט לאָזען?

אַ צווייטער. שאַ! אָט געהט וועקער, מען דאַרף איהם פרעגען וואָס זאָגט ער אויף דער גזרה... עפּיס איז ער שטאַרק אויפגעבראַכט!

האָט שוין ניט געהאָלפען קיין טובות, בשעת דער חלף איז געלעגען אויף דעם האַלדז און די חאָלערע האָט אָנגעהאַפּט בײ דעם גאָרגעל... אַוועקט מיט דעם רחמנות! האָט געוואָרטשעט די חאָלערע, מען האָט מיר פריהער אַליין געוויזען אַהערצו אַ וועג! אַוועק׳ט מיט די טובות! מען האָט מיר פריהער אַליין דאָ אָנגעגרייט אַזוי פיעל שפּייז, מען האָט מיך אַהער געבראַכט. דאָ איז מיין אָרט! אַוועק׳ט, אַוועק׳ט, לאָזט מיך געהן! לאָזט מיך געהן!

וועקער. גיט נאָר אַ קוק אויף דעם בית עולם! פּרואווט נאָ־איבערצעהלען די נייע קברים, זיי זענען ווי די שטערען אין הימעל! דאָס האַרץ ברעכט, צופאַלט אויף שטיקער, מען קען זיך ניט אײנהאַלטען, מען מוז יאָמערן און קלאָגען אויף אײך, אומגליקליכע ברידער! (אין דעם עולם הערט זיך אַ געוויין) יאָ, יאָ! קלאָגט אויף דעם חורבן, אויף אײער חורבן! איך זאָל קענען, וואָלט איך זיי גערופען, די הייליגע אָבות, אונזער מוטער רחל און ירמיהו הנביא, זיי זאָלען טרויערן אויף זייערע פערוואָגעלטע קינדערליך. זיי זאָלען פאַר אײך גאָט בעטען, ער זאָל אײך אויסלייזען פון דעם יודישען גלות, ער זאָל עפענען אײערע אויגען, איהר זאָלט זעהן, און עפענען אײערע אויערען איהר זאָלט הערען, און עפענען אײערע מײלער, איהר זאָלט רעדען און זיך בעפרייען פון אײערע פאַלשע שטאָדט־בעלי־טובות.

אַ קול. שאַ! אַביסעל שטילער! זייער מענדעל דער געלער געהט.

נאָך אַ קול. שאַ! זייער פרעכמאַן איז אויך ניט ווייט, ער וועט דערהערען!

עטליכע קולות. ניש׳קשה, ניש׳קשה, רעדט ווייטער! רעדט, רעדט, זאָלען זיי טאַקע הערען!

וועקער. איך פרעג אײך: איהר האָט אַזוי פיעל חברות, אַזוי פיעל צדקה־אין עולמות־געלד, וואו, תאָמר ווייסט איהר, קומען זיי אַהין? האָבען דען בײ אײך גבאים אָרענטליכע ביכער? אָדער קומט מען זיך בײ אײך אמאָל צונויף טראַכטען, ווי אַזוי צו פערבעסערן די שטאָדט, ווי צו העלפען נויטבעדערפטיגע. אָדער גאָר זוכען מיטעל צו פערמינערן די צאָהל פון די אָרעמעלייט? וואָס טויג דען אַזעלכע צדקות, וואָס מען גיט כלומר׳שט יענעם אויף דעם קראַנקען בעט, בשעת

וואָס זענען אויסגעשטאָרבען, געפאַלען ווי די פליגען, ערשט אִין דער חאָלערע פאַר הונגער און פאַר קעלט? הערט אִיהר ניט די קולות פון די אומגליקליכע, וואָס האָבען נעבעך ניט געוואוסט דעם טעם פון פלייש, האָבען אִין זייער לעבען שטילערהייד געהונגערט, געדאַרט, געקרענקט, געליטען, ביז די ביטערע שלאַפקייט האָט מיט זיי איין עק געמאַכט?... זייט איהר בלינד? זייט אִיהר טויב? האָט אִיהר ניט געזעהן, ניט געהערט די שרעקליכע סצענעס און גרויסע צרות, וואָס זענען פערגאַנגען ערשט בשעת די חאָלערע, אִין דעם חלק פון שטאָדט, וואָס דאָרט וואוינען די אָרעמע לייט? ווי איין וואָלף צווישען שאָף האָט זיך אַהינצו אַריינגעחאַפט די הונגעריגע חאָלעריע! זי האָט געריסען, געפרעסען, געגעסען, גאָר אָהן רחמנות, נאָך איידער מען האָט אוספעיעט זיך ארומצוקוקען. שפייז האָט זי דאָרטען געפונען זעהר פיעל, מעהר ווי אומעטום. דען וואו נאָך ערגעץ שטיקען זיך צונויף אַזוי פיעל מענשען אִין איין אָרט ווי די מוראַשקעס נעבעך, וואו נאָך ערגעץ, אַזוי ווי דאָ, וואַלגערען זיך אִין איינגע לעבער, אִין נעץ און אִין קעלט, הונגעריגע, נאַקעטע מענשען? ווי אַ הונגעריגער וואָלף האָט זיך די בייזע שלאַפקייט דאָרט צווישען די אומגליקליכע אַריינגעחאַפט און האָט געוואָרגען יונג און אַלט, טאַטעס און מאַמעס מיט זייערע קינדער, קינדבעטערינס און כלות. מענשען זענען געפאַלען ווי שטרוי ואֵין בית אשר אֵין שם מת! אין איין שטיבעל האָט געגוסס׳ט אַ פאָטער פון קינדער, באַלד טאַקע נעבען איהם איז געפאַלען זיין ווייב, האָט אויסגעבראָכען די גאַל אין געבליבען ליגען קאַלט ווי אַייז, דאָרטען אין איין ווינקעל האָט געחאָרהעלט אַ בריליאַנטענע קינד, אַנטקעגען אין דער אַנדער זייט האָט זיך געראַנגעלט מיט דעם טויט אַ געטרייע מוטער, ביידע האָבען צום סוף אַ חראָפע געגעבען און אַנטשלאָפען געוואָרען אויף אייביג! מען גוסס׳עט, מען האָרחעלט, מען פאַלט איין, מען פאָכט מיט דער נשמה, מען שטאַרבט און די חאָלערע געהט פון שטוב צו שטוב, קוילעט, שעכט הונגעריגע, ליידענדע, אָרעמע נעבעך, וויל גאָר ניט אויפהערען, וויל גאָר ניט אָבלאָזען!

אַ קול פון דעם עולם. אוי, מיין טאַטע! אוי, מיין מאַמע!

נאָך אַ קול. אוי, מיין קינד! אוי, מיין מאַן! זיי האָבען נעבעך שטילערהייד געליטען, הונגער, געליטען קעלט, תמיד געליטען!

אַ סך קולות. עס האָט שוין ניט געהאָלפען קיין רחמנות, עס

מענדעל דעם געלענס קול. ניש׳קשה, איך האָב געזעהען. דאָ זענען אַלע שקצים!

איין בעל מלאָכה. אוי, איך האָב מוראָ, כ׳לעבען, מען זאָל מיך ניט דערזעהן!

אַ צווייטער. מען קען אונז אָנטאָן פּאַקאָסטין!

אַ דריטער. מען קען אונז אַריינשטעלען סאָלדאַטען... דער סבאָרשציק קען אונז ווידער מאָנען צור רייסטער...

אַ פיערטער. ברידער, לאָמיר מאַכען אַ פליטה!

איין סוחר. איך קען נאָך חלילה אָנווערען דעם קרעדיט!

צווייטער סוחר. איך דאַרף מאָרגען נעהמען ביי שטאַנדהאַפטען אַנ׳אָנווייזונג!

דריטער סוחר. מען קען מיר אָפטאָן אַ שפּיצעל!

פערטער סוחר. מען קען אויף מיר אויספילען וועקסלען!

אַ בעל הבית. עס וועט מיר חלילה שאַדען צום שידוך מיט מיין בתולה!

נאָך איינער. מען קען מיך מאַכען פאַר אַ דאַנאָסטשיק!

אַ דריטער. קומט אַוועק גיכער! (דער עולם צינעהט זיך, העקער בלייבט שטעהן איינער אליין מיט צונויפגעלעגטע הענד).

פרעכמאַן. עולם. הערט עולם, וואָס ער וויל מאַכען! (נייע אנדערע מענשען געהען צו).

קולות פון דעם עולם. ווער מאַכען, ווער וויל מאַכען?

פרעכמאַן. ער וויל מאַכען גימנאַזיעם!

מענדעל. שקאָלעס!

עטליכע קולות. (פון דער זייט) ער וויל מבטל זיין די תלמוד תורה!

אַ קול פון איין זייט. ער וויל אָב׳שמד׳ען יודישע קינדער!

אַ קול פון דער אַנדער זייט. ער איז אַ ווילדער אַפּיקורוס!

ער אִיז שׁוין גוטה למות? זאָל מען איהם בעסער ניט בערייסען בשעת ער אִיז געזונד, זאָל מען אִיהם דענסטמאָל לאָזען זשיפּען, אַטעמען, ניט אויסדרעהען דאָס וואסער, וועט ער דאָך ניט קראַנק ווערען!.... שׁוין צייט צו וויסען דעם ריכטיגען, דעם אמת'ען זין פון צדקה, שׁוין צייט צו וויסען, אַז דערמיט, וואָס מען וואַרפט אונטער פאַר אַ מענשׁען, פון צייט צו צייט, אַ ביסען ברויט, מאַכט מען אִיהם טאַקע פאַר אַ הונד, פאַר אַ בטלן, פאַר אַ לא יוצלח, מען ערנידעריגט אִיהם. מען שׁאַדעט זיך און מען שׁאַדעט אויך דעם גאַנצען לאַנד. שׁוין צייט צו וויסען, אַז צדקה, וואָס ווערט ניט פערווענדעט מיט שׂכל, שׁאַדעט פונקט אַזוי פיעל ווי אכזריות. שׁוין צייט צו פערשׁטעהן, אַז האַרץ אַליין אָהן שׂכל האָט ניט קיין שׁום ווערטה, מען קען אַמאָל שׁטאַרבען בנשיקה אַזוי ווי פון אַ פּאַטש. וואָס טויג אייך בעלי טובות, וואָס זאָגען אייך אויס דעם מאַרך פון די ביינער, וואָס פערפיהרען אייך אין דער בלאָטע, אין די הרי השך אַריין? ביז וואַנען וועט איהר איבער אייך האָבען בעהעלפערס מיט לאַנגע פאַרעזוע קעשׁענעס, וואָס לקח'ענען אַראָב פון אַייער מיטאָג, פון וואַרעמעס?... ווער איז דען שׁולדיג, וואָס ביי אייך זענען דאָ אַזעלכע שׁטאָדט־מענשׁען, אַזעלכע פיהרער, אַזעלכע פּאָפּעטשׁיטעלעס? איך מיין, כ'לעבען, ניט זיי זענען שׁולדיג! שׁולדיג זענען די אומשׁטענדען, וואָס האָבען פריהער געבראַכט דערצו, עס זאָל ביי אייך זיין אַ טאַקסע וכדומה אַזעלכע פּאָריאַדקעס, שׁולדיג זענען די אומשׁטענדען, וואָס האָבען אייך פערשׁלאָגען דעם קאָפּ, וואָס האָבען אייך געמאַכט צום נאַרען, צוגענומען דעם מוט, וואָס האָבען אייך פערבלענדט און פערשׁלעפּערט. די אומשׁטענדען האָבען זיך, מיט גאָטס הילף, היינט געענדערט, שׁטעהט־זשע אויף, יודען, שׁטעהט אויף פון דעם לאַנגען שׁלאָף! גענוג צו זיין פערפיהרט, פערבלענדעט, גענוג זיין נאַראָנים!... זייט מענשׁען מיט שׂכל, מיט מוט, ווי גאָט און די טייערע רעגירונג האָט געבאָטען. דאַלאָי דאָס קעסטעלע! דאַלאָי די אָנגערופענע בעלי טובות! דאַלאָי זייערע פינסטערע, ביטערע פּאַריאַדקעס! גענוג צו שׁלאָפען, גענוג חלומות, פאָלגט די רעגירונג און שׁטעהט אויף, יודען, שׁטעהט אויף!...

פערבמאַנס קול פון דעם עולם. הערט יודען דאָס עזות! הערט, וואָס דער אפיקורוס זאָגט, וואָס ער וויל! (ער מאַכט אַ קולאַק).

איך בין אַ יוד! איך שטאָלציר מיט דעם נאָמען יוד און האָב ליעב דעם כלל אידען, אַ סך בעסער, ב׳לעבען, ווי דיינע היגע אַלע בעלי טובות. איך האָב זעהר גוט געוואוסט, אַז כל זמן יודען וועלען ביי זיך האָבען בעלי טובות, וועט אונזער איינער נישט קענען אויפהייבען דעם קאָפּ, עס וועט נאָר אומזיסט זיין די מיה צו פערבעסערן זייער צושטאַנד. די בעלי טובות וועלען אַלצדינג גובר זיין און שטעלען אויף דאָס זייעריגע... געדענקסט דו, שלמה, איך האָב דיר געזאָגט, בשעת איך בין געוואָרען אויס רב: איך וויל ניט ווירקען ביי יודען, האָב איך געזאָגט, וויל איך ניט ווירקען. און באַלד בין איך פון טונעיאַדעווקע גלייך אַוועקגעפאָהרען אין דער אוניווערזיטעט. איך בין איצט דאָקטאָר אין וואָיענעם האָספּיטאָל, איך גוין איצט פאַר מיר, פאַר מיינע קראַנקע מענשען נעבעך, און פאַר מיין טייער פאָטערלאַנד, מען האָט מיך ליעב, חאָטשע איך בין אַ יוד. הלוואַי, שלמה, וואָלסט דו דענסטמאָל געפאָלגט מיינע ווערטער און דיר ניט אַריינגענומען אין קאָפּ צו ווירקען ביי יודען, וואָלסט דו נעבעך היינט אַזוי פיעל נישט געליטען, נישט געוועזען אַזוי אָרעם. נישקשה, איך בין שוין געוועזען ביי דיר אין דער היים און האָב אַלצדינג געזעהן! (ער ווישט זיך די אויגען).

וועקער. אַך, גדליה, גדליה! למאַי האָסט דו מיר דענסטמאָל געעפענט די אויגען, גדליה!

פיקהאָלץ (אויפגעבראַכט) נעהם, שלמה, דיין פעקעל אויף די פּלייצעס, אַ שטעקען אין דער האַנד און געה אַוועק געשווינד, וואוהין די אויגען טראָגען! ביי יודען, זאָג איך דיר נאָך אַמאָל, ביי יודען וועסט דו גאָר נישט מאַכען. פאַר די דאָזיגע, וואָס דו נעהמסט זיך אָן, די אַליין טאַקע וועלען דיר זיין שונאים! יודען שלעפּען אויף זיך אַליין אַרויף דעם דלות, דעם גלות!... און אַז זאַאיקע, ווי איך האָב געהערט, האָט זיך באמת מקריב געוועזען, רופט זיך דען איינער אָן איין וואָרט, פאַר וואָס מוטשעט מען איהם? וואַרט, עס וועט נאָך אָנקומען, מען זאָל דעם עהרליכען זאַאיקען פערשיקען!... קום, שלמה! קום, מען דאַרף טראַכטען, אַז דו זאָלסט נאָך בייצייטענס אַנטלויפען פון גלופּסק!... (זיי געהען. אייזיק זאַאיקע קומט פּלוצים אַן מיט סאָלדאַטען).

אייזיק (טרייט פון דערווייטענס נאָך וועקערן) פאַ=פאַ=פאַני וועקער! אָ, ווע=ווע=וועקער, פאַ=פאַ=פאַני וועקער!

פרעכמאַן. (צווישען דעם עולם) שרייט, יודען, שרייט!

אַ געזונטער סוחר מיט אַפופיק. ווער בעט אַייךְ, וועקער, איהר זאָלט זיךְ מישען? איהר זייט דאָךְ ניט קיין היגער?

נאָךְ אַ סוחר. ניש׳קשה, שטאַנדהאַפט איז אונזערער, אונזערער!

אַ ליאַדער פאַבריקאַנטעל. וועקער! ספּאָדיק, כ׳לעבען, הערט אַייךְ ווי דעם קאָטער!

עטליכע קולות. עס זאָל טאַקע לעבען און געזונד זיין ר׳ איצע וואָלף ספּאָדיק!

נאָךְ עטליכע קולות. עס איז דאָךְ אַ העזה צו רעדען אויף אַזעלכע גוטע און פרומע מענשען, אויף אַזעלכע בעלי צדקות, וואָס זאָרגען זיךְ לטובת הכלל און זענען זיךְ נעבעךְ מקריב תמיד פאַר יודען!... וואו איז דער אַפּיקורוס? (וועקער שטעהט שטיל אין מיטען דעם רעדעל, און קוקט אן דעם עולם מיט אַ פּאָר פייערדיגע אויגען).

אַ קול (פון דער זייט) אָךְ, שלמה! וואו ביזט דו שלמה?...

קולות אין דעם עולם. מאַכט איהם אַוועג! איין אָפּיציער געהט, איין אָפּיציער מיט פאַלעטען!

דאָס פריהערדיגע קול. אַך, וואָס הער איךְ, וואָס זעה איךְ, שלמה?

עטליכע קולות. הערט נאָר, הערט, דער אָפּיציער רעדט אידיש!

וועקער (קוקט זיךְ צו און טהוט אַ געשריי) אַךְ, גדליה!... מיין טייערער גדליה! (ביידע פריינד קושען זיךְ און וויינען).

פיקהאָלץ. געשווינד, שלמה! אַוועק פון דאַנען! אַוועק, אַוועק פון די אידען, פון די פרומע, פון די עהרליכע יודען!

וועקער (קוקט שאַרף אן פיקהאָלצען, פון אויבען ביז אראָב, טרעט אָב פון איהם עטליכע טריט און ווייזט איהם אויף זיינע פּאַלעטען) גדליה, וואָס איז?... אַךְ, וואָס איז אָט אָ דאָס?! — דו זאָגסט, איךְ זאָל אַוועק פון די יודען!...

פיקהאָלץ (נעהמט אן וועקער׳ן ביי דער האַנד) ניש׳קשה, שלמה,

מיט בלייכע, אויסגעצויגענע פנים׳ער אַזוי ווי די מתים, וואָס אין דיר בעגעגענט מען זעהר פיעל אביונים, אויסגעדאַרטע, אַיינגעהויקעטע, קרענקליכע, אומגליקליכע מענשען, דערפאַר וואָס ביי זיי זענען ניטאָ קיין גוטע פאַריאַדקעס און זענען געבעך פערפיהרט, פערבלאָנדזשעט, פערמאַראַטשעט און איטליכער בלאָנדזשעט זיך אַרום ווי איין בלודנע שעפעלע! זיי מיר געזונד, דו אומגליקליכע שטאָדט! וואָס אין דיר זענען דאָ אַ סך חברות, אַ סך פוסקעס, אַ סך גבאים, אַ סך מיוחסים, אַ סך בעלי טובות, און אַ סך יודען קבצנים... זיי געזונד אויך דו, חלק שטאָדט, וואָס דאָרטען זיצען די אָרעמע לייט אין קליינע נידריגע חורבות, אין לעכער, אין קעלערס, ביז דעם האַלז אין בלאָטע. זיי געזונד, דו וויסטער חלק שטאָדט, וואָס דאָרטען פלעג איך עפטער געהן צו זעהן, ווי אַזוי מענשען קומען דאָס אַביסעל אָב, ערגער נאָך אפשר ווי אין גהינום! צו זעהן די ביטערע לאַגע פון דעם אָרעמאַן, ווי אַזוי נעבעך ער זיצט, ווי אַזוי ער שלאָפט, וואָס ער עסט, ווי אַזוי זיין ווייב ליגט אין קינפעט, ווי אַזוי זיינע קינדער וואַלגערען זיך, ווי אַזוי זיי געהען אָנגעטאָן און ווי אַזוי זיי ווערען אויפגעצויגען!... זיי געזונד נאָך אַמאָל, דו גרויסע יודישע שטאָדט, וואָס אין דיר ליידען אַלע עהרליכע לייט, וואָס אין דיין טורמע זיצט דער עהרליכער זאַאיקע און אין דיינע גאַסען פאָהרען אַרום אויך דראָזשקעס שינדער, שיפרה׳ס, מענדעל, פרעבמאַן, מיט זייער גאַנצער חאָפטע! וואָס אין דיר האָב איך געליטען שנאה, קנאה, רדיפות און דחקות, וואָס אין דיר האָב איך בעגראָבען מיינע יונגע יאָהרען מיט אַלע מיינע גיטע האָפענונגען, וואָס אין דיר האָב איך איבערגעלאָזען אַלצדינג און פיהר אַרויס אַ האַרץ פול מיט וואונדען און אויך דאָס קליינע זעקעלע! (ער הויבט אויף דאס זעקעלע אין דער הויך) אין דעם זעקעלע ליגט די בלאָטע, וואָס איך האָב אָבגעשאָבען פון דער פאָדלאָגע, אין מיין קליין שטיבעלע, די בלאָטע איז געוואָרען פון די טיילעך טרעהרען, וואָס ליידענדיגע, געפאַלענע, הונגעריגע, גערודפ׳טע, בעריסענע פלעגען פערגיסען, און וויינען ביי מיר אין שטיבעל! דאָ ליגען די טרערען פון אַייזיק זאַאיקעס ווייב, די טרערען פון זיין מיידעל, די טרערען פון אַ פאַמיליע, וואָס מען האָט פערשיקט זייער טאַטען און די טרערען פון נאָך אַנדערע פערוויסטע און פערוואָגעלטע!.... (ער קושט דאט זעקעלע, אין זעצט זיך אויף פאהרען, פלוצים זעהט מען איין פלאם פייער איבער דער שטאדט, א שרעקליכער ביז דעם וואלקען, פונקען

פרעסמאַן (לאַכט און פערשרייט איהם, כדי וועקער זאל ניט דערהערע
חאַ, חאַ, חאַ! איין עבירה אַייער שרייען, ר' אַייזיק, מען וועט אַייך ניט דערהערען!...

עטליכע ווייסע חברה'ניקעס (קריכען זיך נאָך זאַאיקען) נו, ווע=ווע=ווער איז שטאַרקער: צו אַ דאָ=דאָ=דאָנאָסטשיק אָדער די שטע=שטע=שטעדט? ....

מענדעל דער געלער (צו די סאָלדאַטען) וועריטיע יעהאָ אוב טיורמו!

אַייזיק (פערביטערט) בע=בע=בעסער, כ'לעבען, אין דער טורמע, איידער צו שטעהן דאָ מיט פּ=פּ=פרעסמאַן, מיט מע=מע=מענדעל דעם געלען און מיט נאָך אַזעלכע פאַ=פאַ=פאַרשוינען!... אין דער טורמע, כ'לעבען, זענען ניטאָ אַזעלכע אָפּ=אַ=פּאַסנע מענשען.... (ער נעהט אוועק מיט די סאָלדאַטען).

פרעסמאַן (שרייט איהם נאָך) עזות=פנים!

מענדעל. שייגעץ!

ווייסע חברה'ניקעס (מאַכען זאַאיקען אין הורא און לאַכען) הורראַ, דאַנאָסטשיק! חאַ, חי, חי=הי, האַ!....

ניינטע סצענע.

(נעבען דער ראַגאַטקע. אויף אַ וועגעלע ליעגען אָנגעלענט: איין אַלט בעט, אַ צובראָכענער שרייב טיש, אַ קופערט, עטליכע מולטערלעך מיט קלומקעס, דערויף זיצט בתיה מיט די קליינע קינדער. וועקער הייסט זיך שטעלען, קריכט אַראָב פון דעם וואָגען, בעקומט אַרויס עפּיס אַ קליין זעקעלע, קעהרט זיך דערנאָך אום מיט דעם פנים צו דער שטאָדט און זעגענט זיך מיט די ווערטער).

זיי געזונד, גלופּסק, דו גרויסע אידישע שטאָדט, פון דעם גאַנצען ווינקעל! וואָס אין דיר בעגעגענט מען טויזענדער מענשען

די ענטדעקונג פון וואליז.

אין גאנצע האלעוועשקעס פליהען, דער הימעל איז רויט, די גלעקער קלינגען, וועקער שטעלט זיך אויף דעם וואגען, די אייגען פייערען אהם, דאס גאנצע פנים איז שרעקליך, פאר עגמת נפש הייבט ער אויף די האנד אויף דער שטאדט און זאגט מיט א ציטערדינען און וויינענדינען קול).

אַך, גלופסק! אַ צאָרען פון גאָט איז אויף דיר אויסגעגאָסען, ער שטראָפט דיך מיט זיינע פיער שרעקליכע שטראָפען. ער שטראָפט דיך בּרעב, מיט הונגער, בּדבר ומגפה, מיט חאָלערע, בּאש, מיט פייער, מיט שרפות, ובחיות רעות, מיט שטאָדט בּעלי טובות!... גאָט האָט דיך געשטראָפט, גאָט זאָל אויף דיר רחמנות האָבען! גאָט זאָל געבען אין האַרצען פון דער גוטער און פרומער, און בּאַרעמהאַרציגער רעגיערונג, אַז זי זאָל אויף דיר אַבּליק טאָן מיט חסד און מיט רחמנות! זי זאָל סליעדעווען, נאָכפאָרשען און דערווייסער׳ן פון דיר די אומגערעכטיגקייט, זי זאָל דיר געבּען מוט און דיך נעהמען אונטער איהר שויץ! זי זאָל מאַכען אין דיר גוטע אָרדנונגען, עס זאָל מעהר ניט געהערט ווערען אין דיר דאָס געוויין, דאָס קרעכצען פון אָרעמע לייט, פון געמוטשעטע און גע׳רודפ׳טע מענשען... איטליכער אין דיר זאָל זיין צופריעדען און זאָלסט דיענען צום בּיישפּיעל אַלע, אַלע אַנדערע יודישע שטעדט. לעת=עתה נעבעך, איז דיר ניט גוט, זעהר ניט גוט!...

(ער טוט א שמיץ די פערדלעך און פאהרט א וועק ווייטער).

די ענטדעקונג פון וואָהלין.

גענומען פון די כראָניקעס.

אין אַ יאָהר אַרום נאָך דער בעוואוסטער שרפה האָט זיך אָנגעהויבען אין דער ליטאָ, לויט ווי עס שטעהט אין די כראָניקעס, דער גרויסער הונגער, נישט היינט געדאַכט.

עד היום ליגט יענע שווערע ביטערע צייט יודישע קינדער אין טעם. אַלטע לייט אַז זיי דערצעהלען היינט די שטאַרקע נויט, וועלכע מענשען, נעבעך, זענען דענסטמאָל בשעת דעם הונגער אויסגעשטאַנען, שטעלט זיך פּשוט די האָר קאַפּויר הערענדיג. הונגעריגע, אָרעמינקע מענשען, אויסגעדאַרטע-אויסגעדייוועטע. הויט און ביין מיט סמאַהע אויף די ליפּען, איינגעפאַלענע באַקען און משונה אויסגעשטעלטע גלעזערנע אויגען, האָבען ווי די פער'סמ'טע מייז אומעטום זיך אַרומגעבלאָנקעט, קיים פּלאָנטענדיג מיט די פיס, געזוכט, געניסטערט וואָס ס'איז עפּיס עבענוואַרג, נאָרנישט איבערצוקלייבען: גראָז איז אויך סחורה, זיך ניט גע'מיאוס'ט אַפילו דערמיט, וואָס ליגט, פוילט אין דעם מיסט. הונגער — דאָס איז איינס פון די ערגסטע אָנשיקענישען, דאָס איז אַ מין ליידען, ווי ברענען פּאַמעליכען אָהן אַ אויפהער אויפ'ן שטיל פייערל. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען, ווי גרויס דאָס עלענד איז געווען אין דעם ליטווי=

מאַכט מען פּסול; צו בּעטראַכטען, ווי שטעהען פון פאַרפאָלקען, פון שׂכנים אין איין צימער די בּעטען, נישט צו נאָהענט אפשר איינע צו די אַנדערע, חס־ושלום... הכּלל, די קאָמיסיע איז נישט פויל, מען קוקט, מען רוקט־איבּער בּעטען אַהין, בּעטען אַהער, — אומזיסט אָבּער די מיה — מען שטאַרבּט! שווייגט מען דאָך מסתּמא נישט און מען געבּרויכט נאָך מיטעל: ווייבּער מעסטען פעלד, רייסען קברים, פאַלען אַריין אין אָרון־קודש מיט אַ געשריי, אַ געוויין, מגידים דרשה'נען, שטראָפען דעם עולם: געוואַלד, יודען, שלאָגט זיך אָשמנו, טהוט תּשובה, יודישע קינדער! עס העלפט נישט — מען שטאַרבּט!...

ווי בּאַלד אַזוי, מוז מען דאָך שוין טאַקי אַיינווענדען אַלע כּחות, פּריווען טאָן דאָס לעצטע, וואָס מען קען. העכערט מען נאָך אַ קאָפּיקע איף דעם פונט פלייש און מען אַבּטעט אָבּ אַהער אין שטעדטעל דעם בּעריהמטען חאַנדר'קעווער רב. צו איהם זעצט מען צו דעם דלפּוניווקער רב מיט די דיינים און נאָך עטליכע שענע־בּשׂר'ע יודען. מען לאָזט אויסרופען אין אַלע שוהלען בּחרם יהושע בּן־נון, אַז ווער עס ווייסט עפּיס אַ חטא, ווי הייסט מען עס... אויף וועמען ס'איז, זאָל קומען מודיע זיין דעם בּית־דין צדק, וואָס זיצט אַלע טאָג מכּח די חטאים אין דעם קהל־שטיבּעל. בּית־דין שיקט רופען די טוקערין, פאַרהערט זי אין ווייבּערשע זאַכען, אין דינים פון מקוה און נעגעל־שניידען, מען ציהט בּיי דער צונג געניטע... אַלטע גבּאי'טעס, צי ווייסען זיי נישט אפשר עפּיס איף דער, איף יענער וואָס צו זאָגען. די שטאָדט וויגט זיך, אַ קאָכעניש, אַ שושקעניש צווישען דעם עולם. עס טראָגט זיך עפּיס אַרום אַ קלאַנג, אַ מומלען, מען טומעלט אויף איינעם עפּיס אַ אַלמן און אויף איינער, אַ חצופה, אַ אשת־איש, עס קומט אָן בּיז דער קאָמיסיע פון די רבּנים, גרויסע לייט, בּערען! זי לאָזט רופען צו זיך יענעם, זאָגט איהם מיט דעם האַרבּען וואָרט: הולטיי, זיי זיך מודה!... זי איז איהם מתרה: מען וועט דיר, פּושע ישׂראל, טאָן דאָס און דאָס. אַז עס העלפט נישט מיט בּייזען, פּריווט מען זיך מיט גוטען, מען בּעט זיך, ווי פאַר אַ גזלן: געוואַלד, האָב רחמנות אויפ'ן פאָלק ישׂראל, אויף אַ עדה יודען! געוואַלד, וואָס האָסט־דו צו קליינע אומשולדיגע קינדער, נעבּעך? נאָר רעד צו דער וואַנד — דער פּושע ישׂראל איז זיך נישט מודה. טהוט מען זיך אַ נעהם צו דער חצופה — הולטייקע, זיי זיך מודה! זי וויינט, חלשׁ'ט, פאַרשטעהט כּלומר'שט נישט. וואָס מען וויל פון איהר האָבּען. ס'איז נאָר אַרויסגעוואָרפענע רעד, זי, די

שען שטעדטיל דלפּוניווקע, וואָס איז אָנגעזעצט געדיכט מיט יודען, אָהן עין=הרע, מיינסטענס, ווי דער שטייגער איז, קבצנים, נעבעך. גאָר אין די גוטע יאָהרען אַפילו האָבען דלפּוניווקער יודען זיך אויך נישט קיינמאָל זאַט אָנגעגעסען. אַ הערינג מיט אַ ביסעל ליאַק דערצו, איינצוטונקען דערינען אַ שטיקעל ברויט — דאָס זענען צוויי שפּייזען אַזוינע, מיט וועלכע מען האָט געוועהנליך זעהר שוין יוצא געווען דעם מיטאָג, אַ קרופּניק — נעמליך: אַ מין געקעכטס פון וואַסער מיט אַביסעל גרויפּען, פערווייסט לפנים מיט אַ קאַפּעלע מילך, אָדער עטליכע געקאָכטע קאַרטאָפּעל, — אַזוינס האָט שוין געהייסען עפּיס גאָר עולם הזה, אַ סעודה ווי ביי שלמה המלך אין זיין צייט! אַצונד איז זעהר גרינג זיך צו מאַכען אַ געדראַנג: ווען אין די גוטע יאָהרען אַזוי, וואָסזשע האָט שוין געקענט זיין פאַר אַ מין עסען בשעת הונגער=צייט?! יאָ, דער דלפּוניווקער אָרימער עולם איז טאַקי באמת, נישט נאָר ווי עס רעדט זיך, געשוואָלען געוואָרען פאַר הונגער, געשוואָלען וואָס געשוואָלען הייסט. אַי, וואָס, ווי געשיקט זיך עס אַזוי צו לעבען? נאַרישקייטען! אַ שאלה אַביסעל אויף יודען? ביי יודען איז מעגליך אַלצדינג, אַזאַ מין לעבען אויך. יודען האָבען אַ גאָט!...

צו דעם הונגער האָט זיך נאָך צוגעוואָרפען אַ מגפה, עפּיס אַ מין אונטערגאַנג, אַ היציגע קראַנקייט אַזוינע. מענשען זענען געפאַלען ווי די פליגען און קליינע קינדער זענען אַוועק פון סקאַרלאַטינע, נישט=דאָ=געדאַכט, אין דעם עולם איז געוואָרען אַ ליאַרם, אַ געשריי: חטאים! אַנדערש האָט זיך עס נישט געקענט לעגען טאַקי אויף דעם מוח, וואָרום פונוואַנען האָט זיך עס פלוצים גענומען אַזאַ קרענק אויף אַ כלל ישראל? ס'איז שייך צו זאָגען אַ קרענק דעם, יענעם, אָבער איטליכען, ווי געשיקט זיך עס? זאָגען ווידער, אַז געקומען איז עס דאַריבער, וואָס אין דער שטאָדט איז נישטאָ קיין דאָקטאָר, דאָס איז אַודאי קרום. וואָרום פאַר וואָס איז עס נעקומען גראָד דענסטמאָל — בשעת דעם הונגער און נישט פריהער? נישט אַנדערש טאַקי מוז מען זאָגען — חטאים!... מען איז גוזר תענית. מען פאַסט קליין און גרויס, מעוברת'ע אַפילו אויך. פון תהלים איז קיין רעדע נישט, מען זאָגט תהלים פון פריה ביז פאַרנאַכט, מען מאַכט אַסיפות, מען קלייבט אויס אַ קאָמיסיע יודען עפּיס צוטאָן אַקעגען די חטאים, און צוליעב די הוצאות דערויף העכערט מען אַ קאָפּיקע טאַקסע אויף דעם פונט פלייש. די קאָמיסיע נעהמט הויז צו הויז איבערצוקוקען די מזוזות: טאָמער עפּעס נישט אַזוי

בראָניקעס מיט אַ גאַנצער ממרא פונ׳ם שרייבער דאָרט, אויסלאָזענדיג זיך לסוף אַזוי: „היינט פרעג איך אייך, רבותי, מה נשתנה, מיט וואָס, אַ שטייגער, זאָל אַ דעפּוטאַציע צום רבונו של עולם דורך אַ מת אויף יענער וועלט זיין מעהר משונה ווי דעפּוטאַציעס צו גרויסע פּריצים דורך לעבעדיגע מתים דאָ אויף דער וועלט? נאָר ווי די מעשׂה איז, יענע האָט בעשיינפּערליך געהאָלפען. אין אַ צייט אַרום נאָך דעם קוויטעל איז די מגפה טאַקי געשטילט געוואָרען — און ליהודים אין שטעדטיל, אַ שמחה אַ פרייד אויף יודישע קינדער!״.

טאַקי גאַנץ אמת, דאָס יאָהר האָבען יודישע קינדער, לויט אַלטע לייט דערצעהלען, געמאַכט סוכּות גאָר אַנטיק, אין פּאַריז האָט מען קיין בעסערע נישט געקענט האָבען. ס׳איז געווען גענוג מאַטעריאַל פון דער שׂרפה די סוכּות צו בויען, פערשפּאָרט בענוצען דעריצו, ווי געוועהנטליך, לאָקשענברעטלעך, טשאָלענטברעטלעך, נאָך און נאָך אַזוינע מיני ברעטלעך. פּלאַץ פאַר די סוכּות איז אויך געווען גענוג, נישט פּעררוקט, ווי אַלע יאָהר, ערגיץ אין אַ לאָך, נעבען שטאַל און אומריינע ערטער, חלילה. היינט האָט מען מקיים געווען זיצען אין שלאָפען אין סוכּה ווי אין שטיב איפ׳ן רעכטען אמת טאַקי, נישט גלאַט אַזוי זיך. יודען האָבען פערבראַכט דעם יום=טוב פרעהליך, נישט געזאָרגט, געגלויבט גאָט און געהאָפּט צו זיין ליבען נאָמען מיט בטחון.

און גאָט ברוך=הוא האָט זיינע דלפוניווקער בעלי=בטחון׳ס, נישקשה, נישט פערלאָזען. פון די אומגליקען האָט זיך פאַר זיי אויסגעלאָזט גאָר אַ גליק, און דורך די נויטען, שווערע ביטערע צרות האָט זיך זיי געעפענט אַ וועג אין אַ נייע לאַנד — אין וואָהלין, הייסט עס, אַ געבענשט אָרט מיט אַל=דאָס גוטס, וואָס זייער פּוס איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען.

ענטדעקט וואָהלין האָבען די משולחים, וועלכע דלפוניווקע האָט נאָך דער שׂרפה אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט קלייבען געלד. לאָז מען נאָר קיין טעות נישט האָבען, אַז אַרויסגעשיקט מיינט מען מיט געוואַלד, דאָס הייסט, מען האָט זיי גענויט פון קהל, אַלע אין איין קול: טהוט אונז די טובה און פאָהרט מאַכען געלד! חלילה, ביי יודען זאָל זיך אַזוינס טרעפען. וואָס דען? גלאַט אַזוי זיך, דריי פיינע מענשען, נויטבעדערפטיגע, בעפאַלען מיט ווייב און קינדער, אָהן אַ שום פרנסה, געבעך, ווי דער שטייגער איז, האָבען מיט דעם גוטען ווילען גענומען פאַר מצוה אויף זיך די גרויסע טרחא צו זיין משולחים לטובה פאַר

קליפה, ז״ז זיך אויך נישט מודה. און דערוויל איז שלעכט — מען שטאַרבט! דער צאָרן איז אַזוי ווייט געגאַנגען ביז צום עק, עס האָט שוין אָנגעריהרט העט־העט סאַמע אין דעם שפּיץ. ס׳איז פערשלאַפט געוואָרען און געשטאָרבען איינער פון די לומדים אין קלויז. אַ יוד אַ זקן, אַ פרומער, וואָס האָט געפאַסט הפסקות, געדינט דעם בורא, אַוועקלענענדיג פאַר איהם ממש דאָס גאַנצע געזונד... אַי־אַי! האָט מען געשריגען, אַז אַזעלכער שטאַרבט, איז שוין טאַקי אויס וועלט, איז שוין קיינער ניט זיכער מיט דעם לעבען. „אם לויתן בחכה הועלה. ווען אַזאַ שטאַרקער לויתן איז אויף דער ווענטקע געחאַפט געוואָרען, מה יעשו דגי הרקק, וואָס־זשע זאָלען שוין טאָן מיר שלאַפינקע פישעלעך אין דער בלאָטע?״ אַזוי האָט איהם מספיד געווען דער שטאָדט־מגיד אויפ׳ן שול־הויף צו דער לויה און דער עולם איז צוגאָסען געוואָרען פון טרערען. דערנאָך האָט מען דעם מת אין קיטעל אַריינגעשטעקט אַ קוויטעל — דאָס איז געווען אַ „פּראָשעניע״ צו גאָט, זעהר וואויל אָנגעשריבען בישיבה של מטה, אין דער קאָמיסיע פונ׳ם בית־דין, על דעת הקהל, אין דעם נאָמען פונ׳ם גאַנצען שטעדטיל. „געה — האָט מען דעם מת געזאָגט — געה זיי אונזער שליח, ווי באַלד דו וועסט קומען אַהין, זאָלסט־דו עס איבערגעבען אונזער פאָטער אין הימעל, זיך מיהען דאָרט פאַר דעם כסא הכבוד, זיין אַ גוטער מליץ, ער זאָל זיך דערבאַרמען אויף אונז, יודישע קינדער, נישט זיין אַזוי שטאַרק אין כעס, ברוגז אויף אונז אַ שרעק, און זאָל זאָגען דעם מלאך־המות: גענוג, לעג דעם חלף צוריק אין שיידעל אַריין! ער זאָל אויך אָנשרייען אויף דעם שטן דאָרט און אויף די אַלע משטינים דאָ, אַז עס זאָל זיי פערשטאָפּט ווערען דאָס מויל, עס זאָל זיי... א. ז. וו. א. ז. וו.

פאַר יודען אַזוינע, וואָס גלייבען יענעם אויפ׳ן וואָרט, נישט אַריינלאָזען זיך, חלילה, אין ווייטע חקירות, טאָמער איז עס אַזוי, טאָמער אַזוי, און טאָמער איז גאָר די גאַנצע זאַך אַ ליגען — זיי וועט גאַנץ געוויס גענוג זיין דאָס ביסעל, וואָס איז געזאָגט געוואָרען דאָ פון יענעם קוויטעל. יענע אָבער, וואָס האָבען אַ נאַטור נישט צו גלויבען דעם עהרליכסטען יודען אַפילו, ביז זיי זעהען נישט אַליין מיט זייערע אויגען, שוואַרץ אויף ווייס, פאַר זיי איז דאָ איין ענטפער: געהט, זייט מוחל, און לייענט אַליין מיט אַייער כבוד אין דלפוניווקער פנקס, וואו די גאַנצע מעשה געפינט זיך כתוב וחתום מיט עדות כשר׳ע, פיינע בריות, גרויסע לייט, און וואָס פון דאָרטען איז עס דערנאָך איבערגעשריבען געוואָרען אין די

קומט זיי נאָך אַרויס, נאָר זיי זענען מוחל, גאָט זאָל זיי בעצאָהלען פאַר זייער מיה. די ווייבער איז אייך אָנגעקומען בריעף, נאָך מיט אַביסעל געלד דערצו, פון די מאַנען זייערע, וואָס בעטען זיי שטאַרק מחילה פאַר דעם שווייגען ביז אַהער, מסתמא איז רעכט, מסתמא אַז זיי האָבען געשוויגען, האָבען זיי געוואוסט פאַר וואָס... געפינען זיי זיך אין וואָהלין, זעהר אַ פעט ווינקעל, וואו זיי וועלען פערבלייבען אויף תמיד און, אם־ירצה־השם, מיט דער צייט מאַכען עפּיס אַ שטיקעל עסק. לעת־עתה קנעלען זיי אונטער. וואָרום אַזוי פּאַסט עס זיי צום עסק מכּמה וכּמה טעמים... אין אַ קורצער צייט אַרום — אַזוי שרייבען זיי — וועלען מיר אייך אַלע אַרויסנעהמען צו זיך, וועט אייך מיט דעם אויבערשטענס הילף פאַרענטפערט ווערען אַלע קשיות. דערווייל לאָז זיין אַלצדינג בסוד. למען־השם, שווייגט, זאָגט נישט קיינעם, וואו מיר זענען, וואָרום דאָס טויג נישט מחמת פיעל טעמים... וד"ל.

נאָר ווייבער זאָלען האַלטען אַ סוד, און נאָך דריי ווייבער מיט־אַ־מאָל, אַזוינס האָט זיך נאָך נישט געטראָפען זינט די וועלט שטעהט. עס פערשטעהט זיך, אַז פאַר גרויס פרייד האָט זיך זיי געשאָטען ניין מאָס רעד פונ׳ם מויל ווי פון אַ לעכערדיגען זאַק. זיי האָבען דערצעהלט איטליכען די גרויסע גליקען זייערע, אָבגעלויבט אין טאָג אַריין וואָהלין מיט געטאָקטע ליגען, אַז דאָרט איז דאָ פון פויגעלמילך, געלד וואַלגערט זיך אין די גאַסען, און מלמדים גילט מען דאָרט אָב, זיי געהען אין גאָלד. הערענדיג אַזוינס מאַכען יודען נישט לאַנג שיהות, נעהמען די פיס אויף די פלייצעס און לאָזען זיך אַוועק קיין וואָהלין. אויף דלפוניווקע קוקענדיג האָבען אויך פון אַנדערע ליטווישע שטעדט יודען זיך אָנגעהויבען אַוועקצולאָזען אַהין. מען בעדאַרף וויסען, אַז אונטער דעם נאָמען וואָהלין האָט געהייסען און הייסט נאָך היינט ביי יודען נישט נאָר וואָהלינער גובערניע אַליין, אלא וואָס דען אויך פּאָדאָליע און בעסאַראַביע, דער גאַנצער געגענד, וואָס ביי אונז צו דרום־זייט. אַזוי ווי ביי וואַרשויער יודען, אַ שטייגער, הייסען אַלע, נישט קיין פוילישע, אי ליטווישע אי וואָהלינער יודען — ליטוואַקעס.

דאָס־אייגענע וואָס אַמעריקאַ איז פאַר אונז יודען היינטיגע צייטען, איז וואָהלין פאַר זיי געוועזען דעמסטמאָל אין יענער צייט. דער אונטערשייד איז נאָר אָט וואָס: אין אַמעריקאַ פאָהרט מען מיט דעם ים, אין

אַ שטאָדט יודען, נעבעך, און זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין. מען האָט זיי פערזאָרגט מיט כתבים, אונטערגעשריבען פונ׳ם גאַנצען כלי־קודש, פאָרנעהמסטע לייט, אין וועלכע מען האָט מיט הויכע מליצות געשילדערט דאָס אָנשיקעניש, וואָס אויף דער קהילה זייערער איז אָנגעשיקט געוואָרען, און געבעטען מיט אַלע מיני געבעט די קינדער ישׂראל, רחמנות צו האָבען אויף די נשרפים, נעבעך, און געבען די משולחי־נדבות, איטליכער כפי זיין פאַרמעגליכקייט. עס פאַרשטעהט זיך, אַז חוץ די כתבים האָט מען ביים אַרויספאָהר געמוזט געבען די משולחי־געלט אויך, אויף די נויטיגע הוצאות פאַר זיך אַליין און אויף איבערצולאָזען צום לעבען זייערע ווייבער און קינדער. עס האָט געקאָסט אמת טאַקי נישט טייער — איין קאָפּיקע נאָר האָט מען געהעבערט אויף דעם פונט פלייש!

אַ לאַנגע צייט איז פון די משולחים נישט געווען קיין שום ידיעה. גלייך ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלען. ס׳איז איטליכען אין שטעדטיל געווען אַ גרוים וואונדער, גאָר ניט צו פאַרשטעהן, וואָס זאָל עס אַזוינס בעטייטען! מען האָט זיך געוואונדערט, געוואונדערט ביז מען האָט זיך אויפגעהערט צו וואונדערן. מען וואָלט זיך אין די משולחים שוין געווען גאָר פאַרגעסען, מוחל געווען אַלץ מיט־איינאַנדער, ווען נישט די ווייבער זייערע, וואָס האָבען געפאָדערט ביים שטעדטיל מזונות, געשריגען, געפילדערט: געוואַלד! פאַר וואָס זאָלען מיר זיין עגונות, פערוויסטען אונזערע יאָהרען, ליידען פאַר אַנדערע? דאָס שטעדטיל האָט געמוזט אויסשטעהן זייערע טענות און געשפייזט די לעבעדיגע אַלמנות. מילא וואָס זאָל מען טאָן? איז נאָך אַ קאָפּיקע אויפ׳ן פונט פלייש!

פלוצלים, גאָר אומגעריכט, קומט אָן צום רב פון די משולחים אַ בריעף פול מיט התנצלות, אַ פאַרענטפערן זיך אויף דעם לאַנגען שטיל־שווייגען, און מיט אַ קלאָגען זיך אויף דעם פינסטערען מזל, אַז נשרפים איז גאָר ניט אַזאַ געהויבענע סחורה, ווי מען האָט געמיינט. גענוג נשרפים אַזוינע און אַזוינע שלעפען זיך אין דער וועלט אַרום. ס׳איז געוואָרען עפּיס ווי אַ גאַנג־וועגעלע, אַ חוק, אַז ווי באַלד עס הויבט זיך אָן דער זומער, הויבען אָן יודישע שטעדטלעך צו ברענען. עס פאָהרען אויך אַרום משולחים פון ישיבות, משולחים פון מאיר־בעל־הנס, משולחים׳ס משולחים, ירושלמים, עגונות, אייניקלעך און יודען מיט כתבים פון אַלערליי סאָרטען, וועלכע מען וויל. בכן איז שפל... דאָס ביטעל געלד, וואָס זיי האָבען געמאַכט האָט געקלעקט קוים אויף הוצאות. עס

מילך און האָניג, פליסט אַצונד, אוי=וועה — עס איז שווער צו זאָגען... נאָר איך מענדעלי בין דערצו שוואַך, אַלט. מיין איינציגער כח, אוי, איז נישט מעהר, וויינען שטילערהייט פאַר זיך, וואַרגען זיך מיט טרעהרען, און צו די אַלע פריהערדיגע, אַלטע יודישע צרות צו=צושרייבען אין די בראָניקעס אויך די היינטיגע, נייע צרה.

אַ דאַמפשיף, אַקעגען אַ פּאָר וואָכען, און אין וואָהלין האָט מען זיך געשלעפּט מיט דער יבשה צו־פוס גוטע עטליכע וואָכען, און אַמאָל אייך נאָך מעהר, אָבשטעלענדיג זיך ביים וועג — געהענדיג אין שטעדטלעך, צווישען יודען רחמנים בני רחמנים... אין אַמעריקאַ זענען יודען, ביים אָנקומען, געוועהנליך מאַנדעטניקעס, אַרומגעהערס מיט פּעקלעך סחורה — שמאָכטעס, שניידער, אַרבייטער אין פאַבריקעס, און אין וואָהלין זענען די ערשטע, וואָס האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אַהין, געווען כמעט אַלע מלמדים.

דער שרייבער אין די כראָניקעס לאָזט אויס די דאָזיגע מעשה דאָרט אויפ'ן סוף מיט די ווערטער:

„די יודישע היסטאָריע, אין וועלכער די השגחה פון גאָט אויף זיין געליבט פאָלק, ענטפּלעקט זיך אַזוי בעשיינפערליך איטליכען, וואָס האָט נאָר אויגען צו זעהן און שכל צו פאַרשטעהן — זי, די היסטאָריע הייסט עס, אינגאַנצען איז זי אַ שטענדיגע שלעפּעניש, אַ אייביגע אַרומוואָגלעניש פון אַברהם אָבינו ביז אַצונד. עס רוהט נישט, עס ראַסט נישט דאָס פאָלק ישראל!".

⁂

אָט אַזוי, כמעט אין דעם נוסח, פלעגט אָפט דערצעהלען אונז, קינדער, די דאָזיגע מעשה מיין זיידע, עליו־השלום.

אַ דלפוניווקער, שלים־מזלדיגער יוד איז געווען מיין זיידע! פאַר צרות האָט ער בשעת דעם גרויסען הונגער זיך אַוועקגעלאָזט קיין וואָהלין, גענידערט קיין קישינעוו, די הויפּטשטאָדט פון בעסאַראַביע — אַ לאַנד, וואָס פליסט מילך און האָניג. האָט געקנעלט דאָרט אינאיינעם מיט נאָך אַ סך דלפוניווקער זיין גלייבען און געגאָסען פיעל גוטס: געגעסען מאַמאַליגע, פאַרביסען מיט קאָדע, געטרונקען וויין און געלעבט רוהיג, אָרענטליך־פיין, ווי גאָט האָט געבאָטען, גלייך מיט אַלע דאָרטיגע יודען, און נישט געוואוסט פון קיין בייז.

ווער זאָל זיך עס דענסטמאָל געווען ריכטען, אַז מיר, זיין אייניקעל, זאָל אין אַ צייט אַרום שפּעטער בעשעהרט זיין זעהן אויף די עלטערע יאָהרען, ווי דאָס אייגענע אָרט, וואָס האָט פריהער געפליסט

איבער א שטאָט אין מזרח.

איבער אַ שטאָט אין מזרח.

אַ מעשׂה נורא, וואָס איז זיך פערלויפען אין קאַבצאַנסק.

קאַבצאַנסק, איינע פון יענע געוויסע מקומות, וואו די יודען רוהען, איז תמיד פאַרדעכענט געווען אין דער וועלט פאַר אַ שטעדטיל אַ רוהיגס, אַ שטילס, יודען עהרליכע, צעבראָכענע, אַלטפעטערישע, זענען זיך דאָרט געזעסען, אויסגעטאָן פון דער וועלט, געגאַנגען זייער וועג, געאַרבייט אין דעם יודישקייט: זיך געיודעלט, געקינדערלט. און מיט אַלע פירושים טאַקי אָבגעריכט גלות. זיי איז, ווי מען זאָגט, חוץ גאָט און ציצית נישט אָנגעגאַנגען די אַלע היינטיגע חכמות. אַ כפרה פון זייערטוועגן אַלע ניי=מאָדנע פאַרלאַמענטען=סמאַרלאַמענטען מיט די פּאָליטיקעס, דרשות, האַבּפעריען דאָרט, פאַר זייער קלויז, פאַר זייער אינטעראויבען, און זייער באָד, להבדיל. אַ יוד אין גלות, איז דער שטייגער זייערער געווען צו זאָגען, בעדאַרף מוחל זיין אויף כבוד, נישט פעררײמען די נאָז, נישט קוקען אַרויף; אַ יודען אין גלות בעדאַרף זיין דער קאָפּ אין דער ערד, ער איז מחויב איבערצוטראָגען אַלצדינג, הערען, זעהן און שווייגען... אָט אַזוי האָט קאַבצאַנסק, זינט זי איז קאַבצאַנסק, געלעבט שען=פיין, שאַ=שטיל. וואָס גאָט האָט געגעבען, גוטס, שלעכטס, האָט זי מקבל=באהבה געווען; אַ פּאַטש אַפילו, אַ שפּיי אין פּנים איך

דער פרנס=חודש, דער פיינע=בריה אין דער גאַנצער קהילה, מיט וועלכען קאַבצאַנסק האָט זיך שטאַרק מיחס געווען. די דאָזיגע שטאָט איז איבערגעגאַנגען בירושה פון טאַטעס צו קינדער ביז אויף לעצט צו רב אליקום נעציל׳ן, עליו השלום, אויך אַ גרויסער פאַרנעהם, אַ תקיף, אַ כלי=ולך אין הויף ביים דוקעס — דער פריץ פון קאַבצאַנסקער שליסעל און נאָך אַנדערע גרויסע מאַיאָנטקעס. רב אליקום נעציל האָט געהאַלטען קאַבצאַנסק פון דוקעס באַרענדע, און איז נתעשר געוואָרען. מען האָט איהם געשאַצט אַידאי אין אַ דריי=פיער זעקלעך, חוץ זיין נחלה — אַ שאַרפע פריצישע איינפאָהרהויז מיט בעל=הבתישקייט און אַ בוידעם מיט היי, וואָס אינאיינעם האָט עס בסך הכל געמעגט בעטרעפען אויף טרפות שענע=גראָבע עטליכע הונדערט קערבלעך. יאָ, יאָ, ס׳איז אַ סברא, אַז נאָך אפשר מיט אַ שמיצעל אַריבער! זיין רייכקייט, זיין גרויסקייט איז געווען נאָר שלא כדרך הטבע. היינו, וואָס הייסט גרויסקייט? — גרויסקייט הייסט ניט דאָס אַליין נאָר, וואָס יודישע קינדער אין שטעדטיל האָבען פאַר איהם געהאַט דאָס ניין=יעהריגע קדחת, דרך=ארץ הייסט עס, נאָר געקוואָלען אָנקוקענדיג זיין ליכטיג פנים, משונה הנאָה געהאַט פון זיין ווילדער ברייטקייט, ווי ער זיצט זיך, אַ שטייגער אויף זיין שטאָט ברייטליך, די גרייז=גרויע באָרד צעפלאָסען, דער טלית מיט איין עטרה פון פליטערלעך איבער׳ן קאָפּ, און שאָקעלט זיך אַ געוואַלד; ניין דאָס איז נאָך גאָרנישט; פון יודענס דרך=ארץ האָבען, איז אַמאָל גאָרנישט געדרונגען. אלא וואָס דען, אַפילו גוים, להבדיל, זענען פאַר איהם די כפרה געווען, נישט אַנדערש איהם גערופען ווי „נאַש אַלאַקום" (נעציל איז זיי שווער געווען אויסצורעדען). דער עקאָנאָם פונ׳ם הויף און אַמאָל טאַקי אויך דעם דוקעס קאַמערדינער אין עפּיס אַ מין טיזליק מיט טרעסטען און מעשענע קנעפּלעך, פלעגען קומען שבת, יום=טוב עסען ביי איהם פיש. פאַר פסח פלעגט ער פונ׳ם הויף בעקומען ווייץ אויף מצה און אַ פאָר אינדיקעס, אַזוי איז שוין עס געשטעלט געווען. ביים איסגעבען די מיזינקע זיינע, איז זי, די כלה הייסט עס, אויף מאָרגען נאָך דער חופה, נעגאַנגען מיט די מחותנים און מיט די כלי=זמר צום דוקעס אין הויף. זי אַליין מיט איהרע כשר׳ע הענד האָט צוגעטראָגען דעם דוקעס אַ טאַץ מיט לעקעך און איינגעמאַכטס, מיט סטרודעל און מלכות=ברויטלעך. דער דוקעס האָט עס מיט אַ משונה=זיס שמייכעלע צוגענומען, אַנידערגעלעגט אויפ׳ן טאַץ אַ רויט=גילדענעם רענדיל, דרשה=געשאַנק הייסט עס. עפּיס געבעבעט, אָנגעבעבעט אַ פולע קאָפּ, אויסגעמישט

אָנגענומען פאַר ליעב; בײַ איהר איז עס געבליבען — שאַ! און פּלוצלינג איז קאַבצאַנסק אַרױס פון די כלים, איבערגעביטען איז זי געװאָרען, װי שטיל דאָרט איז אַמאָל געװען, אַזױ רעש'ט זיך, קאָכט זיך אין איהר הײַנט, עפּיס גאָר אַ פײַער=שפּײַענדיגער באַרג, בעהיט זאָל מען װערען — פײַערט, שיסט, גיסט פּעך און שװעבעל, און דאָס געפּילדער איהרס צוטראָגט זיך העט=װײַט. גיכער װאָלט מען זיך געריכט אױף איהר אַ טױט, אַ מיתה משונה די שונאים, אײדער הערען פון איהר אַזױנע געװאַלדען, גאָר אַ שרעק.

און פון װאָס, װעט מען זיכער פרעגען, האָט אָט דאָס גאַנצע איבערקעהרעניש זיך גענומען? — אױ, אַ געלעכטער צו זאָגען, אַ גע׳עבטער מיט גרינגע װערים! גענומען האָט זיך עס גאָר אין אָנהױב פון עפּיס אַ קלײניגקײט, דערנאָך האָט זיך עס געקײטעלט אײן מעשה אין דער אַנדערער, ביז ס'איז געװאָרען אַ גאַנצער באַרג, פון װאַנען ס'איז אַרױס דער גאַנצער גיהינום: לאַנגע צונגען פלאַם=פײַערדיגע — קראַך=טראַך=טאַראַראַך, קולות ביז אין דעם זיבעטען הימעל! נישמעהר, װאָס איז דאָ זיך צו װאונדערן, אַז אינגאַנצען העגנט דער יוד אױף אַ האָר, שטעהט אױף משקולת. אַ מינדסט קלײניגקײט װירקט אױף דעם גאַנצען גאַנג פון'ם יודישען לעבען. דאָס יודיש מזל איז שױן אַזױ, מ'שטײנס=געזאָגט. איבער אַ האָהן מיט אַ הוהן איז צעשטערט געװאָרען אַ שטאָדט טור=מלכא, און איבער אַ דעמבענע אַקס איז געװאָרען אַ תל פון ביתר. אַזױ איז די יודענס אַלטע געשיכטע און אַזױ אױך די געשיכטע זײערע די נײַע. פון אַ נאָרנישט װערט אַ מוסקאַט=קױל, פון שו=שו=שו יענעם אין די אױערען דונערט=בליצט, און עס גיסט זיך אױס אױף זײ די תוכחה.

אױ, איבער אַ שטאָט אין מזרח=װאַנד איז אין קאַבצאַנסק הײַנט אַ בײזע מהומה!

* *
*

נאָך העט=העט, פון גאַנץ לאַנג, זינט עס האָט זיך אױסגעמױערט די קאַבצאַנסקער גרױסע קלױז ביז אין די שפּעטערדיגע צײַטען, האָבען פערנומען דאָרט אַ שטאָט אין מזרח=װאַנד די לײבעלעך. אַזױ האָט די גרעסטע, געהױבענסטע משפּחה אין קאַבצאַנסק געהײסען אױף דעם נאָמען פון'ם עלטער=זײדען, רב לײבעלע, זכרונו לברכה, — דער נגיד,

די שטאָט שטעהט לעדיג, נישט בעזעצט, זעהט אויס ווי אַ וויסטע אַלמנה. ליעב איז זי איטליכען טאַקי, ליעב און טייער, צום האַרצען; נאָר וואָס טהוט מען אָבער מיט דעם פריץ? ער איז, ווי איטליכער מאַגנאַט, אַ שטיקעל קאַפּריז, ווי איטליכער שררה אַביסעל משוגע — עס ווילט זיך איהם זיין אַ בעל־הבית פון אַ שטאָט אין אַ יודישען מקום־קדוש! — אוי, ווי שטאַרק וועה עס טהוט דאָס יודישע האַרץ זעהענדיג, אַז יענעם אָרט, וואו עס זענען געזעסען פריהער אַזוינע לייבעלעך, אַזאַ רב אליקום געציל, וואָס ממש די שכינה האָט אויף איהם גערוהט, געהער איצינד דעם פריץ! אַז אַ פריין מישט זיך אַמאָל אַריין, ווען עס קימט איהם אָן דער שגעון, אין אַתה־הראת, אין הקפות און ביים אויסוועהלען גבאים. אַ וועהטאָג איז דאָס אַודאי אַ גרויסער, נאָר בעפרייען זיך פון גלות, אויסלייזען פון פרעמדע הענד די שטאָט ציזליך מיט דעם מקום קדוש, דערצו האָט זיך געפיהלט דער קאַבצאַנסקער עולם צו שוואַך, צו אָרים, און פערלוירען כמעט די האָפנונג.

צוויי פאַרשוינען נאָר, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, האָבען געהאַט אַ אויג אויף דער שטאָט, קומען צו איהר, איטליכער אויף זיין דרך — איינער איז רב שמעלקי, דער אַנדערער — חייקיל היים — צוויי נישט קיין גלייכע מענשען, איינער מיט דעם אַנדערען קידער־ווידער ווי די צוויי קעץ אין איין זאַק.

רב שמעלקי געהער צו דעם סאָרט נפשות, אויף וועלכע עס שיקט זיך צו זאָגען, אַז זיי זענען צווישען אונז מענשען דאָס אייגענע, וואָס אוגערקעס, אַ שטייגער, צווישען דעם גאָרטענוואַרג. עס טהוט זיך אַ ווייז פריהמאָרגענס אין גאָרטען דאָרט, וואו נעכטען האָט מען גאָרנישט בעמערקט, אַ גרויסע גרינע אוגערקע, עפּיס פּלוצלים, נאָר אומגעריכט־אוגערקעס, אַזוי הייסט עס, וואַקסען ביי נאַכט, אַז עס זעהט נישט קיין אויג — און אַזוי אויך די פיינע בריית. איינער עפּיס אַ יודעל, אַ שמעלקי פונ'ם געמיינעם קאַבצאַנסקען עולם, ווער האָט איהם געהערט, ווער האָט איהם געוואוסט, איז פּלוצלים פון דער ערד אַרויסגעקראָכען — און מזל טוב דיר, קאַבצאַנסק, מיט דיין אוגערקע, מיט אַ ניי־אויסגעוואַקסענעם רב שמעלקי! מאַך שהחיינו.

רב שמעלקי — ער האַלט עס היינט די קאַבצאַנסקער אַרענדע, איז אַ פאַקטאָר אין הויף, אַ מאַכער אין שטאָדט און שטאַרק געהייבען.

דאָס חשיבות פון רב שמעלקין איז, וואָס ווי שטומפּיקליך ער איז אויף דער עברי, נישט קיין געלערענטער, אַזוי אַ שאַרפער, אַ גרויסער

קאַשע מיט מאָהן, אַלץ: חתע, חתע, פּאה׳קעלע, ציצעלע, חוסיד, תּלמוד, לאַפּסערדאַקלע, דער רוח ווייסט, וואָס ער האָט געמיינט. אַזאַ מין מזל־טוב בּיי זיי איז עס, אַ פּנים. דערנאָך האָט ער, אָנגעהמענדיג זי, די כּלה הייסט עס, בּיים בּעקעלע, אַ גלעט געטאָן, איין מאָל און געזאָגט: פּיענקנאַ דיווטשאַטאַ! נאָך אַמאָל אַ גלעט, אַ קניפּ אין בּעקעלע, און צו רבּ אליקום־געציל׳ן שוין שמייכעלדיג געזאָגט: האַרנאַ או טעבּי, לאַקים, צורקאַ! – אָט וואָס הייסט כּבוד, אָט וואָס הייסט גרויסקייט!...

נאָר געֶה טהו עפּיס דעם רבּונו־של־עולם, אַז ער זיצט אויבּען און דרעֶהט דאָס רעדיל, טאַקי ווי אין דעם „ונתנה תּוקף" דאָרט: מי ירום ומי ישפּל — ווער אַרויף און ווער אַראָבּ. בּעדאַרף זיך אין אַ צייט אַרום איבּערדרעֶהען דאָס רעדיל, און רבּ אליקום געציל פאַלט אַראָבּ. בּלייבּט אַ קבּצן, הייסט עס. יאָ, אַ קבּצן וואָלט נאָך געווען נישקשה, נימער ערגער, וקבּצנו כּיחד, גלייך מיט אַלע קאַבּצאַנסקער יודען, מיר נישט, דיר נישט, ווי זאָגט מען עפּיס — עט, פונדעסטוועגען לעבּט מען דאָך, בּרוך השם, אַבּיסעל נישט דערעסען, נישט דערטרונקען, מילא וואָס? בּע!... נישט צו פערזינדיגען. מען שטערבּט אָבּ דאָס לעבּען און מען שטאַרבּט גלייך מיט לייטען. ניין, נישט אַ קבּצן בּפּשטות איז ער געבּליבּען, נאָר אַ קבּצן מיט מכּות, מיט חובות. אייגענטליך איז ער נישט געבּליבּען, וואָרום ער איז גאָר לכתחילה נישט געווען קיין עושר, ווי מען האָט געמיינט. גלאַט, קאַבּצאַנסק האָט איהם אַיינגעווינט פאַר אַ נגיד, געהייבּען אויף דרוקעס, האָט ער, ווי דער שטייגער איז, זיך געמוזט האַלטען. קאַבּצאַנסק האָט געלוינט מאַכען איהם בּיי זיך פאַר אַ גביר כּדי צו נעהמען בּיי איהם נדבות, און ער, נעבּעך, אַז אָך און וועֶה צו איהם, האָט געמוזט געבּען. עס טרעפט זיך אַמאָל צווישען יודען אַזוינע זאַכען. דער סוף איז געווען ווי געוועֶהנטליך — יבּש! בּמזומנים נישטאָ קיין גראָשען, אַיינגעטונקט אין חובות, פאַר דער אַרענדע אַ צייט־לאַנג ניט געצאָהלט קיין ראַטע, פאַר בּראַנפען דעם פּריץ קומט אויך. הכּלל, עס קומט, קומט, מען מאָנט, מען פאָדערט. און דער ענטפער זיינער איז, ווי עס הייסט געוועֶהנליך בּיי סוחרים — קוממיות! רבּ אליקום געציל מיט זיין גוט האַרץ האָט עס נישט געקענט איבּערטראָגען, זיך פאַרעסען און געשטאָרבּען. דער פּריץ האָט פאַר די חובות צוגענומען זיין הויז, געלעגט אַ אַרעסט אויף די חפצים, אויך אויף דער שטאָט זיינער אין מזרח־וואַנד. דאָס הויזגעזינד רבּ אליקום־געציל׳ס האָט זיך צושלעפּט, דער אַהין, דער אַהער — אוי׳ס לייבּעלעך!

בריקעל, וואו די לופט איז אַ ביסעל פרייער, די אײַנוואוינער דאָרט אַ ביסעל נישט אַזוי... ביי זיי, הייסט עס, איז אויך רעכט אַ ביסעל עולם הזה. אַלט=קאַבצאַנסט קוקט אויף זיי פאַרדרעענדיג אַביסעל די נאָז, עפּיס, דאַכט זיך איהר, ס'איז אַביסעל גראָבליך... דאַכט זיך, דאָס... יודישליך און פאָרט עפּיס נישט דאָס... דאָס שטיינדיל פון דער נייער שטאָדט, אָדער ווי זי הייסט ניי=קאַבצאַנסק, איז געווען חייקיל=חיים. דאָרט איז ער געבוירען געוואָרען ביי זיין טאַטען, עליו השלום, וואָס איז געווען אַ יוסטער בעל=הבית, אַ קרוב מיט די לייבעלעך. דאָרט איז ער אויסגעוואַקסען, חתונה געהאַט און געוואוינט ביז דער איצטיגער צייט. ער בעדאַרף אַלט זיין היינט אַקענען אַ פערציג יאָהר. אַ מישלם איז חייקיל=חיים. טאַקי ווי מען זאָגט, מיט אַלע מעלות. וואָס, ווילט איהר, קען ער נישט? ווילט איהר לערנען, איז ער געלערענט; ווילט איהר לשון, איז לשון, אָבער אַזוי מליצה'דיג, טיעף, ווי הייסט עס עפּיס היינט, פּסיכאָלאָגיע; טיעף מיט אַלע קונצען אין דער נשמה אַריין. ווילט איהר פּאָליטיקע, איז פּאָליטיקע, און ווילט איהר אפשר חקירה, איז אויך חקירה. הכלל, ער איז אַ בעל=מוח, אַ מושלם! פונדעסטוועגען האָט אַלט=קאַבצאַנסק איהם דאָס מוחל געווען און שטאַרק געהאַלטען פון איהם פאַר זיין גוט האַרץ, פאַר זיין שענער בענעהמונג און צוגעלאָזטקייט צום קלענסטען אַפילו. בעזונדערס האָט איהם אַלט=קאַבצאַנסק ליעב געקריגען זינט ער האָט זיך צו איהר איבערגעקליבען, פונ'ם נייען בית=מדרש דאָרט זיך איבערגעטראָגען צו איהר אין דעם אַלטען. פאַר וואָס ער האָט זיך איבערגעקליבען? דערויף איז דאָ אַ סך ממרות, נאָר וואָס מאַכט עס אויס, צום עסק געהער זיך עס כלל נישט אָן, ער האָט ליעב אַלט=קאַבצאַנסק, אַלט=קאַבצאַנסק האָט ליעב איהם — און, ווי אַ ליטוואַק זאָגט, פּטור!

די קלויז האָט אויפגענומען חייקיל=חיים'ן ביי זיך אונטער=אויבען. די אַלע אַנדערע געהייבענע שטעט דאָרט זענען נישט געשטאַנען לעדיג, נאָר דער אונטער=אויבען איז אויך נישקשה. ער האָט זיך עפּיס זיין בעזונדער מין חן. ציהט צו זיך צו נאָר טאַקי ווי אַ מאַגנעט. דאָרט איז געוויינליך אַ מקום=מנוחה פאַר איידעלע מענשען פונ'ם בעל=דבת'ישען שטאַנד, וואָס האָבען ליעב זיך צו וואַרמען, אַריינקוקען אין אַ ספר, ניט אין דער גמרא דאָרט, וואו מען בעדאַרף צולענען מוח, נאָר אין אַגדתות, אין מדרש, וואו עס ווערט דערצעהלט וואונדערליכע

פּרומאַק איז ער, אַזאַ מאמין ווי ער איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט זיין גלייכען. ער גלויבט אין אַלצדינג, וואָס נישט פאַר זיין שכל. — גלויבט אין גאָט און אויך אין רוחות, גלויבט אין חלומות, אין ניסים, אין כשוף און אָבשפּרעכענישען. אויך די מעלה מוז מען איהם נאָכזאָגען, אַז ווי גרויס ער האַלט זיך פאַר קליינע, אַזוי קליין האַלט ער זיך פאַר גרויסע; ווי שטאַרק ער שטעהט פאַר אַ פּיצעל כבוד דאָ אין שטעדטיל, אַזוי איז ער מוחל אויף זיין כבוד דאָרט אין הויף, אַ שטיינער; לאָז מען זיך שפּעטען פון איהם וויפיעל דאָס האַרץ גלוסט, מאַכט איהם נישט אויס; און ווי אַ בריה ער איז צווישען דאָס זייניגע מיט דער צונג, אַזוי נעהמט איהם דאָס לשון, ציטערט פאַר דעם פּריץ'ס אַ בליק.

רב שמעלקי, אַ שטייגער, האָט, זינט ער איז אַ רב שמעלקי, שטאַרק חשק צו די לייבעליכעס שטאָט, ווייסענדיג ביי זיך זעהר גוט, אַז דורך דעם וועט ער ווערען געהייכט. ווי באַלד ער בעזיצט די שטאָט אין מזרח, האַרט נעבען אָרון=קודש, קרוינט ער זיך שוין מיט אַ פיינזילבערנער עטרה אויפ'ן טלית, בעקימט ער שוין מיט רעכט, לכל=הדעות, די בעסטע עליה, ששי, און צוגלייך דערמיט דעם טיטעל מורנו — אַזעלכע זאַכען, וואָס קיין בעסערס, קיין העכערס דערפון איז ביי יודען מעהר נישטאָ. נאָר בעטראַכטענדיג זיך, אַז דער בעל=הבית פון דער שטאָט איז דער פּריץ, איז איהם באַלד טאַקי פערגאַנגען דער חשק און האָט אַראָבגעלאָזט די נאָז. אין דעם עולם'ס אַ שמועס אַמאָל: „געוואַלד, רב שמעלקי! ווען וועט שוין אונזער מקום קדוש אַרויס פון גוי'אישע הענד" — פלעגט רב שמעלקי מיט אַ פרום זיפצעלע ענטפערן: וואָס קענען מיר טאָן? וואַרט, ברידערלעך, ביז השם=יתברך וועט רחמנות האָבען, טאָן אַ נס, חאַפּט זיך נאָר נישט פאַר דער צייט...

יאָ, רב שמעלקע איז אַ אונגערקע, אַזעלכע, וואָס וואַקסט אויס סוף זומער, בשעת אויף נאָטס וועלטיל רוקט זיך אָן דער גלות פונ'ם ווינטער, זי איז געל, קרום, געבויגען נישט ווי אַ אונגערקע בעדאַרף זיין, האַרט, ביטער אויסגעטריקענט, אָהן אַ קאַפּעלע זאַפט!...

אַקענען אַזאַ געלער, פוילער אונגערקע, ווי רב שמעלקי, איז אַ שען=פריש קאָרפּירער אתרוג'ל חייקיל=חיים פון דער נייער שטאָדט — אַזוי הייסט יענער קליינער טייל קאַבצאַנסק, וואָס אויף יענער זייט

מיט זיי אינאיינעם, ווי מען זאָגט, אין קוואַס. ס׳איז איהם געווען אַ בושה, אַ חרפה, אַ וועהטיג, זיין אַזוי מיאוס דערנידעריגט, לאָזען זיך טרעטען ווי אַ וואָרים אונטער די פיס, קריכען, זינגען דעם פריין „מה־יפית" — ניין, אַזוינס איז נישט פאַר איהם! ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, נישט אַנדערש טאַקי ווי בעפרייען דאָס מקום־קדוש. לאָז מען חאָטש האָבען דאָ ביי זיך אַ שטיקעל מנוחה, נישט זיין צו שאַנד און שפּאָט.

איינמאָל, חנוכּה, ווען יודישע קינדער מענטשלען זיך, נעהמען זיך איבער מיט די גבורות און מלחמות פון זייערע גבורים פאַרצייטענס, זאָגען בעהאַרצט על־הנסים, שפּילען אין דריידיל, אין דער האָפנונג, אַז זיי וועלען נאָך, נישקשה, מיט דעם אויבערשטענס ניסים דרעהען וועלטען — דענסטמאָל, אַז חייקיל־חיים האָט, אַריינגעלאָזען זיך אין אַ בריטליכען שמועס איבער חנוכּה, געגעבען דעם עולם צו פאַרשטעהן, אַז ניסים זענען זיך ניסים, פונדעסטוועגען טאָן בעדאַרף אַ מענש טאָן טאַק זיינס, און ווען די חשמונאים זאָלען נישט געווען אָנהייבען די מלחמה מיט דעם שונא, וואָלט דער נס פון חנוכּה נישט געקענט זיין, — איז ער אָט פונ׳ם דאָזיגען שמועס אַרויף אויף דעם קאַבצאַנסקען מקום־קדוש, וואָס איז אין פרעמדע הענד, און בעוועגט דעם עולם, פּרוּווען זיך טאָן וואָס נאָר מעגליך, אַז זיי זאָלען זיין די בעלי־בתּים דאָרט. — איך פון מיין זייט, האָט ער געזאָגט, בין גרייט צו טאָן אַלצדינג, נישט שפּאָרען קיין מיה, קיין צייט, אַבי ווילט איהר נאָר, עס זאָל קיין מניעה נישט זיין פון געלד. די האָניג־זיסע ווערטער זיינע האָבען זיך איהם גענאָסען פונ׳ם מויל גלייך די קאַבצאַנסקער אין האַרץ אַריין. די זאַך איז אַריין אין טעם, וואָס ווייטער, ווייטער זיך פערברייט, ביז לסוף האָט געקלונגען מיט איהר גאַנץ קאַבצאַנסק.

רב שמעלקען איז די דאָזיגע זאַך געווען ווי אַ מעסער אין האַרץ. עס האָט איהם געשטאָכען ביז אין דער זיבענטער ריפּ. פאַר וואָס? ערשטענס, דערפאַר וואָס איטליכער גראָבער יונג, דערצו נאָך אַ פּרומאַק, האָט אמת פיינט אַ מענשען אַ איידעלען, אַ געלערענטען. דער גאַנצער טהוער דרינען איז דאָך חייקיל־חיים, וועלכען ער קען נישט אָנקוקען. צווייטענס, דערפאַר וואָס חייקיל־חיים קען מיט דער צייט זיך דערשלאָגען צו די לייבעליכעס שטאָט. און דעם כּבוד האָבען ווילט זיך דאָך איהם אַליין. דריטענס, דערפאַר וואָס איז אַ מורא אַיינצורייסען מיט דעם פּריין, ער קען ברוגז ווערען און דורכדעם זאָל עס איהם, חלילה, שאַדען צום עסק, צו דער אַרענדע. און פערטענס איז נאָר פּשוט,

זאַכען, חידושים ונפלאות, פון וועלכע עס ווערט עפּיס וואַרים, גרינג אויף דער נשמה. דאָרט, אונטער=אויבען, הייסט עס, רעדט זיך עפּיס געשמאַק, מיט אַפּעטיט; עס פיהלט זיך אין איטליכען שמועס, אין יעגעמס אַ וואָרט עפּיס נאָר אַ בעזונדער מין טעם. חייקיל=חיים מיט זיין געשליפענע צינגעל, מיט זיין בריה׳שקייט איז פאַר זיי געווען סחורה, ווי געחאַנשען. פון איהם פלעגען זיי הערען אַמאָל אַ פרישׁ וואָרט, אַזוינס, פון וואָס פריהער האָט זיך זיי אַפילו נישט גע׳חלום׳ט. ער האָט מיט זיינע מעשׂיות זיי איינגעגעבען שכל, צוגעגעבען מוטה, אַריינגעזעצט אין זיי פשוט אַ נייע נשמה. די רעדלעך מענשען אַרום איהם זענען פון טאָג צו טאָג געוואַקסען, מען האָט זיך פשוט מחיה געווען הערענדיג עפּיס אַ גוט וואָרט. נישט אומזיסט האָט ער געהייסען מכלכל חיים, ער האָט אַריינגעטראָגן אין דעם אַלט=קאַבצאַנסקער עולם אַ נייע וועלט מיט אַ ניי לעבען. בידנע, דערשלאָגענע קאַבצאַנסקער ברידערלעך, זיי האָבען, נעבעך, ערשט דערפיהלט, אַז זיי זענען אויך מענשען, אַז זייער נשמה איז אויך נישט פון קליאַטשע!

און מיט אַזעלכע מענשליכע געפיהלען ווי שטאַרק ביטער זיי האָט געמוזט זיין, אפשר הונדערט מאָל נאָך ערגער ווי פריהער, צוזעהענדיג, אַז דאָס שטיקעל מקום קדוש, דער איינציגער טרייסט זייערער אין לעבען, דאָס איינציגע אָרט, זייער היים, זייער אַלין=מיט=אַנאַנדער, וואו אויסצוויינען זיך אַמאָל, וואו אויסצוגיסען זייער האַרץ פאַר דעם פאָטער אין הימעל — אַז דאָס דאָזיגע מקום קדוש, דאָס חיות זייערע, איז אַצינד אין די הענד ביים פריץ, וואָס מאַכט זיך דערויף אַ שפּיל, אַ געשפּעט, טהוט דאָרט וואָס ער וויל, ווי עס קומט איהם אָהן דער שגעון; ער איז דאָרט, אַז אָך און וועה, דער בעל=הבית, און זיי עפּיס טאַקי נאָר ווי איינגעבעטענע געסט — אַ גלות, וואָס איז שווער צו דערליידען!

ביי אַנדערע וועט די גאַנצע דאָזיגע זאַך זיין אפשר אַ געלעכטער, נאַרישקייטען, פון וואָס, משטיינס=געזאָגט, מען האָט דאָ צו רעדען! נאָר לאָזען יענע איבערקומען אויפ׳ן קאַבצאַנסקער עולם׳ס שטאַנד, וויסען, וואָס הייסט אַזוינס עלענד, נויט, אָבהענגען אינגאַנצען פון אַ פּריץ, אַ קאַפּריז; וויסען וואָס פאַר אַזעלכע, נעבעך, הייסט אַזוינס אַ מקום=קדוש, — אַי, וואָלטען זיי דענסטמאָל געפיהלט, געהערט, נישקשה, אַנדערע ווערטער!

חייקיל=חיים האָט גוט געפיהלט די מיאוסע קאַבצאַנסקער לאַגע, ער אַליין איז דאָך, אין גרונד גענומען, אויך אַ קאַבצאַנסקער, און ליגט

זומער איינמאָל אין דער פריה, אַז דער קאַבצאַנסקער עולם איז מיט די טלית=און=תפילין=זעק געגאַנגען פריי צושפּילעס, די הערצער אָפען אַקעגען דער זון, משינה הנאָה האָבענדיג, ווי זי באַקט, וואַרעמט נאָר מחיה; געזעהען פאַר זיך גאָטס שען וועלטיל: בוימער, גרינס, געוועקס, אָבשאַצענדיג ביי זיך אין געלד די סחורה, דאָס גערעטעניש, הייסט עס, אין גאָרטענוואַרג: ציבעלעס, רעטיך, קאַרטאָפעל, וואָס וועט, געלויבט דער אייבערשטער, זיין היינטיגס יאָהר, — מיט אַ=מאָל הייבען זיך אויף פון עק גאַס זיילען שטויב, עס לאָזט זיך הערען אַ רעש, אַ געפילדער: מע, מו, מע=ע! ערשט וואָס? דאָס מעקעט=מוקעט, לויפט הונגעריג, פערשמאַכט די מטערעדע בהמות צוריק פונ'ם פעלד, נאָר פלוצלים, נישט אין דער געהעריגער צייט. עס ווערט אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ ביין וואונדער: האַ, וואָס איז? אין דער עולם בעקומט באַלד טאַקי די פינסטערע בשורה: אוי וועה! דער פריץ וויל מעהר נישט לאָזען פיטערן זיך ביי איהם אייפ'ן פעלד די יודישע בהמות ווי פריהער.

שלעכט, גאָר ניט קיין גוטער משא=ומתן!... לויפט מען דאָך מסתמא אין הויף צום אָדון הגדול, וויינען, בעטען. איז אָבער צום פריץ נישט צו=צוטרעטען, מען לאָזט נישט אויף דער שוועל. פאַלט מען אַריין מיט אַ געבעט צום עקאָנאָם: טאַטעניו, האַרצדיגער, העלף! זאָגט ער: יודעלעך=יודלאַקעסלעך, נין! — שרייט מען: אוי, נשמה'ניו, ליבעניו, פאַר וואָס? — ענטפערט ער: דער פריץ איז בייז. איהר יודעלעך=חאַלאַמייעלעך, האָט ער געהערט, ווילט איהם פערטרייבען פון דער שמאָט. — איז מען, ווי דער שטייגער איז, איהם מטמא, אַריינשטעקענדיג איהם אין דער האַנד אַ מטבע. — נאַ, טאַטעניו, נשמה'ניו, נעהם! ער זאָל חאָטש בגנבה לאָזען יודישע בהמות זיך פיטערן ערגעץ=וואו און אַוועקקוקען, צומאַכען די אויגען. די מטבע נעהמט ער — ער איז במטבע נישט קיין שלעכטער מענש — און באַלד טאַקי בעט ער ווייטער. — הכלל, ס'איז געמאַטערט, עס קומט אָן, שונא ציון, מיט ווערים.

און געשמעקט אין דערמיטען, ווי מען איז זיך דערגאַנגען, האָט רב שמעלקי, דאָס איז געווען זיין מלאכה.

אָט דענסטמאָל, איז אַרויס דאָס פייער — אַ כעס, אַ צאָרן, אַ מחלוקת, און קאַבצאַנסק ווערט צוטיילט אין צוויי מחנות, איוף מעסערשטעך איינע מיט די אַנדערע.

דערפאַר וואָס אַ רב שמעלקע מוז זיין תמיד דערווידער; וויל יענער אַזוי, וויל ער דוקא פאַרקעהרט; זאָגט יענער „יעהופעץ”, זאָגט ער אויפצו להכעיס „ביבעריק”... פונדעסטוועגען האָט רב שמעלקע זיך דערויס כלומרשט גאָרנישט געמאַכט. אַלץ געזאָגט ווערטלעך, געפרעגט קשיות מיט אַ שטעבעדיג שמייכעלע, אַ שטיינער אָט אַזוי:

— ווילט איהר, הייסט עס אַ פנים, ווי פריהער פאַליינגעווען אין מקום=קדוש, פאַרגעסט זשע נישט, מיינע ליעבע יודען, אַז די שטאָט דאָרט געהערט דאָך פאָרט דעם פריץ.

— מילא, וואָס זשע איז? — ענטפערט מען איהם פונ'ם עולם — דער פריץ האָט דאָך זי אין האַנד פאַר הוביה, נו ווער מען זי אויסלייזען.

— און געלד, מיינע ליבע יודען? ווער וועט עס געבען געלד, אפשר אייער מכלכל חיים?

— נישקשה, רב שמעלקי! געלד וועט זיין, לאָז נאָר קאַבצאַנסק וועלען.

— קאַבצאַנסק! אַ געלעכטער, כ'לעבען, זעהט איהר - אויף צו נעהמען, אָך, איז דאָ אין קאַבצאַנסק, אָהן עין=רע, זעהר פיעל בעלנים! נאָר לאָז זיין אַפילו אַזוי — אייסלייזען, געלד איז דאָ, וועט דען, פרעג איך אייך, קאַבצאַנסק אַ סך דערפון אַרויסקומען? גאַנץ קאַבצאַנסק אין מזרח=וואַנד וועט דאָך נישט אַרויפקריכען, הייגט צו וואָס, נאָך אַמאָל פרעג איך אייך, זאָל...

— שאַ, לאָזט זיך דינען, רב שמעלקי! פאַלט איהם אַריין אין די רעד איינער פונ'ם עולם; דאָ געהט נישט מעהר, פאַרשטעהט איהר, ווי אין דעם פינטעלע, אין דעם יודישען פינטעלע. יודיעט מען די שטאָט, דאָס הייסט זיצט ווידער אויף איהר אַ יוד, געווינט דורך דעם גאַנץ קאַבצאַנסק זעהר פיעל. זי ווייס דענסטמאָל, אַז זי האָט אַ מקום=קדוש, און דאָס אַליין וועט איהר צוגעבען אַ שטיק געזונד, פרישע קרעפטען און שטאַרקען דעם גייסט. חי וועט הייסען געלעבט!

— פששש! -- מאַכט רב שמעלקי, פאַרקרימענדיג זיך מיט אַ זויערע מינע, -- אוי, וועט זיין חי געלעבט, אוי, וועט מען וויסען וואָס הייסט אַזוינס דער'רגזנ'ען אַ פריץ!

מעהר האָט רב שמעלקי נישט געזאָגט; ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען שפעטער, האָט ער מעהר טאַקי געטאָן ווי גערעדט.

אַי, האָט זיך עס פון יענער צייט אָנגעהויבען טאָן, טאָן!..

יענעם צד. בּיידע צדדים זענען צו׳להכעיס׳ניקעס, טהוּען אין דער גאַל אַריין איינער דעם אַנדערען. פאַר גרויס פאַרכט און איבּערטראַכטעניש האָבּען זיי, די כּלי־קודש הייסט עס, ווי די צודולטע זיך געחאַפּט, אַליין נישט רעכט צו וויסען, אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי זענען, און מקיים געווען אַלצדינג: אַ שמעק דאָ, אַ שמעק דאָרט, אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ דעם, אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ יענעם, אַ שפּרונג אַהין, אַ שפּרונג אַהער, און אַ שפּרונג־אָבּ צוריק — נישט אַהין און נישט אַהער. אַלצדינג האָבּען זיי געטאָן, זיך געשטרעקט, ווי מען זאָגט, אין אַלע עקען — און זענען, נעבּעך, אומגעקומען, געוואָרען קדושים, אַ שיינע ריינע כּפּרה פאַר יודישע קינדער! עס רעש׳ט זיך קאַבּצאַנסק, און דאָס מחלוקת דאָרט וואַקסט, וואַקסט!

דען כּפי ס׳איז בּעקאַנט, מאַכט זיך נישט אין דער וועלט קיין זאַך, וואָס זאָל נישט מיטכּרענגען מיט זיך צוגלייך איהרע געוויסע בּעשעפענישען, און צו דינען זיי פאַר אַ מיטעל צום לעבּען. אין אַ בּלאָטע, אַ שטיינער, האַלטען זיך טייפעל! אין אַ קאַליושע — זשאַבּעס; וואו אומריינגקייט — שוויבּלען־גריבּלען אַלערליי מיני שרצים, און וואו קריגן, מחלוקת — שפּראָצען, קומען אויף מענשלעך אַזוינע, דער שיאַדין יאָהר ווייסט ווער זיי זענען, וואָס ציהען דערפון די פּרנסה בּכבוד, זענען שטאַרק אין דער מאָדע און גילטען בּיי אַלע נאַראָנים.

אָט אַזוינע מענשלעך, אַזעלכע מאָדנע נפשות, עפּיס נאָר נייע מיני־כלי־קודש, זענען אַרויפגעשוואומען אויך דאָ, אין קאַבּצאַנסק בּשעת דער מהומה, געוואָרען רעדעל־פיהרער און זיי האָט געטייגט צום עסק אונטערצוּבּלאָזען דעם פייער, די שנאה זאָל וואַקסען. זייענדיג לפנים הייסע חסידים חייקיל־חיים׳ס, האָבּען זיי געמיינט בּיי זיך, איהם צו פיהרען בּיי דער נאָז, ער זאָל בּיי זיי זיין ווי דער בּער בּיים ציגיינער, וואָס פיהרט זיך מיט איהם אַרום פון שטאָדט צו שטאָדט, שפּילען די קאָמעדיע, זינגען, טאַנצען — און מאַכען די קאָפּיקע.

— קומט, חברה — האָבּען די מענשלעך געזאָגט — קומט, לאָמיר נעהמען קאַבּצאַנסק אין אונזערע הענד אַריין!

קאַבּצאַנסק האָט עס דערהערט. איז זי פערצאַפּעלט געוואָרען! עס האָט אין איהר געקאָכט און גערוישט ווי אין ים בּשעת אַ שטורמווינד. פון בּיידע מחנות זענען אַרויס גבּורים אויף אַ מלחמה איינע אַקעגען די אַנדערע — און די ערשטע הייסע פייערדיגע פּעטש זענען געפלויגען אין קלויז איבּער גבּאות... פון דאָרט זענען זיי געפלויגען ווייטער.

די פון חייקיל־חיים׳ס חברה־לייט, אָדער ווי זיי הייסען דאָרט מבלבל־חיים׳ניקעס, שווייגען נישט אין זייער זאַך: — זיי פייערען. יענע, פון רב שמעלקעס לייט, שמעלקעניקעס, הייסט עס, בעלי־בתים פראַקטישע, וואָס די פרנסה זייערע איז פון דער אַרענדע, שווייגען אויך נישט, — פייערען.

און צווישען די צוויי פייערען זענען צו־ערשט געשטאַנען די קאַבצאַנסקער בהמות, און דערנאָך, — אַ ביטער רחמנות, נעבעך, די קאַבצאַנסקער כלי־קודש.

מילא, בהמות זענען בהמות, קיה הייסט עס, שטילע ברואים מיט דרך־ארץ. פון זיי, אַז זיי האָבען אַמאָל געהונגערט, געהינעט אין דער היים, איז נאָך געווען צו דערליידען, ציגען אָבער, שקצים, ווייסע־חברה׳ניקעס, אַז זיי געהען נישט אין חדר, אין פעלד הייסט עס, קעהרען זיי אַ וועלט און זענען פול אין אַלע ווינקעלעך. מען בעדאַרף וויסען, אַז אין קאַבצאַנסק איז דאָ אַ גרויסע עדה ציגען, ווי באַלד זיי איז נישט דערגאַנגען אַמאָל אין דער קישקע, האָבען זיי אָנגעטאָן מעשים — געשפרונגען אין די גערטנער, געקראָכען וואו מען בעדאַרף נישט, געכאַפט אין מאַרק פון די מולטערס און אויפגעווינעלט אַ קעגען זיך אַ שטאָרט מיט מענשען און מיט הינט, להבדיל. וואו ערגעץ אַ הונד האָט געעפענט אַ מויל, געבילט, געהאַוקעט, זיך געלאָזט הערען ווייט איבער די גאַסען. די שטאָרט איז געווען אויף, פשוט נישט אויסצוהאַלטען. מען געהט אַרום דול אָהן קעפ און מען איז גערן ווי מעגליך פון דער צרה פטור צו ווערען. — אָט דאָ הייבט זיך אָן אַ מעשה מיט געלד, די אַלטע מעשה מיט צונויפנעהמען ביים עולם געלד! און מיט צונויפנעהמער האָט מען, ברוך השם, קיין דאגה ניט, הלואי אַזוי פיעל געלד, וויפיעל צונויפנעהמער עס זענען דאָ. די געהמען צונויף געלד פאַר דעם עקאָנאָם מיט די בעדינטע אין הויף, לאָז מען חאָטש האָבען אַ חיי שעה, אַ רוהיגע מינוט פון די הונגעריגע בהמות; יענע נעהמען צונויף אויסקויף־געלד פאַר דעם פריץ, און נאָך אַנדערע נעהמען צונויף גלאַט אַזוי געלד, אויף הוצאות, הייסט עס. יודען, זאָגט מען, גיט געלד! פון איטליכס בהמה אַזוי פיעל און אַזוי פיעל...

ערגער נאָך פון די בהמות איז געווען, נעבעך, די כלי־קודש: רבנים, חזנים, שמשים, שוחטים, אַ שטייגער, זיי איז געווען ביטער און פינסטער פון אַלע זייטען. סיי־ווי־סיי, וואוהין זיי זאָלען זיך נישט קעהרען, ווענדען, וועט ברענגען אויף זיי אַ פייער פון דעם אָדער פון

וועט אײַנגעבען פאָרמאַלנע וואו מען בעדאַרף, אַז מען זאָל יענע, וואָס ווילען ניט צאָהלען וויפיעל ער האָט געשטעלט, אַרויסטרייבען פון זייערע הייזער, וואָס שטעהען אויף זיין גרונט. עס ווערט אַ גערודער, אַ קאָכעניש אין דער גאַנצער שטאָדט:

— גוואַלד, רבונו של עולם, ס׳איז דאָך נישט אויסצוהאַלטען, ס׳איז שוין איבער די כחות!

לויפט מען דאָך, ווי דער שטיינער איז, אין הויף, צום פּריץ, אַדוני פּריץ! שרייט מען, פאַלענדיג איהם צו די פיס! אָ, זאָל ברומען דיין רחמנות אויף אונז! — דער פּריץ אָבער ענטפערט נישט קיין וואָרט. ברומען ברומט אַפילו — נאָר דאָס ברומען הינט, דער פּריץ האָט אָנגערייצט אויף זיי זיינע הינט, חאַפּט מען די פיס אויף די פּליי־צעס און מען אַנטלויפט... אַז בקשות העלפען נישט, מאַכט מען זיך האַרץ — שטעלען זיך דעם פּריץ אַקעגען. וואָס הייסט? טענה׳ט מען, צינז איז צינז, איין מקח אויף תמיד, די הייזער זענען אונזערע, פון אָבות אַבותינו. וויל ער נישט מיט גוטען, מוז מען זיך מיט איהם לאָדען. אַדרבה, טאַקי אַיינגעבען. נישקשה, ס׳איז דאָך דאָ עפּיס יושר. מענשליכקייט אויף דער וועלט!

האָט קאַבצאַנסק, ברוך־השם, אַ נייעם עסק! בעדאַרף מען דאָך שתדלנים, אָך, דערויף זענען דאָך עפּיס דאָ מענשלעך, יענע בריה׳ס־מענשלעך! עס פערשטעהט זיך, מען קלייבט זיי אויס צו שיקען אַהינצו, אין דער גובערניע. בעדאַרף מען דאָך אויף הוצאות, אַ פאָהר אַהין, אַ פאָהר צוריק, אַניעס, אַ טרונק קאָסט דאָך געלד, און וואו זענען ווייבער? די ווייבער אין דער היים איבערלאָזען בעדאַרף מען דאָך עפּיס אויך. — טרעסעלט מען אויס אַלע פּושקעס. פון יענעם געלד, וואָס פון די בהמות, פאַרנעהמט מען אויך. קאַבצאַנסק ברענגט זיך אויס. קאַבצאַנסק טהוט זיך אַריין אינגאַנצען אין „זאַקאָנעס”, קינד־און־קייט שאַרפען דעם מוח, טהוען־אויף סברות, ווי די געלערענטע אַדוואָקאַטען. ס׳איז דאָ צווישען זיי אויך, אָהן עין־הרע, פיעל גרויסע און קליינע יאַבעדניקעס, קאַבצאַנסק ליגט אין קאָפּ נישט מעהר ווי איהר משפּט, עס קריכט איהר אַרויס די אויגען וואַרטענדיג דעם סוף. ברוך־השם, זיך דערלעבט. עס הייבט זיך אָן דאָס לאָדעניש — און מען פער־שפּילט! — באשר וואָס איז? לערענט מען דאָרט דעם פּשט, צינז, אמת טאַקי, טאָר אַ פּריץ נישט, על פּי דין, העכערן. נאָר אַזוי ווי פאַר עטליכע יאָהר צוריק האָט דער קאַבצאַנסקער דוקעס מוסיף געווען

ווייטער, אַ שרעק! אַ קאַטאָוועס עפּיס אַז יודישע קינדער צושפּילען זיך די געבליטען, דענסטמאָל הערט מען נישט אַ וועלט, לעגט מען נישט קיין כבוד יונגע אויף אַלטע, קינדער אויף טאַטעס, איין עס=הארץ שעהמט זיך נישט צו זאָגען אַ דעה אין לערנען!...

פּעטש זענען געפלויגען און פליהען נאָך עד היום, — און די קאַבצאַנסקער יודען אַז אַך און וועה צו זיי, האָבען טאַקי, נעבעך, אַ פּנים ווי די אויסגעפּאַטשטע!

די זאַך גופא, פון וועלכער די אַלע קריעג האָבען זיך גענומען, האָט שוין נישט אַזוי אויסגעמאַכט, גלאַט דאָס קריגען זיך אַליין איז געוועזן אַ געשעפט. ביי אַ טייל געהט עס אינגאַנצען נישט מעהר ווי אין נצחונות. עס מעג זיך זיין וואָס עס וויל, אַבי ווייזען יענע, ווער עלטער ער איז. פון גערעכט — נישט גערעכט, פון יודישקייט — נישט יודישקייט, קענען — נישט קענען — איז דאָ ניט די רעדע, דער עיקר איז אויספיהרען. און ווידער ביי אַ טייל, ביי יענע מענשלעך, אַ שטייגער, געהט עס נישט מעהר ווי אין דער פּרנסה, דערווייל איז עס דאָך אַ עסק — הו=האַ! אַ לויפעניש, אַ פליהעניש אַהין, אַהער, אַ שרייבעניש, אַ שושקעניש, און דערלעגען צום פאָלק ישראל, נישקשה, דערלעגט מען נישט, אָך, מען מעג איהם, אַוודאי, ליעב האָבען...

די אַלטע כלי=קודש, זאָלען זיך מיהען, האָבען דאָך אויך ליעב געהאַט דאָס פאָלק ישראל, געקרעכצעט אויף גלות השכינה. נאָר די היינטיגע קאַבצאַנסקער נייע כלי=קודש האָבען איהם ליעב און קרעכצען אויף גלות השכינה טע=טע=טע, גאָר אויף דער נייער מאָדע... היינטיגע זענען נישט קיין פאַרוויינטע נשמות ווי די אַלטע. היינטיגע זענען גרויסע בעלי=בטחון׳ס. און האַרצען מעגען זיי זיך וויסען, אַז ס׳איז פּע, דאָך מאַכען זיי אַ פרעהליכע מינע, זענען תמיד אויפגערוימט מיט שיינענדיגע פּנים׳לעך, פערזיכערען, אַז זייער צד איז געהויבען, עס וועט, אם=ירצה=השם, זיין רעכט — לאָזען, הייסט עס די שמעלקעניקעס צופּוקעט ווערען!

ס׳איז אַ פּוקעניש, אַ צוזעצעניש, ביידע צדדים זענען אָנגעצונדען, לעגען=צו קנייטלעך איינער דעם אַנדערען, און קאַבצאַנסק קאָכט.

אינמיטענדרינען, ווי דאָ טהוט זיך אַזוינס, העכערט דער פּריץ דעם צינז פון די קאַבצאַנסקער הייזער, אַ צעהן מאָל מעהר ווי פריהער, און לאָזט מודיע זיין די בעלי=הבתים מיט דעם האַרבען וואָרט, אַז ער

און נאָך אַ טייל האָבען געשריגען: עט! אויף רחמנות, אייף יושר איז לאַנג צו וואַרטען, אָנצוהערעניש איז נאָר נישט. דאָס בעסטע מיטעל איז אַיין אַפּעלאַציע אַהין, אין די הויכע פענסטער, נישקשה, אַ עדה מענשען, אַבי זי וויל נאָר, וועט אויספיהרען... הכּלל, די אַזוי, יענע אַזוי, נישט קיין גלייכע דעות, און וויפיעל דעות, אַזויפיעל צדדים. קאַבצאַנסק פערקריכט ווייטער און פערפּלאָנטעט זיך נאָך מעהר!

גוט יום=טוב! — ס'איז פּסח. נאָך אַזויפיעל קאָפּדאַרעניש, אַזויפיעל בּויכוועהטאָג אַריינגעבראַכט, געלויבּט איז גאָט, דעם טייערען גאַסט, דעם פּסח! דער פּסח לאָזט זיך פיהלען אומעטום: אין שוהל, אין דער היים, אין דער לופט שמעקט מיט פּסח — מיט זיינע קניידלעך, זיינע חרעמזלעך און זיינע אַלע גוטע זאַכען. ער קריכט אויך אַריין איטליכען, גרויס און קליין, אָרעם און רייך, טיעף אינוועניג אין דער נשמה. עס ווערט עפּיס ליכטיג, פרעהליך אויף דער נשמה, קאַבצאַנסק שיינט! אָרעם, נעבעך, נישט אַזוי געקליידט, רייך מיט דער מאָדע, אַ ווייס העמד צום לייב מיט אַ אַלטער שבּת'דיגער קאַפּאָטע די גאַנצע הלבשה — און שיינט! עסט נישט קיין אינדיקעס, קיין קאָמפּאָטען, טרינקט נישט טייערע ווײנען! עסט, פון יוצא=זייגען, אַ שטיקעל פלייש מיט פרישׁ אָנגעריבּענעם חריין, אַ פּאַסטערנאַק=צימעס! טרינקט לאַקריצע, ראָזינקעס=ווײן אַ גלעזעל — און בּעלעקט זיך, האָט הנאה! קוויקט זיך מיט „אַתּה בחרתּנו״, מיט די גוטע שטיקלעך פּיוט, מיט דעם גאַנצען יום=טוב'דיגען דאַווענען — און מען זעהט ווי זי שעפּט תענוג, עס קומט איהר צו אַ שטיק געזונד, עס רוהט עפּיס אויף איהר די שכינה.

בּידנע קאַבצאַנסק, פערוואָגעלטע קאַבצאַנסק, נאָך אַזויפיעל צרות אַ גאַנץ יאָהר, האָב חאָטש יום=טוב אַ רוהיגע מינוט!

שביעי של פּסח, אַ פרעהליכער טאָג, ווען די יודען זענען איבערגעגאַנגען דעם ים, און די מצרים, די נאָכיאָגער זייערע, זענען דערטרונקען געוואָרען דאָרט; ווען קאַבצאַנסק איז געווען יום=טוב'דיג, פול מיט האָפנונג צו השם=יתברך, דעם בּעשיצער פון זיין געליבּט פאָלק ישראל אין אַלע צייטען, פּלוצים ווערט אַ רעש, אַ געוואַלד: מען געהט! — הע=הע, דעם פּריץ'ס לייט, גאַנצע חאָפּטעס, געהען מיט אַ פּייפעריי, סווישטשעריי, שלאָגען=אויס פענסטער, בּרעכען אויבענס, רייסען בּעטגעוואַנד! וואָס איז? דער פּריץ הייסט טרייבען יודען גנבים, שווינדלער, בּלוטזויגער, וואָס האָבען זיך פערקליבען צו איהם אין

פֿאַר איטליכען בעל־הבית אין קאַבצאַנסק עטליכע קאָפּיקעס אויף דעם צינז, און קיינער האָט זיך ניט געמאַכט דערויס און בשעת צאָהלען נאָך צושרייבען זיך ביי איהם אויף פּאַפּיר, הייסט דאָך עס שוין זינט דענכטמאָל, אַז זיי, די קאַבצאַנסקער בעלי־הבתים, זיצען אויף דעם דוקעס'ס ערד נישט בתורת צינז ווי פריהער, נאָר בתורת אַרענדע, און די אַרענדע האָט דער דוקעס רעכט, על־פּי־דין, צו העכערן ווען ער וויל און וויפיעל ער וויל. לא די וואָס פערשפּיעלט, בעדאַרף נאָך קאַבצאַנסק צאָהלען די הוצאות פון'ם משפּט, עפּיס נאָר אַ גרודע געלד!

אָט ווי קאַבצאַנסק איז פערקראָכען פון איין צרה אין דער אַנדערער, און האָט זיך שטאַרק פערפּלאָנטעט! נאָר ווי אָבער פּלאָנטעט מען זיך דאָ אַרויס? אין איין אַנדער צייט, אַז קאַבצאַנסק זאָל געווען זיין אין דער קלעם, וואָלט זי, נעבעך, טאַקי קיין עצה זיך נישט געקענט געבען. מ'שטיינס־געזאָגט, ווער? היינט אָבער איז נישט דאָס קאַבצאַנסק וואָס פריהער. היינט איז דער עולם איהרער גאָר עפּיס אַנדערש. די שטענדיגע מהומות, וואָס אין דער לעצטער צייט, האָבען איהם צוקאָכט דאָס בלוט, צורייצט, אויפגעוועקט אין איהם דעם עזות־פּנים. אַ קאַבצאַנסקער יוד היינט איז פלאַם־פייער, שטאַרק אָנגעלאָדען, נאָר עפּיס אַ וואָרט נישט אַזוי ווי ער וויל, שיסט ער אַיים מיט שאַרפע, שטעכעדיגע ווערטער, וואָס פליהען מיט אימפּעט איהם פון'ם מויל אויף שרויפען. די שטענדיגע עסקים, וואָס אין דער לעצטער צייט, האָבען געמאַכט פון די קאַבצאַנסקער ווילדע חכמים, עצות־געבער, דעות־זאָגער אין האַנדעל, אין לאָדעניש, אין באַנקירסקע און אַלע אַנדערע מיני געשעפטען, וואָס אין דער וועלט, דיפּלאָמאַטיע, פּאָליטיקע, אַ שטיינער, פּראָטאָקאָלען, אַפּעליאַציעס, וכדומה — דאָס זענען אַזעלכע זאַכען, וואָס יונגלעך, קלויזניקעס, האַלטען עס שטענדיג אין מויל און זענען זיך דרינען מפלפל. מיט עצות האָט קאַבצאַנסק, ברוך־השם, שוין נישט געהאַט וואָס צו זאָרגען. דאָס אומגליק אָבער איז, וואָס צופיעל. אַ טייל האָבען געזאָגט, מען זאָל אונטערשיקען צום פּריץ איינעם פון זיינע מקורבים, בעטען רחמים, שטיצענדיג זיך אויף דעם עולם'ס אַ ווערטיל: אַז מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער. ווידער אַ טייל האָבען געזאָגט: יאָ און ניין! אונטערשיקען דאָ, טאַקי אונטערשיקען, נאָר בעטען רחמים גלאַט פּראָסט, ניין! עס בעדאַרף זיין מיט פּאָליטיקע — אַ שטיינער, געבען איהם אין שמועס אָנצוהערעניש מיט אַ פרעג: וואָס פאַר אַ ווערטה קען האָבען זיין קאַבצאַנסק אָהן קאַבצאַנסקער למשל?..

נישט מיט געוואַלד. דער פּריץ איז אַ פּריץ און קאַבצאַנסק איז קאַבצאַנסק. מען בּעדאַרף נאָכגעבּען זיין שגעון. מיט דער צייט קען ער ווערען ווייך ווי טייג, האָטש צולעגען איהם צו אַ געשוויר. נאָר אַצונד לאָזט אנהם אָב, אָט דעם קאַפּריז..., קורץ גערעדט, רב חייקיל-חיים מאַכט זיך ניט וויסענדיג אַצונד פון דער שטאָט אין מזרח-וואַנד, איבער וועלכע עס האָט די גאַנצע קאַשע זיך פערקאָכט. און כּדי פערבּלענדען דעם דוקעס די אויגען, ער זאָל מיינען, אַז איהר האָט זי שוין מעהר אין זינען נישט, נעהמט אָן, זייט אַזויפיעל גוט, אָט די שטאָט, וועלכע מען לענט אַייך איצט פאָר, אויך טאַקי אין מזרח-וואַנד, נאָר ערגיץ אַנדערש, ווייטער אַביסעל. אין פּאָלעש פון דער אַלטער שוהל געפינט זיך, ווייסט איהר דאָך, אַ פינסטער קעמעריל, אַ לעדיגס, וויל מען, הייסט עס, דאָס קעמעריל גוט צורעכט מאַכען מיט אַיין אָרון קודש, מיט אַלצדינג ווי אַ שטיבּעל בּעדאַרף זיין, פאַר אַייך מיט אַייערע לייט, וואו איהר וועט זיין דערווייל, — פאַרשטעהט איהר? — די גאַנצע בּעלי-בּתים. — ווי בּאַלד איהר טהוט עס, וועט געשטילט ווערען דעם פריץ׳ס כּעס און ממילא פאַרבּעסערט ווערען די יודישע לאַגע... שונאים, ווי אַ רב שמעלקי, אַ שטייגער, וועלען אויך פערשטומט ווערען, בּלייבּענדיג דאָ אַליין די איינציגע פיינע בּריות, און אומגעשטערט פאַר-נעהמען צו זיך די אַלע כּבודים, גבאות, עליות וכדומה — לאָזען זיי זיך דערמיט וואַרגען!

פון חייקיל-חיים׳ס וועגען, און אַ טייל פון זיינע לייט וואָלט די זאַך גאָר ניט קרום געווען, האַ, אפשר איז בּאמת טאַקי דערווייל אַ סברא! פאַר וואָס ניט? נאָר פאַר געוויסע מענשלעך, בּלי-קודש, איז דער דאָזיגער פלאַן געווען אַ סם. ס׳טייטש, אַז אוים מחלוקת, אוים פייער, ווי-זשע וועלען זיי בּרענגען אַ וועלט? לא! האָבּען זיי געשריען, אוים דער הויט געשפּרונגען און אויפגעריהרט גאַנץ קאַבּצאַנסק.

און ווי האַלט עס אין קאַבּצאַנסק אַצונד?

אוי ווי שלעכט, ס׳איז אַ מהומה, יודען שלעפען זיך אַוועק מיט די טאָרבּעס אין דער ווייטער וועלט — און ס׳איז אַ מעשה אָהן אַיין עק!...

שכנות, אין זיינע הייזער, און ווילען נישט צאָהלען קיין אַרענדע=געלד. אַצונד לעהרנען עס זיינע לייט מיט קאַבצאַנסק בלק!

ביז נאַכט האָבען די דאָזיגע רבי'ס מיט דער היינט=מאָדישער מעטאָדע געענדיגט פון בלק איין פרשה, איין גאַס הייסט עס, די טונעיאַדעווקער גאַס, לעת=עתה, וואו עס זיצען די עכטע בלוטזויגער, די אמת'ע קאַבצאַנסקער קבצנים, און די איבעריגע אָבגעלעגט אויף שפּעטער אַביסעל. יודישע קינדער, גוט אָנגעלערענטע, וואַלגערען זיך נאַקעטע, הונגעריגע אין נעץ, אין קעלט, אויף די גאַסען, אונטער דעם פרייעם הימעל.

אוי וועה, שרייט קאַבצאַנסק, אַ דונער האָט מיך געטראָפען!

וואָס=זשע, נעבעך, טהוען יודישע קינדער? וואַלגערן זיך דאָ אויף דער גאַס איז קיין תכלית נישט, שרייען איז אויך נים קיין גוטער משא=ומתן, נעהמען יודעלעך און ריהרען זיך פון אָרט: אַ טייל שלעפען זיך אַוועק ווייט אין עק וועלט און אַ טייל שטופען זיך אַריין דערווייל אין ניי=קאַבצאַנסק, מאַכען דאָרט אָן אַנ'ענגשאַפט און שטעהען די ניי=קאַבצאַנסקער אין דער גרגרת. און דאָס פערשטעהט דאָך אַפילו אַ קינד אויך, אַז עס שטעלט זיך, נישט=דאָ=געדאַכט, אַ ביין אין האַלז, הוסט מען, קייכט מען מיט אַלע כּחות, פונ'ם ביין ווי=ס'איז פּטור צו ווערען, דעריבער האָבען די ניי=קאַבצאַנסקער, נעבעך, נאָר נישט ווילענדיג שטאַרק זיך צוהוסט, דאָס הייסט געאַרבייט אויף אַלע כלים, ווי לייז צו ווערען פון אַזאַ אָנשיקעניש, פון אַזוינע כפול=שמונה'דיגע קבצנים, און געזוכט מיטעל, ווי צו שטילען דאָס פייער אין אַלט=קאַבצאַנסק, אַז זייערע ברידערלעך דאָרט זאָלען מעהר נישט קומען צו אַזאַ מיאוס'ער לאַגע, זאָלען זיצען רוהיג ביי זיך אין דער היים און אויך זיי אויף ווייטער לאָזען צו רוה. ביים פריץ זענען זיי געווען שטיקלעך תקיפים, קיין סכסוכים צווישען זיי מיט איהם איז קיינמאָל נישט געווען, און אַרויסשטעלען זיך איהם אַקעגען פאַר דעם מקום קדוש מיט דער שטאָט דאָרט, האָבען זיי אַפילו אין זינען נישט געהאַט... ווייסענדיג זעהר גוט זיין קאַפּריז. אַלצדינג איז ער גרייט אַמאָל נאָכצוגעבען, נאָר נישט אויף קיין האָר פון זיין קאַפּריז. בכן קומען זיי צו חייקיל=חיים'ן מיט אַזאַ פלאַן:

— הערט אויס, רב הייקיל=חיים! מיט קאַבצאַנסק שטעהט עס אַצונד שמאָל. אַז אָך=און=וועה צו איהר, צו וואָס זי איז געקומען פאַר איהרע זינד! זי ברויכט באַלד טאַקי הילף. מיט אַ פריץ מאַכט מען

קס ביבליאטעק

נאָמען פון בוך אלע ווערק ז באנד

אויטאָר ש. אבראמאוויץ

אויסגאַבע מענדעלע נ' יארק

נאָמען

דאָס בוך מוז אומגעקערט ווערן פּונקט אין צייט,
ווי עס איז אונטן אָנגעוויזן.

אנדערע ווילן אויך לייענען דאָס בוך.
